STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05452

OYNEG YONTEV

A. D. Oguz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עונג יום טוב

יום טוב מעשה'לאך, הומאָרעסקען, פעליטאָנען, דברי
הלצה און הומאָריסטישע און סאַטירישע מסכתות
און הגדות פאר אלע ימים טובים פון
יאָהר און פאר אלע קלאסען
מענשען.

פון א. ד. אגוז

פרייז $2.00

ארויסגעגעבען פון פארפאסער
A. D. OGUS, 1542—45th STREET,
BROOKLYN, N. Y.
ניו יאָרק, 1921

Copyright, 1921, by A. D. Ogus

אינהאלטס פארצייכנים

זייט

הגדה, קניידלאך און ארבע כוסות.

אַ נס מיט'ן פסח'דיגען באָרשטש	9
די ערשטע מלוכה	18
שמערקע די מלכה	24
אליהו הנביא מיט אַ שאלה	30
דער חמצ'דיגער צימעס	36
דער טייערער אפיקומן	41
אַ פאַרקעהרטע הגדה	48
די ביטערע נקבה	53
די קאָנקורענטען	54
דער לוסטיגער פעדלער	55
אַ שיקסע ווייס ניט פון מרור	57
פאַרלאַנגט אַ מלך	59
חד גדיא, חד גדיא	61
הגדה פאַר אַמעריקאַנער ווייבלאַך	64
מדרש ערב פסח	69
מסכת קניידלאך	73
פסח'דיגס און חמצ'דיגס	77

רות, אקדמות און בלינצעס.

די פאַרשטערטע בלינצעס — — — — — — — — — — — — — — 81

מגילת רות פון לאפּיגישאָק — — — — — — — — — — — — 87

די תורה און די אידען — — — — — — — — — — — — — 93

אקדמות לשנת תרע"ז — — — — — — — — — — — — — 97

די בלינצע און די קנוידעל — — — — — — — — — — — — 100

אקדמות לשנת תרע"ח — — — — — — — — — — — — — 104

מסכת בלינצעס — — — — — — — — — — — — — — — 107

תקיעת שופר, על חטא'ס און כפּרות.

על חטא שחטאנו בהרהור הלב — — — — — — — — — — — 113

על חטא שחטאנו בלצון — — — — — — — — — — — — — 116

על חטא שחטאנו בהונאת רע — — — — — — — — — — — 120

דער נייער רבונו של עולם — — — — — — — — — — — — 124

תקיעת שופר פאר'ן פּריץ — — — — — — — — — — — — 129

דער שר של ים פאר בית דין של מעלה — — — — — — — — 135

דער שטן אַלס מליץ יושר — — — — — — — — — — — — 139

מסכת ראש השנה נוסח אַמעריקא — — — — — — — — — 147

דער גרויסער ויכוח — — — — — — — — — — — — — — 152

אַמעריקאנישער מחזור — — — — — — — — — — — — — 158

טענות פון אַ כפּרה האָהן — — — — — — — — — — — — 161

די פּתיחה דנעילה — — — — — — — — — — — — — — 166

סוכה, אתרוג און שמחת תורה.

קהל אַהן אַן אתרוג — — — — — — — — — — — — — — 175

געקידנעפּט אין סוכה — — — — — — — — — — — — — 181

זייט

ליבעלע דעם יתום׳ס סוכה — 189
דער לולב און די ערבה — 195
א צו קליינער פיטום — 200
טו סענטס איז פיעס — 202
פייוו סענטס איז בענש — 204
מסכת סוכה למדינת קאלומבוס — 205
אויסגעבאפט די חתן תורה — 209

חנוכה, חמשה עשר און ניי־יאהר.

פארשפילט דעם רבין׳ס חנוכה געלד — 217
כס חנוכה אין באקענוויל — 228
חנוכה דרעהדיל און קארטען — 232
מסכת קארטען — 237
הגדה לחנוכה נוסח אמעריקא — 242
מסכת לאטקעס — 246
א לשנה טובה קארד די בוימער — 249
דער צר הצורר דער לוח — 253

גראגערס, שלח־מנות און קרעפלאך.

א פארבלאנדזשעטע שלח־מנה — 259
ילקוט פורים — 266
מגלת אסתר פון באקענוויל — 269
ילקוט פורים חדש — 275
דעם אנקעל׳ס פורים־געלט — 278
פורים׳דיגע תורה — 280
עהרען־ליסט פון סובסקרייבערס — 283

הגדה,
סניידלאָד
און ארבע כוסות

אַ נס מיט׳ן פסח׳דיגען באָרשטש.

א.

די „באָרשטש-ליין.״

עס איז ניט געווען קיין מאכל און קיין משקה אין לאַפּינישאַק וואָס האָט געהאַט אזאַ שם ווי צירעלע דער גביר׳טעס פסח׳דיגער באָרשטש.

צירעלע איז געווען די איינציגע גביר׳טע אין שטעדטעל. זי, איהר מאַן אָשר דער גביר און זייערע קינדער האָבען צוזאַמענגע־שטעלט די „400״ פון לאַפּינישאַק. זיי זיינען געווען די גבירים, די אַריסטאָקראַטען און דער סאַמע שפּיגעל פון שטאָדט. די איבעריגע איינוואָהנער פון לאַפּינישאַק זיינען באַשטאַנען פון אייניגע קליינע בעלי הבתים און אַ שעהן ביסעל קבצנים גדולים.

אָשר דער גביר האָט געפיהרט אַ גביר׳שע הויז. האָט גע־האַלטען אַ דינסט, אַ משרת און אַ לעהרער צו די קינדער. געגעסען האָט מען ביי זיי פליישׁ צו יעדען מיטאָג. זאָגאַר אַ גלעזעלע וויין האָבען זיי זיך פאַרגונען צו טרינקען אין מיטען מיטוואָך, אַזוי רייך האָבען זיי זיך געפיהרט.

כמעט אַלע אידען פון לאַפּינישאַק זיינען געווען „נזירים״ און האָבען קיינמאָל ניט גענומען קיין וויין צו זייערע ליפּען. זאָגאַר די ארבע כוסות פלעגט מען אויך פּטר׳ן מיט מעד אָדער לאַקריץ וואַסער. בלויז אייניגע בעלי הבתים גבוהים, רייכע בעל הבתים, האָבען באַנוצט ראָזשינקעס וויין אויף קידוש און הבדלה. דעם וויין פלעגען זיי אַליין פאַבריצירען. וזה סדר העבודה, און אַזוי האָבען די לאַפּינישאַקער בעל הבתים געמאַכט זייער וויין:

מען פלעגט קויפען פאַר אַ פּאָר גראָשען ראָזשינקעס און מען פלעגט עס אריינטאָן אין אַ פלאַש, אָנגיסען מיט וואַסער און לאָזען שטעהן אויף אַ וואַרימען אָרט. אין עטליכע טעג ארום האָט מען די שיטערע אראָפּגעגאָסען און עס אַ נאָמען געגעבען „יין

צימוקים", און דאָס האָט געדינט פאַר די מאַנסבילען אויף מאַכען קידוש. די אויסגעווייקטע ראָזשינקעס זיינען אויך ניט געגאַנגען לאיבוד. דאָס האָבען די ווייבער צוגענומען און געקאָכט דערפון קאָמפּאָט אָדער זיי אריינגעטאָן אין צימעס.

אָשר דער גביר האָט געהאַלטען פעלדער אין אַרענדע און גע־האַנדעלט מיט וואַלד. ער איז געווען אַ פאַררעהטער מענש און האָט קיין צייט געהאַט ארומצוקוקען זיך אויף די אָרימע לייט פון שטעדטעל. דערפאַר אָבער האָט זיין ווייב צירעלע די גביר'טע געהאַלטען אַן אויג אויף די קבצנים און זי פלעגט אָפּט טיילען אַביסעל צדקה.

אַ דימענטענע אידענע געווען, די צירעלע. אַ פרומע און אַ גאָט'ס פאַרכטיגע, און ניט אומזיסט פלעגט מען אויף איהר זאָגען, אַז זי איז רייך אי אין געלד, אי אין מעשים טובים.

אויסער די דריי מצוות וואָס ווייבער דאַרפען מקיים זיין, האָט צירעלע די גביר'טע איהר גאַנצען לעבען געהאַלטען פון נאָך דריי אַנדערע מצוות. אַ פּאָר מאָל אין וואָך פלעגט זי טיילען פאַר אָרי־מע לייט זויער מילך און מאַסליאַנקע (פּוטער מילך), וואָס זי האָט געהאַט פון איהרע אייגענע בהמות; אסתר תענית פלעגט זי גע־בען זויערע קרויט אַלס מתנות לאביונים, און ערב פסח פלעגט זי טיילען בוראַקעס צו באָרשטש אָדער ראָסעל, ווי מען רופט עס אין אַנדערע מקומות.

אסתר תענית ביים פאַרטיילען די קרויט פלעגט ניט זיין אַזא גרויסער עולם, ווייל פּורים אָהן קרויט קען מען אויסקומען און ניט אַלע קבצנים האָבען זיך גענויטיגט אין דיזער מתנה. באָרשטש אָבער אויף פסח מוז מען האָבען אַקוראַט ווי מען מוז האָבען מצה און מרור און אַלע וואָס האָבען ניט פאַרמאָגט אַליין איינצוליייגען בוראַקעס, אָדער די וואָס האָבען זיך געוואָלט פאַר־שפּאָרען די הוצאה, האָבען גענומען באָרשטש ביי צירעלע דער גביר'טע.

צירעלע איז אין דעם ניט געווען שפּאָרזאַם. אַלע פאַר פסח פלעגט זי איינלייגען אַ גאַנץ גרויסע פאַס בוראַקעס, אום צו קע־נען פאַרטיילען מיט באָרשטש גאַנץ לאַפּינישאַק. מען האָט דעם באָרשטש ניט געשעפּט, נאָר געצאַפּט פון אַ קראַן און ער איז אַרויסגעקומען ריין און זויבער.

נאָך בדיקת חמץ פלעגט זיך נעבען דער גביר׳טעס הויז ביל־דען, אזוי צו זאָגען, א „באָרשטש־לייך״. ווייבער פלעגען שטעהן מיט טעפּ און אנדערע כלים ביים קעלער און ווארטען אויף זייער נעקסט, וועהרענד דעם גביר׳ס משרת האָט געארבייט שווער און ביטער צאַפּענדיג באָרשטש פאַר אַלעמען. מען האָט דעם באָרשטש ניט גענעבען מיט א מאָס. נאָר יעדע פרוי האָט געקראָגען אָנגע־פילט אירגענד וועלכע כלי זי האָט געבראכט. עס פלעגט אמאָל געדויערען ביז גאַנץ שפּעט אין דער נאכט ביז מען איז מיט דער „באָרשטש־לייך״ פערטיג געוואָרען.

און צירעלע׳ס באָרשטש האָט געהאט א נאָמען און איז גע־ליבט געוואָרען פון אַלע וואָס האָבען איהם פארזוכט. דערפאר האָט מען איהר ביי איהר לעבען שטענדיג פארשאָטען מיט טויזענ־דער ברכות און ווען זי איז געשטאָרבען זיינען ווייבער נאָכגעגאַנגען נאָך איהר מיטה און געוואונשען, אז די לאַדישקעס זויער מילך, שיסלען קרויט און טעפּ ראָסעל, וואָס זי האָט צוטיילט פאַר אָרימע לייט, זאָלען איהר אנטקעגען קומען אויף יענעם עולם.

ב.

עס איז פרעהליך אין שטעדטעל.

איין יאָהר איז געווען א יקרות אויף בוראקעס, אזא יקרות, אז מען האָט עס כמעט פאַר געלד ניט געקענט קריגען. צירעלע די גביר׳טע האָט זיך פאַר׳ן יקרות ניט אָפּגעשראָקען. האָט דער עסק געקאָסט נאָך א פּאָר רובעל; אָבער פסח׳דיגען באָרשטש האָט זי צוגעגרייט געגוג. אין יענעם יאָהר איז אין דער נאכט פון בדיקת חמץ געווען די „באָרשטש־לייך״ ביים גביר׳ס הויז א גרע־סערע ווי אַלע יאָהר, ווייל דאמאלס זיינען אפילו מאנכע שעהנע באַלעבאָסטעס געקומען נעהמען אביסעל באָרשטש אויף פסח.

ווען דער באָרשטש־צוג האָט זיך געצויגען צוריק אהיים מיט די פולע כלים, האָט זיך זעלדע דער שמש׳טע פארגלוסט א זופּ טאָן פון טעפּעל. דאָס רוב ווייבער האָבען א יצר הרע צו פארזו־כען. יעדע זאַך, וואָס לאָזט זיך נעהמען אין מויל, ווילט זיך זיי

א בים טאָן אָדער א זופּ טאָן. אזא נאַטור האָבען זיי. זעלדע האָט זיך פּאַסמאַקעוועט און א זאָג געטאָן צו אַן אַנדער אידענע: „האַרצעלע, קרוינעלע, איז היינט באָרשטש, נאָך קיינמאָל אַזאַ באָרשטש ניט געווען! פּאַרזוכט אויף ציקאַוועס, וועט איהר זעהן".

דיזע ווערטער האָבען זיך איבערגעטראָגען פון מויל צו מויל און פון אויער צו אויער און באַלד האָבען זיך טעפּלאַך אָנגעפאַנגען הויבען און פיסקעלאַך איינבויגען און עס האָט זיך געהערט א סמאַטשקעריי פון צעהנדליגע ליפּען באַגלייט מיט פאָלגענדע פראַזען:

— פּקוח נפשות, אויף נאמנות.
— א כפּרה מעד.
— א מאכל.
— עס צוגעהט איבער אַלע גלידער.
— א מחיה.
— א מציאה פינף גראָשען א זופּ.
— אַן אויסנאהם אין דער וועלט.
— קידוש צו מאַכען איבער'ן באָרשטש.
— דער קייסער מעג אזא באָרשטש עסען.
— אזא געראָטענער באָרשטש איז נאָך קיינמאָל ניט געווען און עס וועט ניט זיין.

זעלדע די שמש'טע איז געקומען אַהיים און געטראָפען איהר מאַן, לייזער דעם שמש, עפּעס ניט אין קיין גוטער לוינע. ער איז געווען א ביסעל פאַרזאָרגט וואָס ער האָט צו יענעם בדיקת חמץ וועניג געלייזט פאַר וועקסענע „סטאַטשיקעס".

— הערסטו, לייזער — האָט זיך זעלדע אָפּגערופען — דו ווילסט א גוטען טרונק? פּאַרזוך אביסעל פסח'דיגען באָרשטש וואָס איך האָב ערשט געבראַכט פון צירעלע דער גביר'טע. דו וועסט זיך פּשוט מחיה זיין.

לייזער האָט א הויב געטאָן דעם טאָפּ צום מויל און א היבשען זופּ געטאָן.

— טאַקע אַן אַנטיקעל, — האָט ער באַמערקט, א כליאַבע טוענדיג נאָך אַמאָל.

— אַן אַנטיקעל צו אַן אַנטיקעל איז ניט גלייך, — האָט זיך

זעלדע אפגערופען און האט דערווייל צוגעשטעלט איהרע ליפען צום זוים פון טאפ און א היבשען ציה געטאן. לייזער האט אויך די זעלבע זאך איבערגע׳חזר׳ט.

— זעלדע — האט לייזער זיך אפגערופען אביסעל שפע־טער — דיר איז קאלט? מיר איז ווארים, אזש היים אין אלע גלידער.

— מיר איז אויך ווארים — האט זעלדע געענטפערט.

— עפעס שווינדעלט מיר אין די אויגען.

— מיר אויך אזוי.

— עפעס דרעהט זיך, איך ווייס ניט וואס, מיין קאפ אדער די שטוב.

— ביי מיר דרעהט זיך אויך.

לייזער נעמט ארום זעלדען און כאפט איהר קושען און הויבט אן זינגען „מנוחה ושמחה" אויפ׳ן קול.

— וואס עפעס אין מיטען מיטוואך קושען זיך? — פרעגט זעלדע.

— איך ווייס אליין ניט — ענטפערט לייזער. — עפעס איז מיר ערשט אזוי גוט, אזוי מחיה׳דיג, אז איך קען עס דיר ניט אפ־מעלדען. עפעס איז מיר פרעהליך אויפ׳ן הארצען אזוי ווי שמחת תורה נאך ווארעמעס.

— איך האב מורא, לייזער, אז מיר זיינען שכור.

— עס קען זיין. פון וואס?

— פון די בארשטש מסתמא.

— די פיס פלאנטערען זיך מיר טאקע.

— מיר אויך. איך פאל נאר וואס ניט אום.

— אפשר, זעלדע קרוין, זיינען מיר חלילה עפעס ניט מיט אלעמען?

— זאל גאט היטען. שכור זיינען מיר.

לייזער הויבט ווידער אן זינגען זמירות אויפ׳ן אויבער; אבער זיין שטימע ווערט אלע מאל שוואכער און שוואכער, ביז ער שפארט זיך אן אן טיש און ווערט אנטשלאפען. זעלדע דער־שלעפט זיך קוים אין אלקיר און פאלט אויפ׳ן בעט ווי א סנאפ.

מיט דרייזע דער בייגעל בעקערקע האט יענע נאכט פאסירט א שטיקעל סיבה. זי האט געהענדיג פון דער גביר׳טע א פאר

מאָל אַ זופּ געטאָן פון טאָפּ באָרשטש. פלוצלונג האָט זיך איהר פאַרדרעהט דער קאָפּ, זי איז געפאַלען אין מיטען גאַס און צובראָכען דעם טאָפּ.

ביי שמעלקע דעם שוסטער האָבען די קינדער אַ נאַש געטאָן פון צירעלע דער גביר'טעס באָרשטש און זיי זיינען געוואָרען שוואַך אויף די פיסלאַך. שמעלקע אַליין ווידער האָט זיך אָנגעזופּט מיט דער משקה און ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געזונגען „שושנת יעקב" און געמאַכט משוגענע העוויות.

בערקע דעם שניידער האָט די ווייב זיינע מכבד געווען מיט אַביסעל באָרשטש. שפּעטער האָט ער אָפּגעטראָגען אַ שטיקעל ארבייט צו אַ בעל הבית, איז איהם פּלוצלונג עפּעס ניט גוט גע־וואָרען, ער איז געפאַלען און אויסגעשמירט דעם נייעם בגד אין בלאָ־טע. מען האָט איהם געפונען ליגענדיג אין גאַס זינגענדיג אַ שטיקעל פון אחשורוש־שפּיל.

ר' מאָטעלע דער מגיד איז פון צירעלע'ס אַביסעל באָרשטש געוואָרען פרעהליך און איז פון עלער הויט געגאַנגען אַ טענצעל. יאַנקעל דער בעל עגלה האָט אויסגעקלאַפּט אַ פּאָר שויבען ביי איצע דעם שענקער און חיים דער שמיד האָט אָנגעשלאָגען זיין ווייב. הכלל, עס איז געווען אַ פרעהליכע נאַכט.

אויף מאָרגען פריה האָט מען וועגען די אַלע געשעהעניסען גערעדט אין בית המדרש און ביים רב אין שטוב ביי מכירת חמץ. עס זיינען וועגען דעם געווען חלוקי דעות. מאַנכע האָבען גע־זאָגט, אז צירעלע די גביר'טע האָט אריינגעטאָן אַזעלכע טראָפּענס אין באָרשטש און דאָס האָט דעם עולם פאַר'שכור'ט; אַנדערע ווידער זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז זי האָט אין באָרשטש אריינגעמישט וויין. אָבער ר' מענדעל דער דיין האָט געגעבען צו פאַרשטעהן, אז באָרשטש אַליין האָט אין זיך אַ שטאַרקייט, ווען מען מאַכט איהם פעט, והראיה, אז קאַרטאָפליעס האָט אין זיך אַ שטאַרקייט און מען מאַכט דערפון בראַנפען. און אַזוי איז עס פאַרבליבען.

ג.

די מזל ברכה אין בארשטש.

ציררעלע די גביר׳טע האט ארונטערגעשיקט איהר דינסט אין קעלער צו זעהן אויב עס איז נאך פארבליבען אין פאס אביסעל בארשטש. די דינסט, אן אלטע, פרומע אידענע, איז ארויפגע־לאפען א דערשראקענע און זי האט קוים דעם אטעם געכאפט. „באלעבאסטעשי״, האט זי געזאגט, „די פאס מיט די בארשטש איז פול ווי אויג, אפילו א לעק ניט געריהרט״.

— וואס רעדסט דו, וואס? — האט די גביר׳טע פארוואונ־דערט געפרעגט. — משוגע מיינע שונאים, צי חסר דעה? מען האט דאך נעכטען, אהן עין הרע, אזוי פיל צוטיילט.

— איך בין ניט משוגע און ניט חסר דעה — האט די דינסט געענטפערט. — איך וויים וואס איך רייד. איך בין חס ושלום ניט בלינד און איך האב עס ריכטיג געזהן.

— אבער ווי אזוי קען עס זיין? — האט ווידער ציררעלע געפרעגט — איהר זיינט, האט מיר קיין פאראיבעל ניט, אן אל־טער נאר!

— איך בין שוין גאר קיין נאר ניט, — האט די אלטע גע־ענטפערט. — איך זאג אייך נאך א מאל, באלעבאסטעשי, אז די פאס איז פול, אט אזוי ווי מיר האבען היינט ערב פסח אויף דער וועלט. געהט ארונטער וועט איהר זעהן, אויב איהר גלויבט מיר ניט.

ציררעלע איז ארונטערגעגאנגען אין קעלער און זיך איבער־צייגט, אז איהר דינסט האט אמת געזאגט און זי איז געבליבען א צושראקענע.

די אלטע דינסט האט איהר בארוהיגט. „שרעקט זיך ניט, באלעבאסטע״, האט זי איהר איינגערדט, „דאס האט גאט אריינ־געשיקט א מזל ברכה אין בארשטש. דער אויבערשטער האט אייך געצייגט א נס פאר די צדקות וואס איהר טוט מיט ארימע לייט. א נאווינע איז עס? אט שטעהט ערגיץ אין טייטש חומש, אז אמאל האט אזא זאך פאסירט מיט א נביא, מיט א צדיק, איך געדענק ניט ריכטיג ווי דאס איז געווען; אבער פון איין קריגעל

בוימעל איז געוואָרען אַ סך קריגלעך. שאַ, און וואָס איז געווען חנוכה? האָט דאַמאָלס ניט געטראָפּען אַזאַ נס אַזוי ווי אייך מיט דעם באַרשטש?"

די גביר'טע האָט זיך געלאָזט איינריידען און עס איז ביי איהר אויך פאַרבליבען, אַז אַ נס איז איהר געשעהן.

די אַלטע דינסט האָט באַלד וועגען דער מזל ברכה אין איהר באַלעבאָסטע'ס באַרשטש צופויקט איבער'ן שטאָדט און אומעטום האָט מען דערפון גערעדט.

אַצינד איז שוין פאַרענטפערט געוואָרען די שאלה, וואָרום מען האָט זיך מיט ציִרעלע דער גביר'טעס באַרשטש אָנגע'שיכור'ט. מענדעלע דער דיין האָט פאַר אַן עדה אידען אין מרחץ געזאָגט, אַז דאָ איז זיכער געווען אַ נס בתוך נס. אין דעם פּאָס איז אריין אַ מזל ברכה און פון דעם באַרשטש איז געוואָרען וויין. אויפ'ן רבונו של עולם טאָר מען קיין קשיות ניט פרעגען. ער קאָן טאָן וואונדער ווען מען פאַרדינט עס ביי איהם.

גאַנץ לאַפּינישאָק האָט געגלויבט באמונה שלמה אין דעם דאָפּעלטען נס און די שטעדטעל איז געווען, ווי מען זאָגט, אויף רעדלאָך.

* * *

נאָך מעריב. ביי אשר דעם גביר אין הויז איז ליכטיג. אין אַלע צימערען ברענען די בליץ־לאָמפּען. אין עס־שטוב אויפ'ן טיש שטעהט אַ גרויסער זילבערנער לייכטער מיט זעקס רעהרען, אין וועלכען עס ברענען גרויסע, סטעארינאָווע ליכט. ציִרעלע די גביר'טע און אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע זיינען אויסגע־סטראָיעט יום טוב'דיג. די הסב־בעט און אַלעס וואָס אנבאלאנגט צום סדר איז פאַרטיג און מען וואַרט נאָר אויפ'ן בעל הבית, אַז ער זאָל קומען פון שול און מען זאָל זיך זעצען צום סדר.

אשר קומט אריין אין הויז מיט אַ ברייטען „גוט יום טוב" און הייסט דעם משרת ארויפנעהמען וויין פאַר ארבע כוסות. דער משרת געהט ארונטער און קומט אַ ביסעל שפּעטער ארויף אַן אויפגעציטערטער. זיין פּנים איז געווען בלאַס אַזוי ווי דער טיש־טוך מיט וועלכען דער טיש איז געווען צוגעדעקט און עס האָט איהם געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

— באַלעבאָס לעבען, — האָט דער משרת געזאָגט ציטערענדיג

ווי א פיש אין וואסער. — איך ווייס ניט וואָס איז דאָ היינט גע־וואָרען ביי אונז. אין באָרשטש איז אריין א מזל ברכה און אין וויין איז אריין אַן איינזינקעניש! קוים א האלבען קריגעל וויין אָנגעצאַפּט און מעהר איז ניטאָ!

—וואָס הייסט ניטאָ? — פרעגען אַלע פארוואונדערט.

— ניטאָ און געגוג. אפילו א לעק ניטאָ.

— אפשר איז אויסגערונען?

— גאָט באהיט! אין קעלער איז טרוקען אזוי ווי דאָ אויפ'ן טיש.

— אפשר האָבען גנבים אויסגעצאַפּט דעם וויין?

— חלילה! ווי אזוי? דער קעלער איז שטענדיג פארשלאָ־סען. האקט מיר אראָפּ מיין קאָפּ, פארשטעה איך ניט וואָס דאָ איז געשעהן.

דער גביר מיט דער גביר'טע זיינען צוזאמען מיט'ן משרת ארונטער אין קעלער און זיך איבערצייגט, אז פון דער גרויסער פאַס וויין וואָס זיי האָבען אויסגעשאַפּט פאר זיך אויף פסח און צו פאַנאַנדערטיילען צו פריצים'לאך, מיט וועלכע זיי האנדלען, איז קיין שריד ופליט ניט געבליבען, און זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן וואָס דאָ איז געשעהן.

ערשט א ביסעל שפּעטער האָט זיך דער משרת דערמאָנט, אז ער האָט געמאַכט א מיאוס'ען טעות און אָנשטאָט בוראַקאָוועז ראָסעל האָט ער צו די אָרימע ווייבער צוטיילט די גרויסע פאַס וויין.

די ערשטע מלוכה.

דערצעהלט מיר א איד אזא מעשה:

די ערשטע צוויי נעכט פון פסח בין איך געוועהנליך א מלך גלייך מיט אלע אידען. אבער איך וועל אייך זאגען דעם אמת, אז איך פיהל אין דער דאזיגער מלוכה קיין טעם ניט און איך וואלט מיין טראן פארקויפט אין גאנץ גלייכען געלד.

איינמאל אין מיין לעבען האב איך געפיהלט א טעם אין דער אידישער מלוכה. דאס איז געווען דעם ערשטען פסח נאך מיין טאטען'ס טויט, ווען איך בין געווען א איינגעל פון א יאהר צעהן.

מיין טאטע, עליו השלום, איז געשטארבען אנפאנגס ניסן און האט איבערגעלאזט מיך, די מאמע און מיין אינגערען ברודער אי־טשע, וואס איז דאמאלס אלט געווען א יאהר זיבען.

איך בין שוין דאמאלס געווען א גמרא איינגעל און האב שוין אליין געקענט אריינקוקען אין די שווארצע פינטעלאך און פאר־שטעהן א דין אדער אן אנדער זאך. מיין ברודער איטשקע האט נאך געלערענט חומש.

נאך מיין טאטען'ס טויט בין איך געווארען א שטיקעל בעל הבית, א חצי טאטע איבער מיין אינגערן ברודער.

אויף מיר האט זיך די מאמע פארלאזט, אז איך וועל אליין זיין סטאטעטשנע און וועל געהן בדרך הישר און דאווגען עהרליך און זאגען קדיש נאכ'ן טאטען, ווייל זי האט מיך געהאלטען פאר א שטיקעל בר דעת. פארט א גמרא איינגעל און ניט קיין שלעכטער איינגעל. זי האט מיר דעריבער אנגעזאגט אז איך זאל למעה"ש היטען איטשען, אז ער זאל דאווגען און זאגען קדיש ווי געהעריג איז.

איך האב איבערגענומען דעם טאטען'ס גרענדע און געפיהרט די ממשלה ביד רמה. האט איטשקע זיך פארטראכט אדער פאר־שפילט ביים דאווגען, אדער האט ניט געענטפערט „אמן" און „יהא שמה רבא", האב איך איהם אנגעדרעהט פאר'ן אויער אדער א בוכטשע געטאן מיט'ן עלענבויגען, אזוי ווי דער טאטע פלעגט

מיר אמאָל טאָן. האָט ער איבערגעכאַפּט דעם קדיש שאַך־מאַך, האָט ער פון מיר אויך געכאַפּט א פּסק.

אמת, ר׳ איטשקע הקטן פלעגט זיך אַפּטמאָל ניט פוילען און מיר דערלאַנגען א בריק מיט׳ן פוס אָדער א וואָרף טאָן מיר מיט א שטיינדעל; אָבער אין אזעלכע פעלע פלעג איך איהם ענטוועג־דער אליין כאַפּען און גוט אָנברעכען די ביינער, אָדער איך פלעג איהם פאַר׳מסר׳ן פאַר דער מאַמע, און די מאַמע פלעגט איהם פאַר־מסר׳ן פאַר׳ן רבי׳ן, ביי וועלכען ער האָט געלערענט, און ער פלעגט שוין קריגען זיינס.

עטליכע טעג פאַר פּסח האָט מיר די מאַמע אָנגעזאָגט, אז איך וועל דאַרפען בודק חמץ זיין און פּראַווען די סדרים. דיזע בשורה האָט מיך געמאַכט שטאָלץ און אויפגעהויבען אין הימעל אריין. א קאַטאָוועס איז עס, זיין דער גאַנצער בעל הבית און פּראַ־ווען די סדרים אזוי ווי א גרויסער! איך האָב מיר פאָרגעשטעלט ווי גוט און ווי וואויל מיר וועט זיין, ווען איך וועל זיצען אויפ׳ן הסיב־בעט טאַקע אזוי ווי א קיסר און מיין ברודער איטשקע וועט מיר פרעגען די פיער קשיות און איך וועל איהם ענטפערען דעם תירוץ. היינט וועל איך האָבען די דעה איבער׳ן כרפס, איבער די כוסות און חרוסת און וועל טיילען דעם אפיקומן. קען דען זיין א גרעסער גליק ווי דאָס? קען דען א מענש האָבען א גרעסערען תענוג ווי זיין דער פעלדמאַרשאַל, דער גלאַווני קאָמאַנדיר ביים סדר?

נאָכדעם ווי מיין מאַמע האָט מיך באַשטימט אלס מלך צו די סדרים, האָב איך שטרענגער אָנגעהויבען צו טאַטעווען איבער מיין ברודעריל. איך האָב איהם דעם קאָפּ ניט געלאָזט אויפהוי־בען און האָב איהם אלץ געוואָרענט אז ער זאָל זיך גוט אויסלערנען די פיער קשיות. לאָמיר נאָר זעהן, איטשקע — פלעג איך איהם סטראַשען — אז דו זאָלסט ניט קענען פרעגען די פיער קשיות! לאָמיר נאָר זעהן אז דו זאָלסט ניט קענען פאַרטייטשען „קדש ורחץ״!

מיין איטשקע פלעגט עס זעהר ניט וועלען ליידען. וואס בין איך עפּעס פאַר א בעל דעה איבער איהם? אבער וואס מעהר ער האָט ניט געוואָלט ליידען, אלץ מעהר האָב איך מיט איהם געקאָ־מאַנדעוועט און איך האָב דערפון א מאָרנעם נחת רוח געהאַט.

איך האָב זיך געפיהלט עפּעס אזוי געהויבען ביי זיך אַקוראַט אזוי ווי, למשל, א פּראָסטער סאָלדאַט וואָס ווערט א גענעראַל.

די צערעמאָניע פון בדיקת חמץ האָב איך געפּ־אַוועט פונקט אזוי ווי דער טאַטע, עליו השלום. איך האָב געמאַכט די ברכה „על ביעור חמץ" און די מאַמע איז געגאַנגען פאַראויס מיט א וועקסענע ליכטעל און מיר אָנגעצייגט אויף די שטיקלאך ברויט וואָס זי האָט אַוועקגעלייגט אין פאַרשידענע ערטער און איך האָב זיי מיט א פעדער אריינגעשאַרט אין א לעפעל.

איך האָב בעת מעשה געקוקט אויף דער מאַמע און אויף זיך אליין און איך האָב זיך געוואונדערט וואָס איך זעה אויס אזוי קליין געגען איהר. מיר האָט אויסגעוויזען, אז איך דארף שוין זיין א גרויסער, אזוי גרויס ווי די מאַמע, לסוף בין איך אפילו ניט געווען האַלב גרויס ווי זי.

ווען איך און מיין ברודער איטשע זיינען ערב פּסח ביי נאַכט געקומען פון מעריב, איז שוין געווען די הסיב־בעט געמאַכט און דער טיש געגרייט. די מאַמע איז געזעסען אין א ווינקעל און האָט געוויינט.

איך האָב געוואוסט אז דאָס וויינט זי נאָכ'ן טאַטען און מיר האָט אויך עפּעס א ביסעל פאַרקלעמט ביים הארצען, ניט וויל איך האָב נאָכ'ן טאַטען שטאַרק געבענקט. אין אמת זאָגענדיג האָט מיר עפּעס אזוי ווי הנאה געטאָן וואָס דער טאַטע איז ניטאָ און איך וועל ערשט זיין בעל הבית ביים סדר. אָבער פאַר מיינע אויגען האָט זיך פאַרגעשטעלט דער טאַטע ווי ער זיצט ביים סדר אין ווייסען קיטעל און איך האָב עפּעס רחמנות געהאַט אויף איהם. אין אמת'ן, מען האָט גענומען א אידען וואָס פלעגט פראַווען סדרים און מען האָט איהם אריינגעלעגט אין א טיפע גרוב און פאַרשאָ־טען! אָבער ווען מען זאָל מיך בעת מעשה פרעגען: מאָטעל, ווילסטו אז דער טאַטע זאָל צוריק קומען און פראַווען דעם סדר? וואָלט איך אפשר געזאָגט „ניין".

א קינדערשער שכל מיט קינדערשע פאַנטאַזיעס!

איך האָב אָפּגעמאַכט קידוש און א קאָמאַנדעווע געטאָן „ורחץ". די מאַמע האָט דערלאַנגט וואַסער מיט א האַנדטוך און איך האָב געוואַשען די הענד און ניט געזאָגט „על נטילת ידים", אזוי ווי אין דער הגדה שטעהט.

א היבשע ביסעל נחת האָב איך געהאַט פון „כרפס". די מאַמע האָט דערלאַנגט קאַרטאָפּעל מיט זאַלץ־וואַסער און איך בין געווען דער ערשטער וואָס האָט געמאַכט די ברכה „בורא פּרי האדמה", און ווען מיין ברודער איטשקע האָט אַ מורמעל געטאָן דעם „אמן" אונטער דער נאָז, האָב איך איהם אַ ה־בשען טורזע געטאָן אין זייט און איהם געוואָרענט אַז נאָך אַמאָל זאָל ער ענטפערען „אמן" הויך, אויפ'ן קול.

דעם תענוג וואָס איך האָב געהאַט ביים „יחץ" איז ניט משער צו זיין. ווען איך האָב דעם אפיקומן באַהאַלטען ביי מיר אונטער'ן קישען, האָט זיך מיר געדאַכט אַז קיין גליקליכערער מענש ווי איך איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. ווען עס זאָל דאָרט ליגען אוצרות ביי מיר אונטער'ן קישען וואָלט מיר ניט אַזוי הנאה געטאָן, ווי דאָס וואָס איך בין בעל הבית איבער'ן אפיקומן.

איך האָב זיך, מיט איין וואָרט, געפיהלט אַזוי ווי אין זיבעטען הימעל. אָבער איין חסרון איז געווען וואָס די מאַמע האָט אַלע מאָל ארויסגעלאָזט אַ טרער און זיך געווישט די אויגען מיט'ן פאַרטוך. דאָס האָב איך ניט געקענט ליידען און דאָס האָט אַ ביסעל פאַרשטערט מיין שמחה.

אָפּגעזאָגט „כהא לחמא", האָב איך מיט גרויס שטאָלץ אַ קאָ־מאַנדעווע געטאָן צו מיין ברודעריל: „איטשקע, זאָג, אָבער הויך, וואָרט ביי וואָרט"!

איטשקע האָט אָנגעפאַנגען זאָגען: „טאַטע, איך וועל דיר פרעגען פיער קשיות".

ווי ער האָט דאָס ארויסגערעדט, האָט די מאַמע אָנגעהויבען כליפּען אויפ'ן קול און איך האָב מיין בראָטאָקעל אַ שטורכע גע־טאָן מיט'ן עלענבויגען מיט אַ באַמערקונג: „דער קאָפּ איז פאַר־טראָגען, פאַרשטיפּט, און ער ווייסט ניט אויף וואָסער וועלט ער איז."

אַזוי פלעגט דער טאַטע צו מיר אויך זאָגען, ווען איך פלעג זיך עפּעס טועה זיין.

איטשקע האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער האָט אַ טעות גע־האַט און אָנגעפאַנגען אויף דאָס ניי: „ברודער, איך וועל דיר פרעגען פיער קשיות".

בעת איטשקע האָט געפרעגט די קשיות בין איך געזעסען אָנ־

געשפּאַרט און זיך צוגעהערט און עס האָט זיך מיר געוואָלט אַז ער זאָל זיך ווידער טועה זיין, כדי איך זאָל איהם ווידער קענען א שטורך טאָן, ניט אויס שנאה חלילה, נאָר עפּעס האָב איך הנאה געהאַט דערפון, וואס איך פיהר די גרענדע, וואס איך טאַטעווע איבער איהם.

נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט: „אצינד, ברודער, האָב איך דיר געפרעגט פיער קשיות, ענטפער מיר א תירוץ", האָב איך אָנגעהויבען זאָגען „עבדים היינו" מיט א פיינעם ניגון, איטשקע האָט מיט מיר מיטגעזאָגט פון דער הגדה און די מאַמע, וועלכע איז געווען ניט קיין קיין וואויל געלערנטע, האָט אונז נאָכגעזאָגט די הגדה אויסוויינינג.

אָט אזוי האָב איך אָפּגעפּראַוועט דעם גאַנצען סדר. האָב געקאָמאַנדעוועט אזוי ווי א גענעראל זיין אַרמעע, האָב געשטורכעט מיין ברודער איטשקע און געטיילט דעם אפיקומן און זיך געפיהלט גליקליך איבער גליקליך.

דער איינציגער פעהלער איז געווען וואס די מאַמע איז די גאַנצע צייט געווען אומעטיג און האָט א ביסעל אונטערגעוויינט. ווען זי וואָלט ניט געווען וויינען וואָלט מיין שמחה און פאַרגעניגען געווען גאָר פאַרפול.

יענע נאַכט האָט זיך מיר גע'חלום'ט זיסע חלומות. מיר האָט זיך אויסגעדוכט אַז מיין ברודער איטשע ציהט מיר אַרונטער די שטיוועל אזוי ווי איך פלעג טאָן דעם טאַטען, אַז די מאַמע געהט פאַר מיר אויף די שפּיץ פינגער אקוראַט אזוי ווי זי פלעגט געהן פאַר'ן טאַטען, און אַז איך בין דער גאַנצער בעל הבית און אָהן מיין דעה ווערט קיין זאַך ניט געטאָן. מיר האָט זיך אויך אויסגעוויזען, אַז איך בין גרויס און פאַרנעהם דעם גאַנצען ביינקעל, אויף וועלכען איך בין געשלאָפען, און די פיס הייגגען נאָך אַרונטער.

ווען איך בין אויף מאָרגען פריה געקומען אין בית המדרש דאַווענען און איך האָב געהערט ווי בעלי הבתים שמועסען צווישען זיך וועגען מצות, וועגען וויין, וועגען די פיער קשיות וואָס זייערע קינדער האָבען געפרעגט גוט אָדער ניט גוט, האָט זיך מיר אויך געוואָלט אריינמישען און דערצעהלען עפּעס פון מיין סדר וואס איך האָב געפּראַוועט און פון די קשיות וואס איטשקע האָט מיך געפרעגט. אָבער איך האָב פון דעסטוועגען מורא געהאַט טשעפּען זיך

אַט מיט די גרויסע וואָס דאַוונען אין טליתים, זיי זאָלען זיך ניט אָנבייזערען און מיך מבייש שטעלען.

ווען אינגלאַך האָבען מיר שפּעטער נאָך וואַרעמעס גערופען צו שפּילען מיט זיי אין ניסלאַך, האָב איך זיי ענטזאָגט מיט פאַראַכטונג, ניט צוליעב די אבלות נאָך מיין טאַטען, נאָר ווייל מיר איז די זאַך פּשוט ניט אָנגעשטאַנען. וואָס איז עפּעס, איך בין גלייך מיט זיי? איך האָב דאָך שוין עפּעס אליין געפּראַוועט אַ סדר און מען האָט מיך געפרעגט די פיער קשיות, היינט ווי קום איך צו שפּילען זיך מיט קליינע אינגלאַך?

ביים צווייטען סדר האָב איך אויך געפיהרט די מלוכה ביד רמה און איך האָב פון איהם הנאה געהאַט מעהר ווי פון ערשטען סדר. די הויפּט זאַך איז דער צווייטער סדר געוועזן בעסער וואָס די מאַמע האָט ניט אַזוי פיעל געוויינט און ניט אַזוי פיעל געווישט די אויגען מיט'ן פאַרטוך. לויט ווי איך האָב עס דאַמאַלס געפיהלט, איז יענע סדר נאַכט געוועזן די גליקליכסטע צייט פון מיין לעבען.

שמערקע די מלכה.

מאטיע גיטעל פייגע'ס איז געקומען קיין אמעריקא.

לאמיר אייך איהם פארשטעלען, דעם דאזיגען מאטיע גיטעל פייגע'ס.

ער איז געווען א מלמד, א גרויסער מלמד וואס האט געלערענט מיט גמרא־אינגלאך, אבער אן ארימאן איז ער געווען נאך א גרעסערער און עס האט איהם שטענדיג אויסגעפעלט די זאך וואס מען רופט „חיונה".

ער איז געווען א גאנץ עהרליכער איד, א פרומער און טאקע א גרויסער למדן, איינער פון די גרעסטע לומדים אין שטאדט. ער איז אויך געווען א חכם עתיק און מען האט זיך מיט איהם געקענט אן עצה האלטען אין אלערליי ענינים.

ער איז אבער געווען א פארטראכטע נשמה, א מין תם'עוואטער מלאך און ער פלעגט זיך אפטמאל אזוי פארטיפען אין מחשבות, אז ער פלעגט ניט וויסען אויף וואס'ער וועלט ער איז.

מען פלעגט וועגען איהם דערצעהלען קאמישע מעשה'לאך. איינמאל — פלעגט מען דערצעהלען — האט ער זיך פארטראכט און האט פרייטאג באגינען גענומען א פרישע שבת־חלה אונטער'ן פאכווע אנשטאט דעם טלית ותפילין און איז אזוי אוועק אין בית המדרש דאווענען. אן אנדער מאל — פלעגט מען לאכען — האט ער אנשטאט דעם טלית קטן אנגעטאן זיין ווייב'ס א יאקעל און איז אזוי אוועק אין בית־המדרש.

און אזא נפש איז געקומען קיין אמעריקא זוכען גליקען.

געקומען איז ער אהער עטליכע וואכען פאר פסח. ער איז דא געווען עלענד. ער האט ניט געהאט קיין קרוב און קיין גואל. די ביסעל לאנדסלייט זיינע וואס זיינען דא געווען פון פריהער זיינען געווען קבצנים און זיי האבען גאר ניט געקענט טאן פאר אהים. ער האט זיך דעריבער גאנץ פיין אונטערגעפלאגט און ער האט אפילו ניט פארדינט גענוג אויף זיין אייגענע חיונה.

געהט ר' מאטיע אין סטריט פארטראכטערהייד און עס באַ־

געגענט איהם א לאנדסמאן זיינער, שמערקע לאשיק, און שטעקט איהם אריין א בריימען „שלום עליכם" און פרעגט איהם אוים, וואו ער איז, וואס ער טוט, און אויב אמעריטשקע געפעלט איהם. ר' מאטיע האט איהם דערצעהלט, אז ער האט פארלויפיג מיט דער אמעריטשקע גאר ניט געטראפען און שמערקע האט איהם גע־טרייסט און געגעבען האפנונג אז עס וועט נאך זיין „אלע ראיט".

שמערקע לאשיק איז שוין געווען א שטיקעל תושב אין אמע־ריקא. ער איז שוין דא געווען א יאהר פינף, אבער זיין פאמיליע האט ער דא ניט געהאט. פון דער היים איז ער געווען א שטיקעל בעל עגלה און דא האט ער געארבייט אלס א שטיקעל אונטער־פרעסער און פלעגט אין די סאמע ביזי אויסמאכען קוים פיער אדער פינף דאלער א וואך.

אין דער היים, אין זיין שטעדטעל, האט מען אויף איהם גע־זאגט, אז ער איז אן עושר גדול, ווייל ער פלעגט זיין ווייב שיקען היבשעס געלד. דורך דער צייט וואס ער איז געווען אין אמעריקא האט די ווייב ארויפגערוקט א נייעם דאך אויף זייער כאלופקע, האט געקויפט א בהמה און האט זיך געפיהרט אויף א באלעבא־מישען שטייגער. מען האט אויף איהר געזאגט, אז זי האט נאך א פאר הונדערטער אויף פראצענט.

פון וואנען זשע האט זיך עס גענומען? דאס האט זיך גע־נומען דערפון וואס שמערקע לאשיק האט געלעבט מיט תכלית. ער האט קיינמאל ניט געהאט קיין לאזשי און האט קיינמאל ניט אנגע־דונגען קיין באארד. ער פלעגט שלאפען אין שניידער שאפ, וואו ער האט געארבייט און פלעגט שטענדיג לעבען פאר זיך, אויף אייגענע קעסט.

ער האט געהאט א קעסעלע אויף מאכען טעע, א טעפעל אויף עפעס אויפקאכען פאר זיך און ער פלעגט זיך שטאפען מיט אלטע ברויט און אלטע זעמעל וואס ער פלעגט קריגען גאנץ ביליג, בחצי חנם.

אפילו שבת פלעגט ער אויך מאכען פאר זיך. אפטמאל פלעגט ער אנשטאט פלייש יוצא זיין מיט א שטיקעל כשר'ע ווארשט און אמאל, ווען עס פלעגט זיך איהם פארגלוסטען, האט ער שוין געהאט א באקאנטע בוטשערקע וואס פלעגט פאר איהם כשר מאכען א שטיקעל פלייש און ער פלעגט עס אליין אפקאכען.

אויף הלבשה פלעגט ער אויך ווייניג וואָס אויסגעבען, ווייל קיין נייעם מלבוש האָט ער קיינמאָל ניט געקויפט און סעקאָנד הענדיגע פלעגט ער קריגען גאַנץ ביליג. אויף זייטיגע זאכען איז ער געווים קיין בעל הוצאה ניט געווען און ער פלעגט פון זיינע קליינע פאַרדינסטען שפּאָרען געלד.

ער איז געווען אפילו א גאַנץ עהרליכער און פרומער איד, אָט דער שמערקע לאָשיק, אָבער א גראָבער נפש און א גרויסער עם הארץ, וואָס האָט קוים געקענט דורכקריכען דעם דאַווענען אָדער א קאַפּיטעל תהלים.

מאַכט שמערקע לאָשיק צו מאָטיע גיטעל פייגע'ס אַזוי:

„ווייסט איהר וואָס, ר' מאָטיע, איך וועל אייך צונעמען צו מיר. איך שלאָף איינער אליין אין א רום, אַן אַלקיר, הייסט עס, איז ער גרויס אַזוי ווי צוואַנציג היגע אַלקירס, און מיט א סך ווינ־דאָוס, פענסטער, הייסט עס. ליכטיג, לופטיג, א מחיה. גאָר ניט דער ערך בעסער ווי שלאָפען ביי א מיסים, א באַלעבאָסטע, הייסט עס. היינט וועגען עסען, וועלען מיר עסען פאַר זיך. עסען ביי א מיסים, ביי א באַלעבאָסטע, הייסט עס, איז דאָ א דלות. א מיסים שעמט זיך ניט צו בעטען צוואַנציג סענט, אַזוי גוט ווי צוואַנציג פירער'לאך, אכציג גראָשען, פאַר איין סאַפּער, וועטשערע, הייסט עס. א טייערער ביסען דאָ די מיסיסען. מען דאַרף, פאַרשטעהט איהר מיך, ר' מאָטיע, האָבען א סך מאָני, געלד הייסט עס, צו האַנדלען מיט זיי. אויב איהר ווילט, קענט איהר נאָך היינט צו מיר אריינמופען, איבערקלייבען זיך, הייסט עס, וועט זיין אַלע ראַיט, גוט, הייסט עס".

ר' מאָטיע האָט איינגעוויליגט און די קומענדע נאַכט האָט ער שוין גענעכטיגט ביי זיין לאַנדסמאַן שמערקע אין „גרויסען אַלקיר", עס הייסט, אין שניידער שאַפּ.

שמערקע האָט זיין גאַסט זעהר פיין אויפגענומען. ער האָט איהם אוועקגעגעבען דעם אַלטען מאַטראַץ אויף וועלכען ער פלעגט שלאָפען און אליין האָט ער זיך אונטערגעלעגט צוקאָפּענס און אונ־טער'ן זייט ניט קיין פאַרטיגע בגדים און שמאַטעס וואָס ער האָט אין שאַפּ געפונען. שמערקע איז געווען א פּראָסטאַק, אָבער ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף זיך אליין און ער האָט געוואוסט, אַז ער קומט ניט צו ר' מאָטיע'ן און ער איז מחויב צו רעספּעקטירען

איהם דערפאר וואָס ער קען לערנען. שמערקע האָט אויך געזעהן, אז זיין לאָזשינג־ברודער זאָל ניט ליידען קיין הונגער און ער פלעגט צוגרייטען עסען פאר ר׳ מאָטיע׳ן אזוי גוט ווי פאר זיך אליין.

אזוי האָבען שמערקע דער בעל עגלה מיט ר׳ מאָטיע דעם גמרא מלמד געלעבט צוזאַמען אזוי ווי אנדערע צווי. צוזאַמען געגעסען, צוזאַמען געשלאָפען און זיי זיינען ביידע צופרידען געווען.

אָבוואָהל שמערקע לאָשיק האָט, ווי געזאָגט, שטענדיג געגעסען פאר זיך, פסח אָבער פלעגט ער אלע יאָהר אָפדינגען און באצאָהלען גוטעס געלד. ראשית, קען זיך א איד ניט אוועקזעצען און פראַווען א סדר איינער אליין; והשנית, איז ער געווען א ביסעל טעמפּ־לאך אויף פראַווען א סדר. ער איז פון שטענדיג אָן ניט געווען קיין גרויסער „מומחה” אויף די זאכען און ער פלעגט אימער זיין אין ספק אויב ער האָט „געפּראַוועט” ריכטיג אָדער ניט.

ער האָט זיך דעריבער דאָ אין אַמעריקא ניט געוואָלט פאר־לאָזען אויף זיך אליין מיט די סדרים און ער פלעגט זיך אָפדינגען פסח ביי א לאנדסמאַן אָדער ביי א באַקאַנטען.

אצינד אָבער אז ער האָט געהאַט אזא טייערען שותף ווי ר׳ מאָטיע גיטעל פייגע׳ס, האָט שמערקע באַשלאָסען צו מאכען פסח פאר זיך, ווענט קאָסטען פיל ביליגער.

איינמאָל, עטליכע טעג פאר פסח, ווען מאָטיע דער מלמד און שמערקע דער בעל עגלה זיינען געזעסען און זיך געקוויקט מיט אַן אלט שטיקעל ברויט און אייגענע געמאַכטע טעע, מאַכט שמערקע צו מאָטיע׳ן אזוי:

„איהר ווייסט וואָס, ר׳ מאָטיע? מיר ווּעלען פסח אויך מאַ־כען פאר זיך אָט דאָ. איהר ווייסט, ר׳ מאָטיע, וואָס מען זינגט דאָ פאר פסח? ניט ווייניגער ווי זיבען דאָלער, פאַ נאַשעמו א חשבון פון פירצעהן רובעל. וויפיל בייטשען פלעג איך עס, ניט היינט געדאַכט, דאַרפען געבען מיין קאָבילקע ביז זי פלעגט מיר פאַר־טויטשען פירצעהן רובעל! נאָוסער, ר׳ מאָטיע; מיר טאָרען דאָס ניט טאָן. אז מיר ווּעלען מאַכען פסח פאר זיך וועט עס אונז קאָסטען א קלייניגקייט און מיר ווּעלען הנאה האָבען”.

מאָטיע האָט צוגעשטימט און אזוי איז עס פאַרבליבען.

שמערקע האָט איינגעקויפט מצות, וויין, כלים און אַנדערע

זאָכען וואָס מען דאַרף אויף פּסח און ר׳ מאָטיע איז געקומען אויף אַלעם פאַרטיגען.

געקומען די סדר־נאַכט האָט שמערקע געמאַכט א הסיב־בעט פאַר ר׳ מאָטיע׳ן און ער האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

„איהר, ר׳ מאָטיע, זייט דער מלך, און איך וועל זיין די מלכה. איך וועל אייך צוטראָגען אַלעם וואָס מען דאַרף און אויב איהר ווילט, וועל איך אייך פרעגען די פיר קשיות״.

מאָטיע האָט צוגעבאָמקעט, ווי איינער רעדט: זאָל זיין אַזוי.

אָפּגעמאַכט קידוש האָט דער „מלך״ א קאָמאַנדעווע געטאָן „ורחץ״ און די „מלכה״ האָט געבראַכט וואַסער מיט א ריינער שמאַטקע אויף אָפּווישען די הענד.

נאָכהער האָט זיך מאָטיע פאַרטראַכט אין זיין הגדה מיט ע״ב פּירושים וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים, און אַזוי ווי ער איז געווען א פאַרטראַכטע נשמה, האָט ער זיך פאַרגעסען וואו ער איז אין דער וועלט און האָט קוקענדיג אין דער הגדה א זאָג געטאָן: „גיטעל פייגע, דערלאַנג דעם כרפּס״.

שמערקע האָט אפילו ניט א שמייכעל געטאָן. ער האָט גע־מיינט, אז מען דאַרף איהם איצט רופען מיט א ווייבערשען נאָמען, וואָרים ער איז דאָך א מלכה, היינט ווי קען א מלכה, א קיסר׳ס ווייב, הייסען שמערקע?

ווען ער האָט געבראַכט דעם כרפּס און א טורזע געטאָן מאָ־טיע׳ן אין אַקסעל, האָט זיך מאָטיע ארומגעזעהן וואו ער איז אין דער וועלט און ער איז שטאַרק פאַרשעמט געוואָרען. צו דער זעל־בער צייט האָבען זיך איהם אויך געשטעלט טרערען אין די אויגען.

שפּעטער, צו „לפיכך״, האָט זיך ווידער דער צוטראָגענער מלמד פאַרטיפט אין די פּירושים פון זיין הגדה און האָט אויסגע־שריען מיט א הויכען קול: „גיטעל פייגע, נעם דעם כוס אין האַנד״. ער האָט זיך באַלד געכאַפּט און איז ווידער פאַרשעמט געוואָרען און טרערען האָבען זיך איהם ווידער געשטעלט אין די אויגען.

צו „שפוך חמתך״ האָט ער זיך נאָך אַמאָל פאַרטראַכט און ער האָט נאָך אַמאָל מזכיר נשמות געווען זיין גיטעל פייגע׳ן און האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנד און געזאָגט: „גיטעל פייגע, געה עפען די טיר״.

דער צוטראָגענער למדן און פרומער איד האָט זיך געלעגט

שלאָפען מיט אַ צוקלעמטע הארץ און ער האָט יענע נאַכט געזעהן אַ שרעקליכען חלום.

עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז ער איז אין דער היים. זיין ווייב גיטעל פייגע שטעהט פאַר איהם אויסגעסטראָיעט אין איהרע יום טוב'דיגע בגדים און איהר פנים שיינט אַזוי ווי דער פנים פון אַ כלה נאָך דער חופה. ער האָט צו איהר געפיהלט אַ מאָדנע ליבע און עס האָט איהם געצויגען צו כאַפּען איהר קושען. אָבער פּלוצלונג איז איהר אויסגעוואַקסען אַ באָרד און זי איז גע־וואָרען עפּעס אַ משונה'דיגע באשעפענים, האַלב זכר און האַלב נקבה, מיט אַ פאַרוק און אויפ'ן פאַרוק אַ מענערשע היטעל, מיט אַ קליידעל און אויפ'ן קליידעל אַ קאַפּאָטע. ער האָט זיך דערפון זעהר שטאַרק מצער געווען און ער האָט פון שלאָף אָנגעהויבען וויינען.

אויף מאָרגען צום דוכנ'ען, ווען ער האָט געזאָגט „רבונו של עולם אני שלך וחלומותי שלך", האָט זיך דער אָרימער גמרא מלמד דערמאָנט אָן דעם נעכטיגען סדר און אָן זיין גיטעל פייגע און ער האָט טייכען טרערען פאַרגאָסען.

אליהו הנביא מיט אַ שאלה.

ביי אליהו שיינצעס, דעם בעל עגלה, האָט געטראָפּען אַן אומ־גליק. אין דער יויך פון דער סדר נאַכט וועטשערע האָט מען גע־פונען אַ האָבערנעם קערענדיל און גאַנץ לאַפּינישאַק איז צוליב דעם אויפגערודערט געוואָרען.

אליהו שיינצעס איז געווען אַן עלטערער איד, מיט אַ לאַנגע, גראָהע באָרד און אַ שעהנעם הדרת פּנים. ווען ער פלעגט זיך ארומוואשען, אויסקאַמען זיין באָרד און זיך אָנטאָן בגדי שבת, האָט מען איהם גיכער געקענט אָננעמען פאַר אַ בר אורין, פאַר אַ איד אַ למדן, איידער פאַר אַן איינפאַכען בעל עגלה. עפּעס איז אויף זיין פּנים געלעגען דער חן פון אַ שעהנעם אידען, אַבוואָהל ער איז געווען אַ גרויסער פּראָסטאַק און האָט קוים געקענט דאַווגען.

פרום איז ער געווען, אליהו שיינצעס. אום ערב שבת אָדער ערב יום טוב האָט ער קיין מאָל ניט אָנטערגענומען קיין ווייטע נסיעה, כדי ער זאָל חלילה ניט פאַרשפּעטיגען און ניט אריינפאָהרען מיט'ן דישעל אין „לכה דודי", ווי עס פּאַסירט אָפט ביי אַנדערע פון זיין פאַך. ער האָט אליין שטרענג אָפּגעהיט שבת און יום טוב און געזעהן, אַז זיין קליאַטשע זאָל אויך ניט עובר זיין אויף „למען ינוח".

פסח צום סדר פלעגט אליהו אָנטאָן דעם קיטעל אַזוי ווי אַלע גוטע און פרומע אידען, און אַבוואָהל אין די ארבע כוסות האָט ער מעהר באַגריף ווי אין דער הגדה, דאָך האָט ער פון דער הגדה אויך קיין זאַך ניט פאַרפעהלט, אפילו שיר השירים קיין מאָל ניט דורכגעלאָזט.

יענעם ערב פּסח ווען די סבה מיט'ן האָבערנעם קערענדיל האָט ביי איהם געטראָפען, איז ער אויך געקומען אהיים אַ שטיק פאַר־נאַכט. ער האָט נאָך אפילו ניט געהאַט אָנגעביסען, ווייל אונטער־וועגס האָט ער ניט געקריגען וואָס צו עסען, דאָך האָט ער דעם עסען פאַרבויגען און בעסער אריינגעכאַפּט אונטערלויפען אין מרחץ לכבוד יום טוב. ער האָט זיך נאָך אויסגעקירעוועט צו געהן אין בית

המדרש דאַווגען מעריב, אָנרייבען חריין און מאַכען אַלע הכנות צום סדר.

די הגדה האָט אליהו געזאָגט, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקען „שאַנאַם" — טריט ביי טריט. ווייל די עברי פון דער הגדה איז פאר איהם געווען א ביסעל שווערלעך. „אויף אַן איינגעפּאָהרענע גרעבליע, למשל, ווי דער דאַווגען" — פלעגט אליהו זאָגען — „געהט עס א גאַנג; קומט עס אָבער אויף די וועגען וואָס מען פאָהרט נאָר איין מאָל אין יאָהר ווי, למשל, די הגדה, דער מחזור, די סליחה, די קינה, איז שווערליך ארויסצוקריכען". ער האָט דאַרום געזאָגט די הגדה וואָרט ביי וואָרט, ניט אכטענדיג דאַרויף וואָס ער איז געווען זעהר הונגעריג.

אָפּגעזאָגט ווי עס איז די הגדה ביז „גאל ישראל", זיך געוואַשען און געזאָגט „על נטילת ידים", אָפּגעגעסען מרור און כורך און זיין ווייב שיינצע האָט דערלאַנגט די יויך. אליהו האָט זיך א כאַפּ געטאָן צום שיסעל אַזוי ווי א דורשטיגער דייטש צו ביר, אָבער ווי נאָר ער האָט גענומען טראָגען די ערשטע לעפעל צום מויל, ערשט אַן אונגליק! א צואווייקטער האָבער שווימט אום פון אויבען.

אליהו איז אפילו ניט געווען קיין בעל פחדן. פלעגט שטענדיג פאָהרען איינער אליין ביינאַכט דורך פעלדער און וועלדער, אין די גרעסטע זאַווערוכעס, איז די שרעקליכסטע דונערען און בליצען און ער האָט זיך פאר קיין זאך ניט אָפּגעשראָקען; דערזעהענדיג אָבער דעם קערענדיל, איז ער אויפגעציטערט געוואָרען, אַקוראט א מחנה וועלף זאָל איהם אויפ'ן וועג באַפאַלען.

און עס איז קיין חידוש ניט. אליהו האָט געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט. ער האָט געוואוסט, אַז די וועטשערע קען צוליב דעם חמצ'דיג ווערען און זאָגאר די כלים קען מען אַמאָל אויך ניט מאָרען ניצען און נאָך אַזא לאַנגע צייט וואַרטען אויף דער מלוכה'־דיגער סעודה איז טאַקע א וועהטאָג אין האַרצען, אַז מען זאָל פון איהר גאָר ניט געניסען.

ניט טראַכטענדיג א סך האָט ער אויף זיך ארויפגעכאַפּט זיין אויבער בגד און איז געלאָפען צו ר' פּיניעלע דעם דין פרעגען א שאלה.

ר' פּיניעלע האָט אליהו'ן ניט געקענט, ווייל ער איז ניט לאַנג אָנגעקומען אין לאַפּינישאַק אויף דעם אָרט פון אַלטען דיין ר'

יונה'לע וואָס איז געשטאָרבען. ווען אליהו איז געקומען צום דין, האָט מען פונקט געעפענט די טיר צו „שפוך חמתך" און ער האָט זיך הענדום פענדום אריינגעכאַפּט אין שטוב.

פאַרגעסענדיג אפילו צו זאָגען „גוט יום טוב", איז ער גלייך צוגעגאַנגען צום טיש וואו ר' פיניעלע איז געזעסען אויף זיין הסיבּ־בעט.

אָנפאַנגס האָבען זיך די בני בית אַ ביסעל דערשראָקען, עפּעס אַן אונבאַקאַנטער איד און אין דער ליל שמורים; אָבער באַלד האָבען זיי פאַרשטאַנען, אַז ער איז מסתמא געקומען פרעגען אַ שאלה און זיי האָבען זיך באַרוהיגט.

— וואָס וועט איהר זאָגען גוטס? — האָט דער דין אַ פרעג געטאָן.

— איך בין אליהו דער בעל עגלה — האָט דער אורח גע־ענטפערט — און איך בין אייך געקומען פרעגען אַ דין תורה.

— אַ שאלה מוזט איהר מיינען, — האָט איהם דער דין אונטערגאַכפּט.

— זאָל זיין אַ שאלה, — האָט אליהו געענטפערט מיט זיין בעל עגלה'שע שטימע, — געפונען אַ האָבער אין די יויך, טריף אָדער כשר?

דער דין האָט איהם אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג. עפּעס זעהט ער אויס ווי אַ שעהנער איד און רעדט ווי אַ גראָבער יונג, ווי אַ פּראָסטער נפש וואָס קען גאָר פּראָסטער ניט זיין.

דערווייל האָט דער דין דערזעהן דעם קיטעל אונטער אליהו'ס אויבער בגד און אַ געדאַנק איז איהם דורכגעפלויגען אין זיין קאָפּ, אַז ער רעדט דאָ ניט מיט אַ פּראָסטען בעל עגלה, זאָנדערן מיט יע־נעם אליהו וואָס איז מיט פייערדיגע פערד ארויפגעפלויגען אויפ'ן הימעל. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, אָבער ער האָט זיך גע־שטאַרקט און מיט גרויס רעספּעקט זיך אויפגעשטעלט.

— אבי אבי רכב ישראל! — האָט דער דין געזאָגט ציטע־רענדיג מיט אַלע גלידער. — איך בין גליקליך וואָס איך בין זוכה געווען, אַז איהר זאָלט קומען אונטער דעם שאָטען פון מיין באַלקען.

— רבי, — האָט איהם דער בעל עגלה איבערגעשלאָגען די רייד. — איך בין אַ פּראָסטער מענש און איך ווייס ניט וואָס איהר

רעדט. איך פרעג אייך אויב די וועטשערע איז כשר אָדער טרייף, מיין איך, פסח׳דיג אָדער כראַמעצדיג (חמצ׳דיג)?

— איהר ווילט מיך, הייליגער נביא, אויספּרואווען? — האָט דער דין געשטאַמעלט.

— זאָל איך אַזוי וויסען פון אַ שלעכטע יאָזדע, ווי איך ווייס וואָס איהר רעדט, — האָט דער בעל עגלה געענטפערט. — אַ פערד פּרואווט מען אויס, אָבער ניט אַ מענשען! לאָזט מיך דאָ לאַנג ניט שטעהן און פּסק׳נט מיר די שאלה. ווען ניט, פערשטעהט איהר מיך, געה איך אַהיים און עס די וועטשערע און די עבירה וועט אויף אייער קאָפּ פאַלען.

— מורה הלכה בפני רבו חייב מיתה, — האָט ר׳ פּיניעלע קוים אויסגערעדט.

— וואָס רעדט איהר מיט מיר טערקיש — האָט אליהו בייז אויסגערופען. — ממה נפשך, זאָגט „יאַ״ אָדער „ניין״. ביי מיר איז ניטאָ קיין קונצען, איינס פון די ביידע: אַז איך פאָהר איז געפאָהרען, ווען ניט לאָז איך די קליאַטשע שטעהן אין שטאַל און האָדיע.

— אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי, — האָט דער דין ווידער געשטאַמעלט. — „די סוסתי ברכבי פּרעה, די כנסת ישראל, איז שוין גענוג געשטאַנען אין שטאַל, אין גלות מיין איך, שוין צייט איהר זאָלט איהר אויסלייזען.

— רבי, איהר ברענגט מיר ארויס פון געדולד! — האָט אליהו אַ געשריי געטאָן. — רעדט באַרבורים (דבורים). לאָמיך הערען, מעג מען עסען די וועטשערע אָדער ניט?

— ע... ע... תשבי יתרץ, דאָס ליגט ביי אייך אין די הענד. ווי זאָגט איהר? — האָט ר׳ פּיניעלע געזאָגט מיט שרעק.

— ווי זאָג איך? — האָט אליהו געענטפערט. — באַ, באַ, ווען איך זאָל זיין אַ רב, וואָלט איך גע׳פּסק׳נט „כשר״. אַ איד אַן אָרעמאַן, אַ גאַנץ יאָהר האָרעוועט מען און מען קומט אָפּ מיט שיהי פּיהי, ערשט יום טוב וואָלט מען עפּעס הנאה געהאַט פון דער וועטשערע, נאַ דיר גאָר, אַ האָבער!...

— אַז איהר זאָגט אַזוי, איז אַזוי, — האָט זיך דער דין אָפּגערופען. — איך טאָר זיך ניט אריינמישען, מורה הלכה בפני רבו חייב מיתה.

אליהו האָט שוין די לעצטע ווערטער ניט געהערט און איז שנעל ארויסגעלאָפען. ער איז געקומען אהיים מלא חימה אויפ'ן דין און דערצעהלט זיין ווייב שיינצע, אז ר' פּיניעלע האָט גע־פּסק'נט כשר און זיי האָבען אפּגעגעסען וועטשערע און געענדיגט דעם סדר מיט פרעהליכע הערצער.

אויף מאָרגען פריה איז גאַנץ לאַפּינישאַק אויפגערודערט גע־וואָרען. די נייעס אז דער נייער דין האָט געהאַט התגלות אליהו האָט זיך פּאַרשפּרייט איבעראַל און די גאַנצע שטעדטעל איז גע־וואָרען אויף רעדלאַך.

אין גרויסען בית המדרש האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף ביינק. רעדלאַך מענשען זיינען געשטאַנען און געשמועסט וועגען דער וויכטיגער נייעס און אַלע האָבען עס אויסגעלעגט צו גוטען. אַלע האָבען איינשטימיג געזאָגט, אז מסתמא האָט געזאָלט זיין אַן עלילת דם אין שטעדטעל און דער הייליגער נביא דאָט עס פּאַרהיט. ר' פּיניעלע איז געשטאַנען ביים מזרח וואַנט און זיך געפּאַטשט אין בייכעל, וואָס ער האָט די זכיה געהאַט צו זעהן זיך מיט אליהו הנביא פּנים אל פּנים און אַ שטאָדט מענשען זאָלען וועגען איהם ריידען.

אליהו שיינצעס, וואָס האָט געטראָגען אַ האַס אויפ'ן דין דער־פּאַר וואָס ער האָט איהם נעכטען ביינאַכט אַזוי לאַנג אָפּגעהאַלטען, האָט באַשלאָסען צו געהן אַבזיכטליך אין גרויסען בית המדרש דאַוו־נען און פּאַר'מסר'ן איהם פאַר בעלי הבתים. ער איז געקומען אין בית המדרש אין סאַמע מיטען קאָך, ווען דער עולם האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגען דער פּאַסירונג מיט'ן דין. אליהו האָט ניט געפּרעגט וועגען וואָס מען רעדט. ער איז אריינגעלאָפען אין מיטען אַ רעדעל מענשען און געזאָגט:

— אידען, איך בין אייך געקומען זאָגען, אז דער נייער דין טויג אויף טויזענד כפּרות. נעכטען ביינאַכט בין איך צו איהם געקומען פרעגען אַ שאלה, האָט ער מיך אָפּגעהאַלטען אפשר אַ שעה אויפ'ן זייגער און האָט מיר אָנגעדרולט אַ מח מיט שטיקלאַך שיר השירים און זמירות, זאָל איך אַזוי וויסען פון אַ שלעכטע יאָזדע ווי איך וויים, וואָס ער האָט גערעדט.

בערקע דער שרייבער, וועמען מען האָט געהאַלטען אין שטעד־טעל פאַר אַן אפּיקורוס, און וועלכער האָט פון אָנפאַנג אָן ניט גע־

גלויבט, אז ר׳ פיניעלע האט זיך געזעהן מיט אליהו הנביא, האט פאר׳ן עולם ערקלערט, אז דער דין האט זיכער אליהו שיינצעם אנ־געגומען פאר אליהו הנביא. דער אמת האט זיך נאכדעם ארויס־געצייגט, ווען ר׳ פיניעלע איז צוגעגאנגען און דערזעהן דעם בעל עגלה.

דערפאר וואס ר׳ פיניעלע איז נכשל געווארען און צוליב זיין טעות האט א איד געגעסען חמץ אום פסח, האט מען איהם פון זיין שטעלע אפגעזאגט און אויסער דעם האט ער אליין אויך אויף זיך א תשובה גענומען.

דער חמצ'דיגער צימעס.

איטשע דער שוסטער איז געווען א פּראָסטאַק, אַן עם הארץ, וואס האָט קוים געקענט דאַווענען אדער מעביר זיין די סדרה. דער־פאר איז ער אבער געווען א וואָזשנער בעל מלאָכה, א קינסטלער אין זיין פאך.

האָט איטשע דער שוסטער געמאכט א שטיקעל ארבייט, איז דאָס געווען געמאכט גרונטאָוונע, אי שעהן, אי גוט, אי שטארק. זיינער א שוך, א שטיוועל אדער א קאמאש איז געלעגן גלאט צום פוס, ניט געקנייטשט און די קנאפּעל האָבען זיך קיינמאָל ניט אויסגעדרעהט.

די אייגענטימער פון די פיס וואס זיינען געווען באקליידט מיט איטשע דעם שוסטער'ס שוכווארג, האָבען דערמיט שטאָל־צירט, ווייל ניט אלע האָבען געהאט די זכיה אז איטשע דער שוס־טער זאָל פאר זיי שוכווארג נעהען. ער איז געווען דער נגיד'שער שוסטער פון שטעדטעל און עס איז געווען שווער צו־צושלאָגען זיך צו איהם. אגב איז ער טאקי געווען א שטיקעל יקרן און האָט פאר זיין ארבייט געהייסען באצאָהלען מעהר ווי אלע אַנדערע שוסטערס.

אָבער נאָך אלעמען האָט זיך איהם די שוסטעריי ניט אזוי גוט באצאָהלט. קיין ארבייט האָט איהם ניט געפעהלט, אבער ער איז געווען א שטיקעל „מארודניק" און האָט ניט געקענט ארויסגעבען קיין סך ארבייט.

געלעבט האָט איטשע דער שוסטער זעהר ארים, ווייל די הויבע מקחים וואס ער האָט גענומען פאר זיין ארבייט האָבען איהם קוים געקלעקט אויף חיונה. „ווען איך זאָל קענען פארטאַטשע־ווען" — פלעגט ער זאָגען — „און מאכען א סך ארבייט, וואלט איך אפשר א גביר געווארען. אבער איך קען דאָס ניט. איך האָב ליב צו מאכען א שטיקעל ארבייט גרונטאָוונע און דעריבער בין איך אַן אָרימאַן."

עס האָט זעלטען ווען פּאסירט אז איטשע דער שוסטער זאָל האָבען אפגעגעסען א לייטישען ווארמעס. אפילו שבתים און ימים

טובים פלעגט מען ביי איהם אויך איבערקומען מיט שיהי־פיהי, מיט א קעלבערנע קעפעל, א לונג און לעבערעל אָדער גענזענע דראָ־ביאַזקעס. אויף מעהר און עטוואס בעסערס האָבען זיינע פאר־דינסטען ניט געטראַגען.

ויהי היום, א פאר פסח איז דאָס געווען, האָט ער אויפגענעהם א פּאָר שטיוועל פאר א פריץ. און א פּאָר שטיוועל איז עס ארויס־געקומען, ווי איטשע האָט געזאָגט, אויפ'ן וויסטאַווע ארויסצו־שטעלען. מיט לאַנגע, און „בויגעל נעקניטשטע" כאַלעוועס און קנאַפּעלאך, א מחיה געווען צו קוקען. דעם פריץ זיינען די שטי־וועל זעהר געפעלען געווארען און אויסער דעם פרייז וואס ער האָט זיך באַדונגען, האָט ער דעם שוסטער געשענקט א מתנה א פעטע גאַנז.

אויסער דעם האָט איטשע דאַמאָלס גלאַט געהאט א גוטען פאר יום טוב, און ער האָט מיט זיין ווייב אפגערעדט, אז די גאַנז זאָלען זיי אליין פארברויכען אויף פסח.

אין אן אנדער צייט וואָלטען זיי דאָס ניט געטאָן. אין אן ענ־גערע צייט וואָלטען זיי די גאַנז פאַרקויפט און אליין אויסגעקומען מיט וואס עס איז. אבער אז גאָט האָט געהאָלפען און עס האָט זיך פאר יום טוב נישט־קשה'דיג פאַרדינט, האָבען זיי זיך געקענט פארגינען צו „פארנאַשען" די גאַנצע גאַנז, צו האָבען אייגענע שמאַלץ אויף קניידלאך, א גוט שטיקעל גענזענע פלייש, א ביסעל גריבעניעס און די דראַביאַזקעס, פון וועלכע מען קען אויך מאכען א גוטע פּאַטראַווע.

א טאָג פאר ערב פסח האָט די שוסטערקע אוועקגעטראַגען די גאַנז צום שוחט און זי געלאָזט קוילענען. איטשעכע האָט די עוף כשר געמאכט און זי האָט, א דאַנק דעם אויבערשטען, אין איהר קיין זאך ניט געפונען. א גלאַטע כשרה געווען, איז זי און איהר מאַן געווען צופרידען און געהאָפּט צו האָבען אן אמת'ן עונג יום טוב. מיט אייגענע קען מען זיך פיהרען א ביסעל ברייטער ווי מיט געקויפטע.

צום סדר איז טאַקי געווען א גאַנץ פעטע יויך מיט פעטע קנייד־לאך. שוין לאַנג אזא וואוילען יום טוב ניט געהאַט. זיי געדענקען גאָר ניט ווען זיי האָבען אזא וועטשערע געגעסען.

די העלדזעל האָט די שוסטערקע באַשטימט אָנצופילען פאַר'ן

מאַרגענדיגען צימעס. איטשע איז זעהר צופרידען געווען פון זיין „מלכה׳ס" איינפאַל. א געפילטע העלדזעל אין צימעס, וואס קען זיין בעסער ווי דאס?

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט זיך איטשע׳ן זיצענדיג אין שול ביי דאווענען „געהעלדזעלט". נאָר דער צימעס מיט דער גע־פילעטער העלדזעל איז איהם געלעגען אין זינען און יעדע מינוט איז איהם צו גרויס געווען. ער האָט געוואָלט מען זאָל שוין גיכער אפדאַווענען און ער זאָל שוין קענען געהן אהיים הנאה האָבען פון דעם נגיד׳ישען מאכל.

און ער איז געווען בייז אויפ׳ן חזן וואס ער „טאַראַרייקעט" אזוי פיעל און וואָלט מעגליך געווען, וואָלט ער איהם פון עמוד ארונטערגעשלעפּט. אויף איהם וואַרט אין דער היים אַ צימעס מיט א געפילטע העלדזעל און דער חזן מאַכט זיך נאַריש און „טאַראַ־בעמקעט" דאָרט!

גאָט האָט געהאָלפען מען האָט אָפּגעדאַווענט און איטשע דער שוסטער איז אהיים געקומען. זיין ערשטע פראגע נאָכ׳ן „גוט יום טוב" איז געווען: „פּעסיע, וואָס הערט זיך עפּעס מיט׳ן צימעס?"

„וואָס זאָל זיך הערען?" — האָט זי איהם געענטפערט — „שוין איין מאָל א צימעס. לאָמיר שוין האָבען אזא יאָהר, וואס פאַר א צימעס דאָס איז. הלואי כל זמן מיר וועלען לעבען זאָ־לען מיר קיין ערגערע צימעסען ניט עסען."

באָטש איטשע דער שוסטער איז געווען א מענש וואס האָט געקענט גוט אריינעסען, און הונגעריג איז ער אויך געווען, פון דעסטוועגען האָט ער אביסעל צוגעקאַרגט און ניט פיל געגעסען פון די מאכלים וואס פּעסיע האָט דערלאַנגט צום טיש. ווען זי האָט איהם געפרעגט: „איטשע, וואָרום עסטו ניט?" האָט ער גע־ענטפערט:

„מען דאַרף זיך ניט אָנשטאָפּען. מען דאַרף לאזען פּלאַץ פאַר׳ן צימעס מיט דער געפילטער העלזעל".

פּעסיע האָט ארויסגענומען דעם צימעס פון אויווען און זיין ריח האָט זיך צוטראָגען איבער׳ן גאנצען שטוב, טאקי ממש ריח גן עדן. איטשע האָט פון ווייטענס געקוקט מיט זשעדנע בליקען און ער האָט וואָס שנעלער געוואָלט האָבען דעם „אורח" ביים טיש.

אָבער ווען די שוסטערקע האָט זיך דאָרט ביים אויווען גענומען

צום צימעס, איז זי אן אויפגעציטערטע געוואָרען. זי האָט דערזעהן עפּעס אזוי ווי א האָבערנעם קערענדעל ליגענדיג צווישען די קאָר־טאָפּעל און פלוימען. „איטשע, מיר האָבען שוין א שאלה!״ — האָט זי אויסגעשריען און צוגעבראַכט צום טיש דאָס וואָס עס האָט אויסגעזעהן ווי א האָבערנער קערענדעל.

מיט שרעק האָבען זיי עס ביידע באַקוקט און באַטראַכט, ערשט טאַקע א צואווייקטער האָבערנער קערענדעל.

איז מען דאָך אידען, נעהמט איטשיכע דעם קערענדעל און געהט צום רב פרעגען א שאלה.

איז נאָך דער רב ניט געקומען פון דאַווענען און די שוסטע־רקע האָט געדאַרפט וואַרטען. נאָכהער ווידער, ווען דער רב איז געקומען, האָט ער געוואָלט פריהער קידוש מאַכען און עפּעס איבערכאַפּען דאָס האַרץ, און די פרוי מיט דער שאלה האָט ווידער געמוזט וואַרטען.

און איטשען געהען ממש אוים די כחות. ער וואָלט שוין גיכער וועלען וויסען די רעשעני־ע, דעם ווערדיקט פון דעם צימעס, און פעסיע זיינע זאָמט זיך אזוי לאַנג. ענדליך איז זי געקומען א פאַר־טרויערטע מיט דער תשובה: „אז אָך און וועה איז מיר — חמצ׳דיג״.

זי האָט דערצעהלט איהר מאַן, אז דער רב האָט דעם קערענדעל געטאַפּט און געדריקט, האָט אריינגעקוקט אין ספרים און געזאָגט: „איך קאָן גאָר ניט העלפען, חמצ׳דיג! און מען מוז דעם טעפּעל מיט די צימעס מיט בכל אשר לכל אריינוואַרפען אין טייך״.

פאַרפאַלען, א דין איז א דין! עס איז אפילו א וועהטאָג אין האַרצען ארויסצואוואַרפען אזא טייערען צימעס מיט א געפילטע העלדזעל, אָבער וואָס קאָן מען העלפען? ניט באַשערט א אידען הנאה האָבען.

האָט די שוסטערקע געהייסען איהר שוסטער, ער זאָל נעהמען דאָס טעפּעל און געהן דורכפיהרען דעם גזר דין אויפ׳ן צימעס.

„עס שניידט ביים האַרצען״ — האָט איטשע געזאָגט — „ניכאַי וואָלטען מיר געוועזען כאָטש פאַרזוכען וואָס פאַר א טעם דער צימעס האָט. ניכאַי וואָלט זיך די שאלה געמאַכט א ביסעל שפּעטער. נו, באַשערט אַן אומגליק, האָסטו נאָך איידער וואָס ווען דערזעהן דעם קערענדעל!״

מיט א פּאַרטרויערט פּנים, עפּעס אַזוי ווי מען גערט חלילה צו דער לויה פון א קינד, האָט איטשע דער שוסטער געטראָגן דאָס טעפּעל מיט די צימעס מיט דער געפילטער העלדזועל צום טייך ביי דער באָד, און אויפ׳ן וועג דערצעהלט פאַר לייטען וועגן דעם אומ־גליק וואָס עס האָט געטראָפען מיט׳ן צימעס.

עס איז אַוועק א שטיקעל צייט און איטשע איז צוריק ניט געקומען. האָט זיין ווייב געטראַכט: אפשר פאַרשמועסט זיך מיט אימיצען, אפשר אריין צו א קרוב אויף כיבוד. עס איז אָבער אַוועק א שעהנע פּאָר שטונדען און איטשע איז אַלץ ניטאָ, איז שוין פּעסיע געוואָרען אונגעדולדיג און זי איז ארויס זוכען איהם.

איז זי אריין אין א פּאָר הייזער, וואו זי האָט געדענקט, אַז אפשר איז ער דאָרט, אָבער מען האָט איהר געזאָגט, אַז מען האָט איהם אין די אויגען ניט אָנגעזעהן.

ווערט מען שטאַרק אונרוהיג. אפשר חלילה אריינגעפאַלען אין טייך און דערטרונקען געוואָרען. לויפט מען צום טייך. מען קוקט אין אַלע זייטען און מען זעהט ניט און מען הערט ניט פון איטשע דעם שוסטער. לויפט מען הין און צוריק אַהן א ציעל און אָהן א חשבון — מען לויפט.

ענדליך האָט מען איהם דערזעהן זיצענדיג הינטער א גרויסען קאַסטיער האָלץ הינטער׳ן באָד מיט׳ן פּלייצע אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד.

מען איז צוגעלאָפען, ערשט ער זיצט מיט פאַרגלאָצטע אויגען, דער צונג ארויסגעשטעלט און דאָס טעפּעל מיט די צימעס שטעהט צווישען זיינע פיס.

„איטשע!" — האָט די שוסטערקע אָנגעהויבען שרייען — „איטשע, וואָס איז מיט דיר?"

אָבער איטשע ענטפערט ניט און ריהרט זיך ניט פון אָרט.

מען האָט איהם גענומען טרייסלען, טאַפּען ביים שטערן, ביי די הענט, אָבער ער איז קאַלט ווי אייז. איטשע איז געווען טויט.

מען האָט זיך נאָכהער ארומגעזעהן, אַז פון דעם חמצ׳דיגען צימעס האָט געפעלט א היבש ביסעל און די געפילטע העלדזועל איז אויך ניט געווען גאַנץ.

דער רופא, וואָס האָט געמאַכט אַן אונטערזוכונג, האָט אויס־געפונען, אַז א ביסען העלזעל איז דעם שוסטער אריין אין דער „לינקער קעהל" און ער איז דערוואָרגען געוואָרען.

דער טייערער אפיקומן.

דערצעהלט מיר א איד אזא מעשה:

מיין אידענע, מרת דוואָסיע תחיה, איז פון שטענדיג אָן געווען א פראָסטע היימישע אידענע, אָהן קונצען, אָהן זאבעבאָנעס, מיט א געזונדען מאָגען, שארפע צייהן און א גוטען אפּעטיט צום עסען. פון מאָדעס, פון סטיילישע קליידער, פון בייטען העטס אלע סיזאָן, פון דזשולערי, פון ענגע שיכלאך, פון דאָקטוירים, פון דענטיסטען, פון פאָהרען אין קאָונטרי און נאָך אזעלכע לוקסוסען האָט זי ניט געוואוסט. אפילו דער קאָרסעט פלעגט ביי איהר ליגען און שימלען און ווי וויט מעגליך האָט זי זיך אויסגעדרעהט פון טראָגען איהם.

און מיינט איהר אפשר, אז זי איז חלילה אָן אָפּגעלאָזענע, א שלים-מזל'ניצע, די אידענע מיינע? חלילה! זי איז שוין דוקא גאר ניט קיין צוקראָכענע! א ציכטיגע אידענע פון שטענדיג אָן געווען. קיין קארגע איז זי אויך ניט פון נאטור, אָבער זי האָט ניט גע־וואוסט פון קיין חכמות און ניט געהאלטען פון די פוסטע אריסטאָ־קראטסטוואָ.

און איך האָב איהר דערפאר שטארק ליב געהאט, ווייל איך אליין בין אויך א פראָסטער חי וקים און איך שפּיי אויף די מאָדעס מיט די צרות. פאר מיר אליין איז אויך רעכט ווי עס מאכט זיך. ווי מען געהט געהט מען, אבי חלילה ניט נאקעט, ניט אָפּגעריסען; אבי, א דאנק גאָט, מען האָט חיונה.

הקיצור הדבר: איך בין געווען זעהר צופרידען וואָס מיין ווייב געהט אין אזעלכע דרכים. צו וואָס טויג מיר א ווייב אָן אריסטאָ־קראטקע, אז איך בין אליין קיין אריסטאָקראט ניט? און טאקע גאָר א פשוט'ע זאך: א ווייב א גרויסארטיגע ליידי, איז צו טייער, צו עקספּענסיוו און עס איז ניט פאר אונזערע פאקעטס, היינט וואָס האָט מיך געקענט אארען, אז אי א באלעבאָסטע אין שטוב האָב איך געהאט אזוי ווי אלע אידען, אי מיר האָט עס געקאָסט ביליגער ווי אנדערע?

אָבער מיין שמחה איז מיר פארשטערט געוואָרען. היינט איז

מיין פלונית'טע א גאַנצע לײדי, אַ גאַנצע ספּאָרטיכע. וואָס רעדט איהר? היינט איז פּשוט, ניט ריהר מיך אָן, ניט קוק מיך אָן! גאָר ניט די דוואָסיע וואָס געווען. זי איז שוין פאַרקראָכען העט, ווייס איך וואו, און זי קאָסט מיר אָפּ מאַסען גאָלד.

און געבראַכט דערצו האָט, ווייסט איהר וואָס? אַ שטיקעל אפיקומן, אַ שטיקעל דאַרע מצה. אָט וועל איך אייך דערצעהלען די גאַנצע מעשה.

פאַר־א־יאָהרען פּסח צום ערשטען סדר איז זיך מישב מיין אידענע און עס פאַרגלוסט זיך איהר, איהר ווייסט דאָך, עס, גאָר נישט, אַ שטיפ טאָן א ביסעל מיט איהר מלך. געהט זי און גנב'עט ביי מיר ארויס דעם אפיקומן פון אונטער'ן קישען. נאָכ'ן עסען נעהם איך זוכען דעם אפיקומן, ערשט, והילד איננו, דער בחור איז ניטאָ. פאַרשטעה איך דאָך מסתמא, אז דאָס איז איהר ארבייט. געוועהנליך, פאַר אזעלכע זאַכען ווערט מען ניט אין כעס. גיב איך איהר, איהר ווייסט דאָך, עט, ווייס איך דאָרט, אַ פּעטשעל, ניט חלילה אזא פּאַטש וואָס קען וועה טאָן, נאָר אזוי, גאָר נישט, פּשוט כמעט אַ גלעט. געהט זי און גיט מיר צוריק עפּעס כלומר'שט אַ פּעטשעל. בלייב איך דאָך מסתמא ניט הינטערשטעליג און שענק איהר, איך בעט איבער אייער כבוד, ווייס איך דאָרט, אַ קליינינקייט, אַ קניפּ אין באַק. אזוי האָבען מיר זיך זאַבאַוועט אַ שטיקעל צייט, איהר ווייסט דאָך, אַ פּסוק אום אַ פּסוק: איך איהר, עט, במחילה, אַ טשעפּע און זי מיך אַ טשעפּע. וועל, אַ גאַנץ יאָהר איז מען ב"ה פאַרהאָוועט, ניטאָ קיין צייט און וועמען ליגט עס אין זינען? קומט אָבער דער הייליגער יום טוב, בפרט נאָך אזא יום טוב, ווען מען טרינקט אויס עטליכע כוסות, ווילט זיך, איהר ווייסט דאָך, נאָכגעבען דעם יצר הרע און זיך נאַריש מאַכען אַ ביסעל. און פאַרוואָס ווידער ניט?

און וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איך האָב מיין אידענע קיינ־מאָל ניט פיינד געהאַט, נאָר דאַמאָלס האָט זי ביי מיר געהאַט אזא חן, פּשוט צו זאָגען, אזוי ווי אסתר המלכה בעת זי האָט אָנ־געריהרט דעם שפּיץ פון אחשורוש'ס רוט. עס האָט זיך אין מיר דערוועקט, איך קען עס אייך ניט אָפּמעלדען, עפּעס אַ מאָדנער עת רצון און איך זאָג צו איהר אזוי ווי אחשורוש האָט געזאָגט צו אסתר'ן: „מה שאלתך דוואָסיע המלכה? וואָס פאַרלאַנגסט דו,

דוואָסינקע? זאָג, וועל איך דיר געבען". און זי ענטפערט מיר: „אַ נייע העט פארלאַנג איך". זאָג איך: „אַל־רייט, איה"ש אויף די אנדערע טעג קריגסט דו עס", און זי האָט דעם געקידנעפּטען אפיקומן אָפּגעשטעקט.

איך ווייס נאָך עד היום ניט, אויב זי האָט עס טאַקע ערנסט געמיינט, אָדער איהר כונה איז בלויז געווען, ווייס איך דאָרט, אַ שטיף טאָן לכבוד יום טוב; אָבער מיר האָט זיך דיזען מאָל געוואָלט זיין אַ דזשענטעלמען און מאַכען מיין אידענע אַ סורפּרייז, ווי מען זאָגט. חול המועד האָב איך איהר אוועקגעפיהרט אין אַ העט סטאָר און איהר געהייסען אויסקלייבען וואָס פאַר אַ העט זי וויל. זי האָט זיך אפילו אָנפאַנגס אביסעל געקוויינקעלט: „וואָס? ווען? עס וועט זיין גוט אזוי", אָבער איך האָב אויף איהר כמעט ווי גוזר געווען און זי האָט זיך אויסגעקליבען אַ העט און טאַקע דוקא אַ גאַנץ פיינע פאַר ניין דאָלער.

ווען מיר זיינען געקומען אהיים, האָט מיין אידענע אריינגע־טראָגען די העט צייגען דער נעקסטדאָריגער. האָבען דערשמעקט אַ פּאָר אַנדערע שכנות, אַז מיינע האָט עפּעס איינגעהאַנדעלט, זיי־נען זיי אויך געקומען אָנקוקען די קניה, און אַלע האָבען מסכים געווען, אַז די העט פּיט מיין אידענע פּוירסט קלעס און מען האָט איהר, דער העט, הייסט עס, פארשאָטען מיט קאָמפּלימענטען.

„גרויסאַרטיג", האָט איינע געזאָגט.

„עקסעלענט", האָט אַ צווייטע באשטעטיגט.

„ביוטיפול", האָט אַ דריטע צוגעבאמקעט.

„פּאַסט זיך פאַר אַ פּינפטע עוועניו לייִדי", האָט אַ פירטע צוגעגעבען. און ואחרי ככלות הכל, האָבען אַלע ווייבער באשלאָ־סען, אַז צו אזא שעהנע העט פּאַסט שוין צו האָבען אַ סילקענע דרעס.

מיך האָט די זאַך שטאַרק הנאה געטאָן. אבי כאָטש געטראָ־פען און זיך ניט אָפּגענאַרט. מיין אידענע'ס איבערראַשונג אָבער האָט זיך עפּעס אזוי ווי אָפּגעלאָשען, נאָר געזאָגט האָט זי גאָר ניט.

ויהי ערב ויהי בקר. איבער נאַכט האָט זיך אפּנים מיינע איבערגעדענקט און אין דער פריה איז זי ארוים מיט לשון:

„דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען?" מאַכט זי צו מיר, „איך האָב חרטה, איך רייס פון זיך די הויט וואָס איך האָב געקויפט

די העט. אין אמת'ן, א קלייד טראָג איך נאָך פון סוכות, וואָס האָט אין גאַנצען געקאָסט זיבען דאָלער, היינט צו וואָס טויג מיר א העט פאר ניין דאָלער? געדאַרפט בעסער קויפען א ביליגערע אָדער גאָר ניט".

געזאָגט האָט זי עס בתמימות, אָהן חכמות און זי האָט, גלויב איך, דערמיט ניט געמיינט צו געבען מיר קאַפּוליער אָנצוהערענים, אַז איך זאָל איהר קויפען א נייע קלייד. אָבער איך אַליין האָב זיך באַרעכענט, אַז זי איז טאַקע ניט אומגערעכט. צו א שטריימעל פּאַסט זיך אָן אַטלעסענע זשופּיצע און צו א לייטישע העט פּאַסט זיך א לייטישע קלייד. און טאַקע דערפאַר גופא, וואָס זי איז ניט אַנגעשטאַנען אויף מיר מיט געוואַלד, אַזוי ווי אַנדערע ארורות, האָב איך באַשלאָסען צו קויפען איהר א נייע קלייד אויך. וואָס זאָל מען טאָן? עבירה גוררת עבירה, איין צרה שלעפּט מיט די אַנדערע און אַז מען קריכט אריין אין א בלאָטע, מוז מען בראָדזשען ווייטער. הכלל, בין איך נאָך דעם זעלבען טאָג אוועק און איהר געקויפט א קלייד פאר אכטצעהן דאָלער. וואָס קען זיין ביליגער? אַז דער קאָפּ איז ווערט ניין דאָלער, איז דאָך דער גאַנצער גוף ווערט אכטצעהן.

די אַנדערע טעג יום טוב האָט זיך מיין פּריצטע אויסגעסטראָ־יעט אין איהרע נייע מלבושים און מיך אָנגעהויבען טרייבען איך זאָל געהן מיט איהר צו פריינד און צו לאַנדסלייט גוט יום טוב ביעטען, אפשר טאַקע כדי צו באַריהמען זיך פאר זיי. אַמאָל פלעגט מיינע גאָר ניט וועלען געהן ערגעץ. זי פלעגט שטענדיג זאָגען דאָס היימיש ווערטעל: „אין געסט איז גוט און אין דער היים איז נאָך בעסער". אָבער די העט מיט דער קלייד האָבען איהר נאַטור איבערגעאַנדערש און זי האָט געקראָגען א חשק צו קומען צווישען מענשען.

הכלל, געהען מיר. קומען מיר צו א לאַנדסמאַן, באַקוקט די לאַנדסמאַניכע מיין ווייב'ס נייע מלבושים און טוט זיך א זאָג: „שעהן ווי גאָלד. פּאַרניצען זאָלט איהר עס געזונדערהייד. און קיין מאַנטעל האָט איהר גאָר ניט? ניט שעהן צו געהן מיט א הוילען שייפּ. האָט גאָט געהאָלפען אויף אַזוי פיל, וועט ער העלפען אויף א מאַנטעל אויך". געהענדיג פון לאַנדסמאַן, האָט שוין די אידענע מיינע זיך ארומגעקוקט אפשר לאַכט מען פון איהר פאר

וואָס זי געהט אָהן אַ מאַנטעל, און ווי איך האָב פארשטאַנען, האָט זיך שוין ביי איהר אין קאָפּ געמאַנטעלט.

זיינען מיר נאָכדעם געקומען צו קרובים. מאַכט די קרובה ‏אונזערע: „בלעבען, צו אַזאַ העט מיט אַזאַ קלייד, וואָלט שוין נים געשאַדט איהר זאָלט האָבען אַ פּאָר דיימאַנדענע אויררינגלאך". די בוטשערקע מיט איהר „מאַנקי פיים" קוקט אוים אין די דיימאַנדם אַזוי ווי אַ פארשטעלענים, אויף דער הויז־קיפּערקע זיינען אויך די דיימאַנדם חלשות צו קוקען, אָבער צו איהר, צו מיינער'ם פיים, הייסט עס, — האָט זי געזאָגט, — וואָלטען דיימאַנד אויררינגלאך זעהר געפּיט.

קורץ דערפון: וואו מיר זיינען געקומען, האָט מען אַלץ צוגעלעגט אַנדערע הגהות. מיין אידענע זיינען אַלע רייד אריין אין נאָז און זי האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז ברוגז ווערען.

אויף מאָרגען, אַז איך האָב איהר גערופען געהן אין ערגעץ, האָט זי שוין צוגעקווייטשקעלט. נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבען תובע בפה זה, פשוט מאַנען אַ מאַנטעל, אויררינגלאך און אַנדערע קליי־ניגקייטען, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז עס פעהלט איהר.

און דאָס ווייסט איהר דאָך, אַז ווען די ווייב הויבט אָן מאָנען, איז אַ ביטערע מעשה. דאַמאָלס האָט איהר צוויי וועגען: ענט־וועדער געבען אָדער מאַכען בארוואַריעס, און וועמען ווילט זיך עס קריגען מיט אַ ווייב? קורץ דערפון: איך האָב זיך אפילו אביסעל געצאַמפּערט, אָבער סוף כל סוף האָט זי אויסגעפיהרט און איך האָב אריינגעוואָרפען אין צימבעל, אַזוי פיל גוטע יאָהר זאָלען מיר האָבען וויפיל צעהנדליגע דאָלערם.

הכלל, מיין דוואָסיע, די אַמאָליגע פּראָסטע דוואָסיע, איז גע־וואָרען אַ גאַנצע פּאַניענקע. זי האָט אָנגעהויבען נאָכקוקען וואָס פאַר אַ דרעסעס אַנדערע ווייבער טראָגען. זי האָט זיך אָנגעהויבען אָפּשטעלען ביי די שאָו־פענסטער פון די סטאָרס און באַקוקען די נייע מאָדעס פון קליידער און פון העטס און אַלע מאָל פלעגט זי מיר אָפּזינגען אַ נייעם פּזמון, אַז דאָס פעהלט איהר, דאָס דאַרף זי און דאָס מוז זי האָבען. היינט איז זי צופּיעשטשעט געוואָרען אַזוי ווי אַ ציטעריגע בת יחידה'לע און זי האָט מיר ביסלעכווייז אָנגעהויבען דערגעהן די יאָהרען.

זי האָט זיך אָנגעהויבען פּוצען און סטראָיען, אריינקוקען אַלע

מאָל אין שפּיגעל און איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי געהט אָראָפּ פון פנים, אַז זי איז צו מאָגער, צו בלאָס און האָט אָנגעהויבען געהן צו דאָקטוירים. די דאָקטוירים האָבען געגעבען מעדיצין. די מע־דיצין האָט ניט געהאָלפען, האָט זי כל חמתה אויסגעלאָזט צו מיין קאָפּ.

אמאָל, ווען עס האָט איהר, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, ווען געטאָן א צאָהן, האָט זי גענומען א ביסעל בראַנפען אין מויל אריין, צוגעלעגט א שטיקעל קנאָבעל אָדער א ביסעל צוריבענע חריין און האָדיע! קוים אָבער האָט זי פאַרזוכט פון עץ הדעת, קוים איז זי אַן אריסטאָקראַטקע געוואָרען, האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה מיט דענטיסטען, מיט באַגולטען ציינער, מיט פילען צייהן און אַנדערע שוואַרץ יאָהרען, און ר' יענקעל משלם — און איך האָב געמוזט צאָהלען.

האָט זי זיך מישב געווען אין מיטען זומער, אַז זי דאַרף פאָהרען אין קאַנטרי. וועלכע לייטישע פרוי פאָהרט עס ניט אין קאַנטרי? און אַז פאָהרען אין קאַנטרי, דאַרף מען האָבען א פּאָר קליידער צום איבערבייטען. נו, אויך די אייגענע מעשה: עבירה גוררת עבירה, איין צרה שלעפּט מיט די אַנדערע, אַז מען האָט א ווייב א ליידי, מוז זי שוין זיין א ליידי מיט אַלע פישצעווקעס — א ברירה האָט מען?

הכלל, האָב איך איהר געמוזט אוועקשיקען אין קאַנטרי. און אַז איך בין פאַרבליבען א לעבעדיגער אַלמן, האָב איך געמוזט געהן עסען אין א רעסטאָראַנט, האָב איך זיך איבערגעפּיהרט דעם מאָגען און מיר האָט געקאָסט אפשר הונדערט דאָלער קורירען זיך.

געקומען פון קאַנטרי האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה מיט נייע קליידער אויף ימים טובים. שפּעטער האָט זיך איהר פאַרגלוסט א סעט פּאַר און אַנדערע צרות. היינטיגען פאַר פסח איז ווייטער געווען אַן עסק מיט נייע שמאַטעס און פיל זי האָט איז איהר אַלץ ווענוג.

בקיצור הדבר: זי האָט מיך בדלות געשטעלט און איך האָב מורא, אַז דאָס וועט שוין אַזוי פאַרבלייבען א בכיה לדורות, א צרה אויף שטענדיג, און אַלץ צוליב יענעם שטיקעל אפיקומן.

אי, דער אפיקומן! אי, ליגט ער מיר אין מאָגען! ווען ניט יענער פאַרשאָלטענער אפיקומן, וואָלט איך מיין אידענע קיין העט

ניט געקויפט, וואָלט זי קיין שעהנע קלייד ניט געדאַרפט, וואָלט איהר נאָכדעם קיין שעהנער, טייערער מאַנטעל ניט געפעלט, וואָלט זיך איהר קיין דיימאָנד אוירינגלאַך ניט געגלוסט. וואָלט זי ניט געקוקט אין שפּיגעל, וואָלט זי ניט געהאַט קיינע עסקים מיט דאָק־טוירים, וואָלט זי ניט געפיקסט די צייהן, וואָלט זי אין קאַנטרי ניט געפאָהרען, וואָלט איך דעם מאָגען ניט פאַרדאָרבען, וואָלט זי אויסגעקומען אָהן אַ פּאָר סעט און נאָך און נאָך, און איך וואָלט ערשט געווען רייכער מיט אַ שעהנע פּאָר הונדערטער.

אי, דער אפיקומן! אי, וועל איך איהם האָבען צו געדענקען!

א פארקעהרטע הגדה.

(על פי נוסח הפראָגרעסיווע, מישטיינס געזאָגט)

קדש: ערב פסח ביינאַכט, ווען דער טאַטע קומט פון שול, כאַפּט ער אריין און מאַכט קידוש איידער די בנים קומען, כדי זיי זאָלען ניט לאַכען פון זיינע אידישע זאבעבאָנעס.

ורחץ: קומען די בנים, האָבען זיי אפילו קיין צייט אָפּצו־וואשען די הענד און טוען אַ קאָמאַנדעווע: „מאַ, האָרי־אָפּ, גיב סאַפּער!"

כפרות: דעם סדר מיט דער הגדה, זאָגען זיי, דאַרפען זיי אויף כפרות.

מגיד: הויבט דער טאַטע אָן זאָגען: „סטייטש, פּסח, אַ סדר", לאַכען זיי זיך פון איהם אויס.

רחצה: באַוואשט זיך די מאַמע מיט טרערען פון עגמת נפש.

מוציא: טענה'ן די בנים: „דאָנ'ט באָדער, פּראַווועט איהר דעם סדר און מיר וועלען זיין יוצא מיט די קניידלעך".

מצה: גריזשען זיי דערווייל מצה און שרייען: „פאָר גאָד'ס סעיק, גיב עסען!"

קורח: און דער טאַטע מיט דער מאַמען ווינשען זיך אז די ערד זאָל זיך אונטער זיי עפענען און זיי זאָלען איינגעזונקען ווע־רען ווי קורח.

שולחן עורך: גרייט די מאַמע נעבאַך צום טיש און דער־לאַנגט די בנים עסען.

ברך: און די בנים פרעסען זיך אָן, בלייבען אריין עטליכע כוסות, און בענשען, זאָגען זיי, זאָל דער טאַטע מיט דער מאַמע.

נרצה: אָט אזוי, זאָגען זיי, ווילען מיר און טוט אונז עפּעס.

(הויבען די בנים אויף שטיקלאַך מצה און זאָגען):

כהא לחמא: אָט די דאָרע מצות געברויכען פינסטערלינגע און היפּאָקריטען אָנשטאָט ברויט און שטאָפּען זיך דערמיט אַ גאַנץ פּסח. כל דכפין, ביי אונזערע מענשען אז מען איז פּסח הונגעריג, כאַפּט מען זיך אריין אין אַ גוי'אישען רעסטאָראַן און מען

רייבט איבער די צייהן מיט א חמצ׳דיגען העם סענדוויטש. כל דצריך, דער וואס דארף יוצא זיין פאר א רייכע שוויגער, עסט כלומר׳שט אין דער היים פסח׳דיגס און פארבייסט נאכהער מיט פאמפערניק און ביער, ווייל מיר זיינען פרייגעזאגענע אמת׳ע בני חורין.

(דא פרעגט דער טאטע די פיר קשיות).

מה נשתנה: פארוואס איז היינטיגער פסח אנדערש ווי די אמאליגע פסח׳ן. שבכל הלילות, אלע סדרים נעכט פלעגט איהר, קינדערלאך, זיצען ביים סדר און זאגען די הגדה אויף א אידישען שטייגער, און הלילה הזה, היינטיגע סדר נאכט, זייט איהר אזוי ווילד. שבכל הלילות, אלע סדר נעכט פלעגט איהר זיין גוטע קינ־דער און איך און די מאמע פלעגען פון אייך נחת האבען, הלילה הזה כלו מורר, און דיזע סדר נאכט פארביטערט איהר אונז דעם לעבען. שבכל הלילות, אלע סדר נעכט בין איך געווען א מלך, די מאמע א מלכה און מיר האבען געפיהרט די מלוכה, הלילה הזה, היינטיגע סדר נאכט פיהרט איהר די גרענדע און מיר מוזען שוויי־גען. שבכל הלילות, אלע סדר נעכט זייט איהר געזעסען ביים טיש מיט דרך ארץ, הלילה הזה, דיזע סדר נאכט, פיהרט איהר זיך אויף ווי רעגעלע באלשעוויקעס.

(ענטפערען די בנים):

עבדים היינו: אמאל, אז מיר זיינען געווען יונג און מיר האבען געדארפט אנקומען צו אייערע לאסקעס, זיינען מיר געווען פארשקלאפט צו אייערע היפאקריטסטווא. ויוציאנו, אבער היינט זיינען מיר ארויס פון אייער רשות און מיר הערען אייך ווי די קאטערס. ואלו, און ווען מיר וואלטען ניט געווען אין אמעריקא און ניט געווארען קיין פראגרעסיווע, וואלטען מיר אויך געווען אזעלכע פינסטערלינגע ווי איהר. אפילו כלנו חכמים, און אפילו ערשט אז מיר זיינען צום שכל געקומען, ווילט איהר אויך הער־שען איבער אונז? נאו סער, אלד מען, מיינד יור און ביזנעס און זאג אונז קיין דעה ניט. וכל המרבה, און דער וואס האט מעהר שכל און מישט זיך ניט אין קינדערשע ביזנעס, הרי זה משבח.

מעשה: עס איז געווען א מעשה מיט גענאסע טשארלי, גענאסע בעני, גענאסע אייק וגענאסע מאיק, שהיו מסובין, וואס

זיינען די סדר נאכט געזעסען אין בעק רום פון א גוי'אישען סאַ־לון, האָבען געמאכט א קערטעל, געטרונקען ביער און געגעסען טרפה פרי לאָנטש, עד שבאו, ביז זייערע טאטעס זיינען אין דער פריה געקומען פון שול, זיינען זיי אוועק אהיים און געגעסען פסח'דיגען פת של שחרית.

אמר: גענאָסע פידריק האָט געזאָגט: הרי אני, איך בין דאָך עפּעס א פּראָגרעסיווער מענש שוין מכמה שנים, ולא זכיתי, און איך האָב די זכיה ניט געהאט צו איבערצייגען מיין טאטען אז ער איז אַן אידיאָט וואָס ער פּראָוועט די זאבעבאנעס פון א פּסח מיט א סדר, און איך האָב מורא אז ער וועט שוין אזוי פאַרבלייבען עד ימות המשיח.

ברוך המקום: געבענשט זאָל זיין דאָס אָרט אמעריקא, וואו עס איז הפקר פּעטרישקע און מען קען פייפען אויף רעלי־גיאָן און טאָן וואָס מען וויל. כנגד ארבעה בנים, דאָ קען א טאטע האָבען פיר זיהן, א פּאָר סאָציאַליסטלאך און א פּאָר אנארכיסט־לאך און אלע זאָלען טאָן כל דבר האסור פאַר איהם אין די אויגען און ער מוז שווייגען אזוי ווי א שאינו יודע לשאול.

מתחילה: אָנפאַנגס, ווען מיר האָבען אָנגעהויבען באַזו־זוכען געזאָסישע קלייזלאך, פלעגען מיר דארפען זאָגען תרוצים פאַר'ן טאטען און פאַר דער מאמע, ועכשיו אָבער היינט האָבען מיר זיי פאַרפּאַקט, ווייל זיי האָבען פאַר אונז מעהר מורא ווי מיר פאַר זיי, והראַדיקאַליזמוס מצילנו מידם.

צא ולמד: געה, אַלד מען, און לעהרען אין אונזער חדר. ווער א פּראָגרעסיווער מענש, א פרייגעזאָנענער, וועסטו פאַר־שפּאָרען אפּעסען זיך דאָס הארץ מיט אונז און דאָס וועט זיין א סך געזינטער פאַר דיר, ווייל פון יאַדען זיך קומט אָפּ מעהר גע־זונד ווי פון עבודת פּרך.

ביד חזקה: און אויב דו מיינסט אז דו וועסט אונז איבעראָנדערשען מיט געוואלד, האָסטו, אַלד מען, א גרויסען טעות, ווייל די אמאָליגע קונצען גילטען שוין היינט ניט. זיי וויסען, אז אמעריקא איז ניט שניפּעשאָק. דאָ קענען מיר געבען פון א קנעפּעל רעשטע און על פּי נויט אפילו א פּאָנטש אין די אַי, און וועסטו אונז צופיל באַדערען, וועלען מיר דיר דאָס איבער־צייגען באותות ובמופתים.

אילו: דאס זיינען צעהן נעמען, וואס קינדער קענען דא רופען א טאטען, ווען ער האקט א טשייניק מיט אידישקייט ואלו חן, און דאס זיינען זיי:

היפאקריט, פינסטערלינג, אידיאט, גרינהארן, משוגע׳נער, בהמה, פערד, עובר בטל, לעמעשקע, קונעל־פרעסער.

כמה מעלות טובות: וויפיל גוטע מעלות האט אמעריקא. אלו, ווען מיר וואלטען זיך דא בלויז גע׳פטור׳ט פון דאווענען און שבת וואלטען מיר געמוזט היטען, דינו, וואלט אויך געווען פלענטי. אלו, ווען מיר וואלטען געארבייט שבת און געסטאפט זונטאג און ניט קענען עסען קיין איסטערס און העם, דינו, וואלט אויך געווען פלענטי. אלו, ווען מיר וואלטען געגעסען איסטערס און העם אלע טעג פון א גאנץ יאהר, נור ניט יום כפור, דינו, וואלט אויך געווען פלענטי. אלו, ווען מיר וואלטען יום כפור אויך געגעסען די דאזיגע מאכלים און פסח וואלטען מיר געמוזט לעבען אויף מצות דינו, וואלט אויך געווען פלענטי. אלו, ווען מיר וואלטען פסח געגעסען חמץ און מיר וואלטען געדארפט מורא האבען פאר די טאטעס אדער פאר די מאמעס, דינו, וואלט אויך געווען פלענטי.

על אחת כמה וכמה: א פשיטא שוין, אז ניט מיר דאווענען, ניט מיר היטען שבת, מיר עסען איסטערס אפילו אום יום כפור, מיר שטאפען זיך מיט חמץ אום פסח און מיר הערען די טאטעס מיט די מאמעס אזוי ווי פאר־א־יאהריגען שנעע, איז אודאי גוט און מיר זיינען אלראיט אין אמעריקא.

ובכן ויהי בחצי הלילה.

סמוקען מיר סיגארעטלאך נאכ׳ן צימעס פרייטאג בלילה, קנאקען מיר פינאטס אין דער כל נדרי לילה און מיר זיינען טריפניאקעס ביום ובלילה, ויהי בחצי הלילה.

עסען מיר פסח׳דיגע קניידלאך אין דער היים אין דער סדר לילה, פארבייסען מיר מיט איסטערס און פאמפערניק באותו לילה, און מיר לאכען פון טאטענ׳ס טאראראם בזה הלילה, ויהי בחצי הלילה.

באפען מיר אריין אלטע פארדארבענע איסטערס אין א פסח לילה, באקומען מיר קרעמפס באותו הלילה, זאגען מיר אז עס

האָט אונז פאַרשאַדט די מצה נאָך פון דער סדר לילה, ויהי בחצי הלילה.

חד גדיא, חד גדיא!

ואתא: קומט שבת בענשט די מאַמע ליכט און דער טאַטע מאַכט קידוש און זינגט זמירות, אָבער מיר לאַכען זיך אויס פון די דאָזיגע זאַבעבאָנאָס און מיר זאָגען: עט, חד גדיא, חד גדיא!

ואתא: קומט ראש השנה, לויפען דער טאַטע מיט דער מאַמע אין שול און עס קעהרט זיך גאָר וועלטען, אָבער מיר מאַכען בעסער ערגיץ אַ קערטעל, עט, חד גדיא, חד גדיא!

ואתא: קומט יום כפור פאַסטען טאַטע און מאַמע, און ווען זיי זיינען אין שול, עסען מיר אויף די פאָלקעס פון די כפרות און מיר האָבען פאַן, חד גדיא, חד גדיא!

ואתא: קומט פסח איז אַן עסק מיט סדרים, מיט הגדה, מיט מצה און מיט מרור, אָבער מיר פייפען אויף אַלעם און מיר זאָגען: עט, היפּאָקריטסטוואָ, חד גדיא, חד גדיא!

(נאָכ'ן סדר זאָגט דער טאַטע „שיר השירים" מיט אַ וויינענדיגען ניגון און די בנים מאַכען אַ נאָז און זינגען דעם צווייטען פּסוק — „ישקני"...)

פסח'דיגע מעשה'לעך און בילדלעך.

די „ביטערע נקבה".

„האָרס רעדיש קושער פאָר פעיסאָק, טשיפ! האָרס רעדיש, מורער ענד קעירעיק פייוו סענטס איי גלעס!" — אזוי שרייט אן אַלטע פרוי וואָס שטעהט צווישען די אידישע פושקאַרט־פעדלערס אין אידישען קוואַרטאַל אין ברוקלין.

זי פאַרקויפט כריין, פאַרטיגען צוריבענעם מרור, די דאָזיגע אַלטע. זי רייבט דעם כריין אַליין אויף אַ מאַשינקע און זי פאַר־קויפט עס אויפ'ן מאָס, פינף סענט אַ פולע גלאָז. אידישע קינדער וואָס קענען איהר, רופען איהר „די ביטערע נקבה" צוליב איהר „ביטערע" פרנסה.

זי איז אַן איירישע גוי'ע, די אַלטע מרור־פאַרקויפערין. דער נאָז און די אויגען זיינען ביי איהר רויט. אויב דאָס איז איהר גע־קומען פון די ביטערקייט פון די כריין אָדער פון דעם „ביטערען טראָפּען" וואָס זי האָט ניט פיינד, קען מען ניט וויסען.

אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר פאַרקויפט זי צוריבענעם כריין נעבען אַ קריסטליכען בוטשער סטאָר און קיין אידישען טרייד האָט זי ניט. ערב פסח אָבער האָט זי זיך אריינגעכאַפּט אין אידישען קוואַרטאַל מיט אַ היבשען סטאַק פאַרטיגען מרור און האָט דאָרט געוואָלט אויסברענגען איהר ביטערע סחורה.

עס פאַרשטעהט זיך אַז אַ אידישע קאָפּ האָט אין דעם גע־שטעקט, אַז אַ אידיש קינד האָט דער ערלית אויף שפּאָס אָדער אין ערנסט מגלה געווען דעם סוד פון מרור און כורך און איהר אויס־געלערענט דעם פזמון ווי אזוי צו אדווערטייזען און אַליין ארויס־געבען אַ „הכשר" אויף איהר סחורה.

און די „ביטערע נקבה" האָט אַ רעדעל מענשען ארום זיך און מען אַמוזירט זיך פון איהר גוי'אישען אידיש, אָבער מען גיט איהר ניט צו לייזען אַ סענט. אויף אַ „הכשר" פון אַן איירישע גוי'ע ווילען זיך אידישע קינדער ניט פאַרלאָזען.

און דער ערלית ווערט טרוקען אין האלז שרייענדיג און זי געהט אוועק מיט גארנים.

לאופערם באגלייטען איהר און שרייען איהר נאך „פעיסאק! קעירעיס!"

די קאנקורענטען

צוויי באיטשיקלעך, איינער א אידישער און דער צווייטער א קריסטליכער, לויפען און יאגען איינע די אנדערע. זיי לויפען ביידע פאר ביזנעס און איינער פון צווייטען וויל אויסכאפען פרנסה.

זיי לויפען ביידע צוזאמענגעמען חמץ צו פארברענען. דער אידישער באיטשיק האט שוין דערויף חזקה פון פאר־א־יאהרען און דער קריסטליכער שייגעצעל איז געווארען זיין קאנקורענט.

אידישע חברים האבען איהם דערצעהלט א מעשה, אז מען קען דערביי מאכען א פאר סענט און ער האט דערצו חשק באקומען.

דער שייגעציל איז דער שבת־גוי'טשיק אין יענע נאכבאר־שאפט. ער לעשט אוים פרייטאג נאכט די גאזען אין אידישע הייזער, מאכט ווינטער די אויוועגס און נעמט אראפ די לייכטער. אלע אידישע שכנים קענען איהם ביים נאמען און ער איז איבעראל א שטיקעל בן־בית.

זיי לויפען ביידע, די צוויי קאנקורענטלאך, פון הויז צו הויז און קלאפען אין די טירען. „חמץ צו פארברענען, איין סענט;" — שרייט אוים דער אידישער באיטשיק. „קאמען טו בוירן אפ, וואן סענט!" — שרייט איהם איבער דער שייגעצעל. מאנכע גיבען א שאו דעם קליינעם שבת־גוי'טשיק, ווייל מען דארף צו איהם אנ־קומען און מאנכע זאגען, אז אן יעקב'ן איז מעהר מצוה ווי אן עשו'ן און דער אידישער באיטשיק קריגט דעם „דזשאב".

די צוויי קאנקורענטלאך קוקען איינע אויף די אנדערע מיט פאראכטעטע בליקען און זיי שטעלען קולאקעס איינער געגען צוויי־טען. מאכען א פייט איז קיין צייט ניטא און מען לעגט עס אפ אויף שפעטער.

די חמץ־פארברענער זאמלען אן א היבשען סטאק מיט בדיקת חמץ לעפעל. איינער לעגט אויף א פייער ביי איין סיידוואק און

דער צווייטער געגענאיבער און זיי וואַרפען אריין זייערע לעפעל מיט חמץ און פאַרברענען זיי אויף אַש.

און בשעת מעשה קוקען די באַיטשיקעס איינע אויף די אנ־דערע מיט בליקען פון קנאה און שנאה און ווען עס וואָלט מעגליך געווען וואָלטען זיי איינע די אַנדערע אין פייער אריינגעוואַרפען.

אַ קאַטאָוועס איז דאָס, אויסכאַפּען פּרנסה, אַוועקנעמען פּדיון!

פאַרטיג מיט דער ארבייט, לויפען די קאַנקורענטלאך אריין אין אַ קענדי סטאָר, קויפען לאָלא־פּאַפּס של פּסח, און לעקענדיג די לאָלי־פּאַפּס געהען זיי ארויס אין סטריט און פאַנגען אָן צווישען זיך אַ געשפּרעך.

— האו מאַטש דיד יו מעיק?

— טוועגטי סענטס.

— יו אַר איי לייער.

דאָס איז ניט קיין פריינדליכער שמועס. זיי זוכען נאָר אריינצוברענגען איינער דעם אַנדערען אין כעס, אום צו האָבען אַ געלעגענהייט אַנצופיהרען אַ פייט.

און דאָס וואָס זייביידע ווילען, דאָס וואָס זיי קוקען אויס, קומט.

שטעהען זיי די הענד אין די קעשענעס, קוקען זיך אָן ווי שטרייטענדע העהנער און הויבען אָן באַליידיגען איינע די אַנ־דערע, ביז ענדליך וואַרפען זיי אַראָפּ די רעקלאך, און הויבען זיך אָן „פּאַנטשען" אויפ׳ן הויכען שטיינער.

דער אידישער איינגעל געהט ארויס דער זיגער און געהט אוועק העכסט צופרידען מורמלענדיג: „אי געיוו הים איי ליקינג".

און אידישע צושויער באַמערקען דערביי:

„דער קליינער משה׳לע האָט געשלאָגען דעם קליינעם פּרעה׳לע מיט צעהן מכות".

דער לוסטיגער פּעדלער.

ער שטעהט אויפ׳ן קאָרנער און פאַרקויפט הגדות של פּסח.

איהר קריגט ביי איהם פאַרשיידענע הגדות: „פּליינע", מיט עברי־טייטש און מיט ענגלישער איבערזעצונג.

נאָך זיינע קליידער זעהט מען אז ער איז ווייט פון צו זיין אַ נגיד, אָדער אפילו אַ שטיקעל בעל הבית און אָן זיין פּנים דערקענט מען, אז ער איז ניט קיין גרויסער גבור, און עס פעהלט איהם דער ארטיקעל וואָס מען רופט „געזונד".

אָבער ער איז ניט קיין פארשלאָפענער אידעל. ער איז פרעהליך, לוסטיג, טאקי אזוי ווי אן ערב־קעניג וואָס ערווארטעט קירצליך צו באַשטייגען דעם טראָן.

ער וויצעלט זיך, זינגט און זאָגט גראמען, אזוי ווי ער זאָל שוין האָבען געטרונקען די ארבע כוסות. אין אמת'ן אָבער איז אַ גרויסער ספק, אויב ער וועט צו די סדרים אויך האָבען ארבע כוסות פון וויין. עס איז מעהר צו גלויבען אז ער וועט עס אָפּ'פּטר'ען מיט ביליגען מעד.

פארבייגעהער שטעלען זיך אָפּ נעבען איהם, אויב ניט קויפען אַן הגדה, איז הערען זיינע ווערטלאך:

„קויפט הגדות אַ לעצטען סטאַק,
מיט „פּיקטשעס" פון די בני ברק,
מיט פרעה און די ארבעה בנים,
און ר' יהודה מיט די סמנים".

אָט אזוי זינגט דער אידעל מיט אַ פרעהליכ'ן ניגונ'דעל, קנאַקט צו מיט די פינגער און טופּעט מיט'ן פוס אזוי ווי אַ בדחן אויף אַ חתונה, און מענער און פרויען, בחורים און מיידלאך שטעלען אָן מויל און אויערען און הערען זיך צו.

און גיט איהם אימיצער צו לייזען פאר אַן הגדה, זינגט ער זיך אָפּ פאָלגענדען זמר'ל:

„אייך די הגדות,
מיר די קניידלאך,
אייך די בחורים —
מיר די מיידלאַך".

אַ ציקאַווער איד. אַ איד וואָס באזיצט אַ מרה לבנה און מאַכט זיך לוסטיג, אין דער צייט וואָס ער האָט פּיליּכט געדאַרפט וויינען.

ער האַלט הפּנים פון ווערטעל: „הוליע קבצן!"

אפילו זיין קרעכץ איז אויך אויסגעמישט מיט אַ שמייכעל, מיט אַ געלעכטער. אַ האַלבער סדר — דערצעהלט ער פאר די

פארזאמעלטע ארום איהם — איז ביי מיר שטענדיג פארטיג. מרור און כורך, ביטערנים און איבערגעלעגטע צרות פעהלט מיר קיינמאל ניט. מכות זיינען אויך דא. ארבע בנים, פיער באָי־טשיקעס, האב איך אויך, וואלט אזוי געווען כהא לחמא, ברויט, פאמפערניקעל, ווי קיין עסערס פעהלען ב"ה ניט.

ווען די זון הויבט אן אונטערגעהן, פארמאכט ער זיין קרע־מעל און „נאו מאר ביזנעס". גיט איהם אפילו א רענדעל פאר אן הגדה, וועט ער אייך אויך ניט פארקויפען נאכדעם ווי די זון פארגעהט. „גענוג" — זאגט ער — „יום טוב. ערשט דארף מען געהן אהיים און זיך צוגרייטען צום סדר, צו דער מלוכה. א ביסעל קליינגעלד איז דערווייל דא אין אוצר המלך און ווייטער איז גאט א פאטער."

און ער לאזט זיך געהן מיט שנעלע טריט און ווערט שנעל פארשוואונדען פון די אויגען וואס קוקען איהם נאך.

א שיקסע ווייסט ניט פון מרור.

ר' לייזערקע דער שוחט איז א פרומער איד פון אלטען דור, וואס היט אפ דעם שלחן ערוך מיט אלע פינקטליכקייטען. דער נאמען „שוחט" אליין איז שוין א גוטע גאראנטי, אז ער איז א כשר'ער איד און א מדקדק במצוות. דאך איז איין מאל פסח צום סדר ר' לייזערקע געשטרויכעלט געווארען אין אן עברה — ער האט געמאכט א ברכה לבטלה.

ר' לייזערקע איז א איד א בעל הבית. פארוואוינט א שעהנעם וואוינונג און האלט א פוילישע שיקסע פאר א דינסט. אויף אן ערלית'טע, זאגט ר' לייזערקע קאן מען זיך מעהר פארלאזען מיט כשרות און מיט אפהיטען מילכיגס מיט פליישיגס ווי אויף די היינטיגע אידישע מיידלאך. איבערהויפט זיין שיקסע, זאגט ער, איז, להבדיל, א גאנצע רבי'צין און זי איז אזוי „פריטיקלע" אין כשרות, אז מען דארף גאר ניט בעסער.

איין מאל פאר'ן ערשטען סדר, ווען ר' לייזערקע איז אוועק־געגאנגען אין שול דאווענען מעריב, האט ער אנגעזאגט זיין אידענע, אז זי זאל הייסען דער שיקסע צורייבען חריין אויף מרור און עס זאל שטעהן צוגעדעקט, כדי די ביטערקייט זאל ניט אויסוועבען, אזוי ווי

דער דין איז. אמאָל פלעגט ר׳ לייזערקע אַליין האַלטען פון דער מצוה פון אָנרייבען חריין צו די סדרים, אָבער אין די לעצטע יאָהרען האָט ער באַקומען א שוואַכליכע האַרץ, הוסט זעהר אָפּט און דער שטאַרקער ריח פון חריין איז פאַר איהם שעדליך. ער האָט דאַרום דיזען דושאַב אויפגעגעבען און ער איז יוצא מיט אכילת מרור אַליין.

ר׳ לייזערקע איז געקומען פון שול און געפּראַוועט דעם סדר מיט אַלע דינים, כוונות און דקדוקים.

געקומען צו „מרור״, האָט ר׳ לייזערקע פאַנאַנדערגעשפּרייט אַלע פינף פינגער פון דער רעכטער האַנד און אָנגענומען א היבשע ביסעל מרור פון טעלער, צוזאַמענגעקנאָטען אַזוי ווי א בולקעלע, באַטראַכט אויב עס איז פאַראַן א פולער כזית, איינגעטונקט אין חרוסת, זיך געציטערט און געציעלעוועט, א מאַך געטאָן די ברכה „על אכילת מרור״ און אַריינגעכאַפּט די קניידעל אין מויל. און ווען די מרור־קניידעל איז שוין געווען ביי איהם אין מויל, האָט ר׳ לייזערקע געהאַלטען ביידע הענט גרייט נעבען די ליפּען צו פּיטען דעם הוסט וואָס ער האָט ערוואַרטעט, אז ער וועט קומען. אָבער ניט ער האָט געהוסט, ניט עס איז איהם טרערען אַרויס פון די אויגען און ניט עס האָט איהם אָנגעהויבען אַרען, ווייל דער מרור איז ניט געווען ביטער, נאָר זיס, טאַקע ממש זיס.

„חייקע״, האָט זיך דער שוחט אָפּגערופען צו דער שוחט׳קע, „וואָס איז דאָס פאַר א מין חריין? עס איז דאָך זיס אַזוי ווי לאַקריץ?״

„זיס?״ האָט חייקע פאַרוואונדערט געפרעגט, „אפשר האָט די נאַרישע שיקסע אַריינגעטאָן צוקער, א קשיא אויף אַן ערלית־טע?״ מען האָט גערופען די דינסט און איהר געפרעגט, אָבער זי האָט געזאָגט, אז זי האָט נאָר געטאָן וואָס די באַלעבאָסטע האָט איהר געהייסען, אָבער זי האָט אין די „ווערדזשעטייבל״ קיין זאַך ניט אַריינגעטאָן, און ר׳ לייזערקע מיט זיין ווייב האָבען ניט גע־קאָנט פאַרשטעהן וואָס דאָס זאָל באַדייטען.

א ביסעל שפּעטער איז די זאָנדערבאַרע געהיימניס ענטדעקט געוואָרען. מען האָט זיך אַרומגעזעהן, אז אָנשטאָט די חריין האָט די שיקסע גאָר צוריבען א פּאַסטערנאַק, וואָס די באַלעבאָסטע האָט אָנגעגרייט אויף צימעס. ר׳לייזערקע האָט דערביי באַמערקט:

„אפנים, אז מרור איז נאר א אידישע זאך און ערלים ווייסען דער־פון נים".

דער פרומער שוחט האט געהייסען אנרייבען אמת'ע חריין און ער האט די מצוה פון עסען מרור מקיים געווען, אבער ער האט זעהר פיעל עגמת נפש געהאט, וואס ער האט געבראכט די ברכה „על אכילת מרור" אויף פאסטערנאק.

פארלאנגט א „מלך".

אין אן ענגלישע קאונטרי צייטונג איז פאר פסח ערשינען פאלגענדע אנאנסע:

„פארלאנגט א דזשואיש ראבאי פאר א גוטען דזשאב". דער־בײ איז געווען אנגעגעבען א נאמען פון א פרוי און איהר אדרעס.

א תלמוד תורה מלמד פון א דערבײיאיגע שטעדטעל האט ער־פאהרען פון דיזער אנאנסע און ער איז אוועק אויף דעם אנגעגעבע־נעם אדרעס. ער האט דארט געטראפען א רייכע הויז און אן לטערע פרוי איז איהם ארויס אנטקעגען. דער מלמד האט איהר געזאגט וועגען וואס ער איז געקומען און די פרוי האט איהם דע־צעהלט אין דייטש, אז זי איז א אידישע טאכטער, אן אלמנה, און זי דארף א ראבאי וואס זאל פסח פאר איהר און איהרע קינדער מאכען דעם סדר. זי האט איהם ערקלערט, אז פריהער האט זי גע־וואוינט אין ניו יארק און זי פלעגט פסח געהן צו א פריינד וואס קאן גוט פראווען די צערעמאני, אבער דא מוז זי עקסטרא דינגען א מענשען וואס טויג זיך דערצו. זי האט פאר דעם דזשאב אנגעבאטען פינף דאלער.

דער מלמד האט זיך מיישב געווען, אז דאס איז פאר איהם א גוטער עסק. עסען און טרינקען וועט מען דאך מסתמא דארט געבען כיד המלך. פאר כשרות איז אויך ניטא וואס מורא צו האבען. ווי באלד אז זי איז א פרוי וואס דינגט עקסטרא א סדר פראווער, איז מסתמא ביי איהר אלעס פסח'דיג, און א פינפעריל וועט ער אויך כאפען, היינט פאר וואס דען ניט? און ער האט דעם דזשאב אנ־גענומען מיט די פארזיכערונג, אז ער וועט איהר פראווען סדרים אויפ'ן בעסטען אופן.

צום ערשטען סדר איז דער מלמד אוועק צו דער דייטשער,

רייכער אַלמנה פּראַוועט די מלוכה. ווען ער איז געקומען אין הויז, האָט ער דערזעהן, אַז אויפ׳ן טיש ליגט ברויט, זעמעל, קייק און אַנדערע מיני חמץ און ער איז אַן אויפגעציטערטער געוואָרען.

„וואָ זינד די מאַצאָס? דאָס מעער רעטיך (חריין) אונד די באַרייסאָס?״ האָט די פרוי אַ פרעג געטאָן. „האַבען זי עס ניט מיטגעבראַכט? וויר האַבען ניכט זאָלכע זאַכען ביי אונז צו הויזע״.

דער מלמד האָט עס דערהערט האָט ער געכאַפּט די פּיס אויף די פּלייצעס און איז אַנטלאָפען אַהיים און געפּראַוועט דעם סדר ביי דער מיסיס וואו ער האָט געוואוינט.

חד גדיא, חד גדיא!

(אַ פסח דראַמאַ, אויפגעפיהרט פון אַ יונגע פּאָר פאָלק).

זיי האָבען געהייראַט אויס ליעבע.

זי איז געווען אַ יונג צוציקעל, אַ קאָקעטקע, וואָס פלעגט שטעהן ביים שפּיגעל און פּוצען זיך און פּאודערען זיך, כדי געפעלען צו זיין די „פעלערס"; אָבער צו זיין אַ באַלעבאָסטע האָט זי ניט געקאָנט און ניט געוואָלט קאָנען. געהייסען האָט זי סיידי און איז געווען ניט מעהר ווי אַ יונגע ציגע, אַ חד גדיא, חד גדיא.

ער האָט געהייסען בעני. האָט ער זיך באַקאַנט מיט סיידי'ן און זיך פאַרליעבט אין איהר שעהן פּנימ'על און איהר הויך פאַר־קאַמטע פּאָמפּאַדור. האָט בעני געזאָגט צו סיידי'ן:

„דו ביזט מיין איינציגע קוצעניו־מוצעניו. דו ביזט דהי אָנלי סוויטהאַרט אין דער וועלט. דו ביזט די איינציגע וואָס איך ליעב און וועל ליעבען אימער און עוויג. דו ביזט מיין לעבען, מיין נשמה, מיין איינציגע חד גדיא, חד גדא".

און סיידי האָט איהם דארויף געענטפערט:

„דו ביזט אויך מיין איין און איינציגער קוצוצו־מוצוצו. דו ביזט מיין ליעבינקער און גוטינקער מלאך'ל. נאָר דו אַליין פאַר־נעהמסט מיין הארץ. איך וועל קיינמאָל ניט אויפהערען צו ליעבען דיך און דו וועסט אויף אימער פאַרבלייבען מיין איינציגער חד גדיא, חד גדיא".

האָבען די צוויי קוצעניו־מוצעניוס זיך געליעבט און געליעבט, איבערגע'חזר'ט דעם פּזמון פון „חד גדיא" טויזענדע מאָל און ענד־ליך האָבען זיי מיט מזל חתונה געהאַט אַ קורצע צייט פאַר פסח, ווען מען האָט זיך גערי̇כט פּראַווען אַ סדר און זאָגען חד גדיא, חד גדיא.

האָט דער יונגער באַלעבעסיל אַ טאָג פאַר ערב פסח איינגע־קויפט אייער, פסח'דיגע שמאַלץ און אַנדערע מכשירים אויף פסח. ער האָט דארויף אויסגעגעבען די לעצטע פּאָר דאָלער וואָס איז איהם פאַרבליבען נאָך דער חתונה, און האָט געוואָלט, אז זיין „מלכה"

זאָל מאַכען פּעטע קניידלאַך לכבוד יום טוב און לכבוד זייער ערשטע „מלוכה”. האָט דאָס געפיהרט צו אַ סקאַנדאַל צווישען סיידי און איהר חד גדיא, חד גדיא.

ואתא שונרא — איז ערב פּסח געקומען אַ קאַץ אַ נאַשערקע, האָט זי דערשמעקט, אַז די יונגע מיסים איז אַ גרויסע שלים־מזל־ניצע, וואָס האָט איבערגעלאָזט די שמאַלץ אין קיטשען אָפּגעדעקט און מען קאָן עפּעס אַ נאַש טאָן בעת זי, די מיסים, פּאַרעט זיך מיט איהר פּאָמפּאַדור אין פראָנט־רום, האָט זי אַריינגעשטעקט איהר קעצישען שנוק אין טעפּעל און איהם אַרונטערגעוואָרפען צוזאַמען מיט דער שיסעל מיט אייער וואָס איז דערביי געשטאַנען און אַ גרויסע פּרעזשניצע האָט זיך צוגאָסען אויפ'ן פלאָר. סיידי האָט ניט געוואוסט פון קיין פּותר חלום און זי האָט זיך אַזוי לאַנג פאַרזאַמט אין פראָנט־רום ביז דער בראַטען וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן אויווען איז פאַרברענט געוואָרען אויף קויהל. בכן, איז שוין געווען אויס קניידלאַך, אויס בראַטען און פאַר דער „מלוכה וועטשערע” איז בלויז פאַרבליבען די הגדה מיט'ן חד גדיא, חד גדיא.

ואתא כלבא — איז בעני געקומען אַהיים הונגעריג ווי אַ כלב. האָט ער אָפּגעכאַפּט די שטיקעל הגדה און געהייסען סיידי'ן דערלאַנגען עסען. האָט איהם סיידי דערצעהלט די מעשה מיט דער קאַץ די נאַשערקע און פון דעם „עקסידענט” מיט'ן בראַטען. האָט עס איהם פאַרנומען ביים האַרצען און ער האָט זיין „מלכת” אָנגעהויבען צאָהלען אַ פּאַרציע. פון כעס איז ער געגאַנגען „הגבה” מיט אַ פּאָר טעלער, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן טיש און זיי געוואָרפען אין קאָפּ פון זיין חד גדיא, חד גדיא.

ואתא חוטרא — האָט סיידי געכאַפּט דעם ברום און האָט אָנגעהויבען איינטיילען עשר מכות צו איהר „מלך”. „אז מען הייראַט אויס ליעבע — האָט זי גע'טענה'ט — דאַרף מען ניט קעהרען פאַר אַזעלכע קליינינקייטען ווי עסען”. זי האָט געקוויטשעט, געליאַרעמט און געזונגען מיט אַן אַנדער ניגון דעם אַמאָליגען חד גדיא, חד גדיא.

ואתא נורא — האָט זיך דער באַלעבעסיל אָנגעצונדען ווי אַ פייער. ער האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז עס איז אין גאַנצען געווען אַ מקח טעות, אַז זיין קוצעניו־מוצעניו איז אי אַ שלים־מזל'ניצע, אי אַ גרויסע מרשעת. האָט ער איהר אָנגעהויבען געבען אַ קנעפּעל

רעשטע און עס איז צווישען זיי געוואָרען אַ גאַנצע חד גדיא, חד גדיא.

ואָתא מיא — האָט בעני געכאַפּט אַ שיסעל פּאַמעניעס וואָס איז נאָך געשטאַנען אויפ'ן וואַש־טאָב פון נעכטען און דערמיט אָפּ־געפּליוכעט סיידי'ן. האָט זי געמאַכט געוואַלדען אין הימעל, אַז שכנים זיינען געקומען צולויפען אין מיטען חד גדיא, חד גדיא.

ואתא תורא: האָט זיך סיידי אוועקגעלעגט אויפ'ן לאַנדוש און אָנגעהויבען רעוועז ווי אַן אָקס. דאַן האָט זי כלומר'שט אָנ־געהויבען חלש'ן און האָט פארגלאָצט די אויגלאַך אַזוי ווי אַ גע'פּגר'טע חד גדיא, חד גדיא.

ואתא מלאך המות: איז אָנגעקומען בעני'ס שווינער, ווע־מען מען האָט אָנגעזאָגט וואָס צווישען איהם און סיידי'ן טוט זיך. איז די אַלטע אריינגעקראָכען מיט איהרע נענעל אין בעני'ס פּנים און איהם געוואָלט צורייסען ווי אַ הערינג. אָבער דער באַלעבעסיל האָט זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קשיא און איהר געצייגט, אַז ער איז ניט קיין יעקעלע נאַר, אַז ער איז ניט קיין חד גדיא, הד גדיא.

ואתא הקדוש ברוך הוא — וואָס טוט גאָט? נעהט בעני אויף מאָרגען, פאַרנעהמט זיין ווייבעל'ס דזשולערי און זיין פּעקעל מיט'ן זעקעל און מאַכט אַ ויברח. מען ווייס עד היום ניט וואו ער אהיינגעקומען און סיידי זיצט אַן עגונה און טרויערט נאָך אַיהר קוצעניו־מוצעניו, נאָך איהר חד גדיא, חד גדיא!

הגדה פאר אמעריקאנער ווייבלאך.

הדש: אויף פסח און אויף אלע ימים טובים מוז זיך די ווייב באנייען מיט א קלייד און א העט.

ורחץ: אויסוואשען און אויסקלינען די ניט לאנג גענעהטע קלייד, טויג ניט.

קארפעט: זי מוז האבען קארפעט אין פראנט רום, אנ־דערש פאסט איהר ניט.

יעכאץ: ווי עס קומט פסח צייט הויבט זי אן קנעלען מיט'ן מאן וועגען פאהרען אין קאונטרי.

מגיד: טאמער זאגט ער איהר, עס איז שלעכטע צייטען און מען וועט זיך באגעהן אזוי, נו, נו...

מוציא: איהר זאלט אפילו זיין מיט צעהן קעפ, קענט איהר פאר איהר ניט יוצא זיין.

מרור: זי פארביטערט אייך אייער לעבען און עס איז צעהן בראכען צו אייך.

קרח: איהר דארפט האבען קרח'ס אוצרות נאכצוקומען אלע איהרע משוגעת'ן.

צפון: ווען איהר גיט איהר ניט נאר די שמד, באהאלט זי דעם קאפ אין קישען און וויינט אויף איהר מערכה.

הלל: איהר דארפט דאנקען און לויבען גאט, אבי זי לאזט זיך איבערבעטען.

נארט זי: אויב איהר זייט אן עקשן און זי קען מיט אייך ניט אויספיהרען, בלאפט זי אייך, זי גיט אוים געלד אויף שמאטעס און זאגט, אז עס קאסט א ליטל נאטינג.

כהא: אזוי ליידען בעלי הבית'לאך וואס פאלען אריין צו יענקעוואטע ווייבלאך, די אכלו, וואס עסען אוים ביי זייערע מע־נער שטיקער הארץ צוליב דער פינסטערע מאדע. כל דצריך, צי מען דארף, צי מען דארף ניט, מוז מען קויפען נייע קליידונג און פארניטשור, ווייל די אלטע זיינען ארוים פון סטייל. השתא הכי,

היי־יאהר זיינען אין סטייל אזעלכע פארלאר סעטס, אזעלכע סייד באארדס, אזעלכע שפיגלען; לשנה הבאה, ביז איבער א יאהר, וועלען ווערען אנדערע סטיילס, וועט מען די אלטע דארפען פאר־קויפען אין א סעקאנד הענד פארניטשור סטאר און אריינגעהמען נייע, און אויב עס וועט ניט זיין קיין געלד, וועט מען מוזען נעהמען אויף אינסטאלמענטס.

(דא פרעגט דער בעל הבית'ל ביי זיין ווייבעל פיער קשיות):

מה נשתנא: וואס איז דא פאר א מין איבערקעהרעניש? שבכל הלילות, אין דער היים פלעגען ווייבלעך זיצען ביי נאכט און פליקען פעדערען אדער צירעווען זאקען, און דא ווילען זיי געהן אין טעאטער, אויף בעלער אדער אין דער אפערא.

שבכל הלילות: אלע ווינטער נעכט פלעגען ווייבלאך זי־צען ביים הרובע און ווארימען זיך און זיי האבען זיך נאר גע־קוויקט, און דא איז זיי אן אויוען ווייניג און זיי ווילען סטים היט.

שבכל הלילות: אלע נעכט פון א גאנץ יאהר פלעגט מען אין דער היים שלאפען אין א הילצערנע בעט אויף שטרוי, און דא איז מען אפילו מיט אן אייזערנע אויך ניט יוצא און מען האט חושק צו ברעס בעטען.

שבכל הלילות: אלע נעכט פלעגט מען אין דער היים מא־כען א געלעגער פאר די קינדער אויף ביינקלאך, אויף לאקשען ברע־טער און מען האט זיך אלע פאמיעצשעט אין איין אלקערל, און דא, פיל רומס מען האט, איז אלעם ענג.

(דער תירוץ איז).

עבדים: דא אין אמעריקא איז מען קנעכט צו דער מארע. איינע די אנדערע וויל נאכטאנצען. איינע די אנדערע וויל אי־בערשטייגען, ווייל אין ער לאנד פון גלייכהייט ווילען ארים און רייך זיין גלייך. ואפילו כלנו חכמים, און כאטש מיט זיינען ביי זיך ניט פארנארט און מיר ווייסען, אז עס זיינען פאראן פיל זאכען וואס זיינען איבעריג און מען דארף עס האבען אויף טוי־זענד כפרות; מצוה עלינו, איז א מצוה צו פארבייסען די ליפען און שווייגען און לאזען די ווייבער זיי זאלען פיהרען דעם רעדיל צוליב „לידים פוירסט".

מעשה: עס איז געווען א מעשה מיט ציפע דער פעדלערקע,

יאכנע די פאנוואוואטע, רייצע די קויהלמאניכע און יענטע די קורנאסע; שהיו מסבין, וואס זיינען געזעסען ביי א סטופ אין טשערי סטריט, והיו מספרין, און זיי האבען געשמועסט וועגען דיימאנדענע אוירינגלאך, פלאש סעטס, סילקענע קוירטענס, געגולטע שפיגלען און פיאנאס, ביז שפעט נאך האלבע נאכט. עד שבאו, ביז זייערע מענער זיינען געקומען און זיי געזאגט, אז עס איז צייט געהן דריפערען די בייבים.

אמר רבי לייזער הבייסטער: ר׳ לייזער דער בייסטער האט געזאגט. הרי אני כבן שבעים, איך בין שוין ב״ה באלד א איד פון זיבציג יאהר און האב שוין מיינע צייהן אויפגעגעסען אויף שניידערייי; ולא זכיתי, און איך האב נאך קיינמאל קיין זכיה ניט געהאט צו וואהנען אין א שעהנעם וואהנונג. געזעסען שטענדיג אין א כאלופקע און אפילו קיין רעכטער ביינקעל איז אין שטוב ניט געווען, און די קינדער מיינע, כאטש זיי זיינען ערגערע שניידער פאר מיר, פארוואוינען זיי אזוי ווי קיסרים און זייערע ווייבער געהען אנגעטאן אין דיימאנדס, ניט ווייל זיי זיינען רייך, נור ווייל זיי זיינען אין אמעריקא.

ברוך קאלומבוס: געלויבט איז קאלומבוס, וואס האט ענטדעקט אמעריקא, וואו מען קריגט אלעס אויף אפצאהלונג, און אפילו ניט האבענדיג קן געלד קען מען זיך אליין אויססטראיען און אויספוצען די הייזער אויפ׳ן שעהנסטען אופן און זיין מיט לייטען גלייך.

צא ולמד: געה לערען זיי שכל, אז עס איז גלייכער אפצושפארען א דאלאר, ווי מען זאגט: אויף א רעגנדיגען טאג, און ניט אויסגעבען געלד אויף לוקססען און אלערליי נארישקייטען — פרובט, זאגט עס אייער אידענע, וועט זי אייך איינצאהלען א פארציע, אז איהר וועט אנטלויפען אזש קיין גושן.

ביד חזקה: אלו הנשים, דאס זיינען די ווייבער וואס קאפען אריין מיט געוואלד א פאר דיימאנד אוירינגלאך, א סעט פאר אדער א קארפעט,ביים קאסטומער פעדלער אויף וועכענטליכע אפצאהלונג, ווייל זיי זיינען מיט דער מיינונג, דאס ווען אן אריימאן כאפט ניט אריין מיט געוואלד, האט ער ניט.

ובמורא גדול: טאמער דריקט א ביסעל צו די צייט און עס

איז שווער צו צאהלען, ציטערען זיי די פופקעס, מען זאל עס ניט צונעהמען.

ובמופתים: א פרוי זאל טראגען א קלייד אדער א העט צוויי סיזאנס, איז איינער פון די גרעסטע וואונדער אין דער וועלט.

כמה מעלות טובות לקאלומבוס עלינו: קאלומבוס'עס מדינה האט א סך מעלות.

אלו, ווען עס זאל שטענדיג זיין איין סטייל אויף הלבשה און פארניטשור, דיינו.

אלו, ווען סטיילס זאלען געענדערט ווערען איין מאל אין עטליכע יאהר, דיינו.

אלו, ווען סטיילס זאלען זיך בייטען זאגאר אלע וואך, נור אונזערע פרויען וואלטען דערויף ניט געקוקט, דיינו.

אלו, ווען אלע פרויען פון דער וועלט וואלטען חשק געהאט צו מאדעס, נור קיין אינסטאלמענטס ביזנעס וואלטען ניט געווען, דיינו.

על אחת כמה וכמה, אפשיטא שוין אז סטיילס האלטען לאנג ניט אן און בייטען זיך אלע מאל, און אונזערע פלונית'טעס און טעכטער זיינען אין דעם אריינגעטאן מיט לייב און לעבען, און אינסטאלמענטס פעדלערס זיינע אויך פאראן, ביי וועמע מען קען אלעס קריגע אהן קעש, דארפען מיר געווים העכט צופרידען זיין. אי מען גיט אפט אוים געלד אויף איבעריגע זאכען — ווערל, לכפר על עונותינו, זאל עס זיין א כפרה אויף אונזערע זינד.

ובכן ויהי בחצי הלילה.

סאסיע, מענדעל דעם אונטער־ביגלער'ס, ליגט און יאמערט בלילה. איהר דאליע, זאגט זי, איז פינסטער ווי אין סוף חודש בלילה. זי האט ניט קיין דיימאנד אוירינגלאך און שעהמט זיך ארויסגעהן צווישען מענשען ביום ובלילה,

ויהי בחצי הלילה.

גרוניע די סטענד קיפערקע, שיט מיט קללות בלילה. איהר איז געפעלען א ספרינג העט וואס זי האט געזעהן אין א סטאר געכטען בלילה. זי וויל שוין פון מאן די ממתקים באותה לילה,

ויהי בחצי הלילה.

שפרינצע די גראסעריכע טענה'ט צו איהר מאן בלילה: איך

זעה ניט אָן די ליכטיגע וועלט ביום ובלילה, לכן וויל איך א סיל־קענע דרעס, ווייל איך דארף געהן צו א באָל פסח בלילה.

ויהי בחצי הלילה.

טריינע דער שוסטערקע פארגלוסט זיך א פארלאָר סעט בלילה. מאכט זי דעם מאַן א קלאָגעדיגע לילה, און עס קומט איהם אויס כאָטש אנטלויף באמש לילה.

ויהי בחצי הלילה.

פיישע דעם פושקארט פעדלערס מערכה'ניצע פארגלוסט זיך קאונטרי בלילה, לאָזט זי איהם ניט שלאָפען כל הלילה, כאָטש נעהם און שיק זי אוועק באותה לילה, ויהי בחצי הלילה.

חד, גדיא, חד גדיא!

א פאָר קיד גלאָווס, א פאָר קיד גלאָווס; דזבין אבא, וואָס יעדער „פאפ" (מאַן) מוז קויפען פאר זיין ווייבעל אויף פסח.

חד, גדיא, חד גדיא!

ואתה, קומט מאדאם מאָדע און בריינגט אריין אין מאר־קעט אן אנדער סטייל גלאָווס, מען מוז שוין קויפען יענע, ווייל זי וויל ניט טראָגען די, וואָס „פאפ" האָט געקויפט אויף פסח,

חד, גדיא, חד גדיא!

ואתה, קומט ווידער מאדאם מאָדע און טראכט אויס ווייסט־לאָך מיט קורצע סליווס, מען מוז שוין האָבען לאנגע גלאָווס און מען ווארפט ארויס די נייע וואָס „פאפ" האָט געקויפט.

חד, גדיא, חד גדיא!

ואתא, כאפט זיך אונטער א באָל, מוז העז האָבען ווייסע, סילקענע גלאָווס און עס טויגען שוין אפילו ניט די לאנגע גלאָווס, וואָס פאפ האָט געקויפט,

חד, גדיא, חד גדיא!

מדרש ערב פסח.

ערבי פסחים לא יאכל אדם — די טעג פון ערב פסח דארף א איד הונגערען, ווייל די מיסעס'ען זיינען ביזי און האבען קיין צייט ניט צו קאכען אדער מאכען עפעס צום עסען.

מאי שנא דתנא ערבי פסחים? — פארוואס שטעהט עפעס „ערבי פסחים" און ניט „ערב פסח", אזוי ווי מען זאגט ערב יום טוב? מפני שאינו דומה, ווייל ערב פסח איז ניט גלייך צו אן אנדער ערב יום טוב, ערבי ימים טובים אחרים, יעדער ערב יום טוב, אינו נוהג אלא יום אחד, איז בלויז איין טאג, וערב פסח נוהג כמה ימים, און ערב פסח איז א סך טעג, אין וועלכע מען איז פארלייגט מיט ארבייט און מען איז ביזי ווי קאקרוטשעס.

ומאימתי מתחילין למנות ערב פסח? — פון ווען אן היבט מען אן רעכענען ערב פסח? מעשה שהרוכלין נכנסין, פון דער צייט, וואס די קאסטאמער פעדלער היבען אן אפצושלאגען די שוועלען און פארדולען דעם מח מיט פסח'דיגע ארדערס.

ומאימתי הרוכלין יוצאין? — ווען הויבען די פעדלערס אן ארויסגעהן אננעהמען ארדערס? אמר ר' דיז, האט ר' דיז גע־זאגט: ממחרת יום הפורים, באלד אויף מארגען נאך דער פורים'־דיגער סעודה. משום שנאמר, ווייל אין פסוק שטעהט: שתו ושכרו דודים, טרינקט און שכור'ט אידעלאך, וסמיך ליה, און באלד נאך דעם שטעהט: קול דודי דופק, ואין דודי דופק אלא הפעד־לערס, און דודי דופק מיינט מען די פעלערס וואס געהען אום מבית לבית, פון הויז צו הויז, פון פלאר צו פלאר און קלאפען אין די טירען, ווייל זיי ווילען נעבאך פארדינען אויף יום טוב.

אמר ר' חזרן — האט ר' חזרן געזאגט: מניין שחיבין לתן שאו לפעדלער? פון וואנען ווייס איך, אז מען דארף געבען א פעדלער א שאו? דתנן, מיר האבען געלערענט: אין לך אדם שאין לו שעה, יעדער אדם דארף האבען א שעה, אל תקרא שעה, זאלט ניט לייענען שעה, אלא „שאו"; ואין אדם אלא פעדלער, אדם מיינט מען א פעדלער, כדכתיב, אזוי ווי אין פסוק שטעהט:

ואתה בן אדם עשה לך כלי גולה וגלית ממקומך, דו אדם מאך זיך גלות קליידער און דו זאָלסט אומגעטריבען ווערען פון איין אָרט אויפ'ן אנדערען, און ווער ווערט נאָך אזוי אומגעטריבען און אומגעיאָגט ווי א פעדלער? איז ער א פושקארט פעדלער, יאָגען איהם אום די פּאָליסלייט; איז א קאָסטאָמער פעדלער, ווערט ער געיאָגט און פארפאָלגט פון די הויז־קיפּערס, ווייל אויף די טירען הענגען סיינס, אז קיין פעדלערס זאָלען ניט אריינקומען.

תניא, מיר האָבען געלערענט, מאי דכתיב, וואָס עס שטעהט אין פסוק: וראית על המשקוף, דו זאָלסט זעהן אויפ'ן אושאק, על דבר זה נצטוו הרוכלין, דאָס איז א פארזאג צו פעדלערס, אז זיי זאָלען זעהן וואו עס הענגט א סיין: „קיינע פעדלערס איז ערלויבט אריינצוקומען" זאָלען זיי יענע הויז ווייכען, ווייל די הויז־קיפּערין, קען זיי אָפּט מקבל פנים זיין מיט א ברום אָדער מיט א פּעיל וואסער.

אמר ר' פיישע הרוכל — ר' פיישע דער קאָסטאָמער פעדלער האָט געזאגט: עפרא לפומה של אותו לענדלאָרד, פארשטאָפּט זאָל ווערען דאָס מויל פון יענעם לענדלאָרד, שנועל דלתיו בפני פעדלערס, וואָס לאָזט ניט אריין קיין פעדלערס אין זיינע הייזער, ועושה הסדר ואומר: כל דכפין יתי ויאכל, און ער פראוועט א סדר און זאָגט אין דער הגדה: ווער עס איז הונגעריג זאָל קומען עסען, ווייל דאָ זעהט מען דאָך באַשיינפּערליך, אז ער איז א בלאָפער, ועליו הכתוב אומר, און אויף איהם זאָגט דער פסוק: אותי עזבו ואת תורתי שמרו, דער רבונו של עולם איז איהם מוחל די הגדה, אבי ער זאָל אָפּהיטען דאָס געזעץ פון מענשהייט: לעבען און לעבען לאסען.

מעשה בלענדלאָרד אחד — עס איז געווען א מעשה מיט א לענדלאָרד, שיש לו הרבה בתים בדאונ־טאון ואפּ־טאון, וואָס ער האָט א סך הייזער דאונ־טאון און אפּ־טאון, ואין להם רשות לרוכלין לכנס בהם, און פעדלערס איז שטרענג פארבאָטען אריינ־צוקומען אין זיי. פעם אחת בערב, איין מאָל אָנפאנגס אָווענד, ווען די געז אין האָל האָט נאָך ניט געברענט, בא הלענדלאָרד, איז דער לענדלאָרד געקומען אין איינע פון זיינע הייזער, ולא הכירה בו החויז־קיפּערין, און די הויז־קיפּערקע האָט איהם אין דער פינסטער ניט דערקענט; וכיון שהגיע לפרזדור, ווי נאָר ער איז

אריין אין האָל, שפכה קיתון על פניו, האָט זי געמיינט, אז דאָס איז א פעדלער און איהם אפגעפליוכעט מיט א טאָפ פאָמיניעס.

כשהגיעו הדברים לאזני הפדלערס, אז פעדלערס האָבען זיך דערפון דערוואוסט, ענו ואמרו פה אחד, האָבען אלע ווי איין מאן אויסגעשריען: כן יאבדו, אזא מפלה זאָלען זיי, די לענדלאָרדס אלע האָבען.

תנן התם — דאָרט אין די איסט סייד האָבען מיר געלערנט: אין בין ערב פסח לשער ערבי ימים טובים, עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישען ערב פסח און אנדערע ערבי ימים טובים; אלא שיעבוד מלכיות בלבד, נאָר דאָס וואָס ערב פסח מוז מען זיין פארשקלאָפט ביי די מלכה׳ס, העלפען זיי פאַרקען זיך אין הויז, פאָלגען א גאנג און אונטערטראָגען די באַנדלאָך וואָס זיי קויפען איין.

דרש ר׳ גרונם השניפעשקאָי, — ר׳ גרונם דער שניפעשאָקער האָט גע׳דרש„ענט: מאי דכתיב, דאָס וואָס שטעהט אין פסוק: להיות כל איש שורר בביתו, יעדער מאנסביל זאָל זיין בעל הבית אין זיין הויז, המקרא הזה, דער דאָזיגער פסוק, לא נאמר, איז ניט געזאגט געוואָרען, אלא עד פורים, נאָר ביז פורים, מכאן ואילך, פן פורים אָן אָבער ביז פסח, ווערט דער מאן א פאַנטאָפעל ביי דער אידענע און ער מוז זיך לאָזען פיהרען ביי דער נאָז.

אמר ר׳ בונם — ר׳ בונם האָט געזאגט: מאי דכתיב, וואָס עס שעהט אין פסוק: מלך אסור ברהטים, דער מלך איז איינגע־בונדען אזוי ווי די קוקלעס אין די מיידעלשע פאָמפאדורס, דבר זה נאמר, די דאָזיגע זאך איז געזאָגט געווארען, על האנשים העתידים להיות מלכים, אויף אלע מענער וואָס ערוואַרטען צו זיין מלכים ביים סדר; אָבער ביז די גדולה קומט, מוזען זיי א פאָר וואָכען זיין פארשפארט אין הויז, שנאמר, ווייל אין פסוק שטהעט: ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו, קיינער טאָר פאר פסח ניט ארויסגעהן פון הויז, שמא תצטרך לו אשתו, טאָמער וועט איהם די פלונית׳טע דארפען ערגעץ שיקען אָדער הייסען עפּעס טאָן.

תני ר׳ פייוויש שלאק, ר׳ פייוויש שלאק האָט געלערנט: מי שאשתו ארורה, ווער עס האָט א ווייב אן ארורה, יוצא בה כדי מרור, איז ער יוצא מיט מרור, דכתיב, ווייל אין פסוק שטעהט: ומוצא אני מר ממות את האשה.

תניא, מיר האָבן געלערנט: כל אחד מישראל, יעדער איד, חיב בארבע כוסות ובלביבות, דאַרף טרינקען פיר כוסות און עסען קניידלאך. בן שיאנו יודע לשאול, א זוהן וואָס קען ניט אָדער וויל ניט פרעגען די פיר קשיות, ואפילו אם הוא גדול, אפילו ווען ער איז שוין א גרויסער און ער מאַכט חוזק פון גאַנצען טאַראַראַם, אביו חיב למזוג לו כוסות ולהאכילו לביבות, דאַרף איהם דער פאָטער געבען טרינקען כוסות און קאָרמענען איהם מיט קניידלאך. למזוג לו מאי טעמא? פאַרוואָס דאַרף מען אַזעלכען געבען כוסות? פליגי בה תרי תנאי, קריגען אין דעם צוויי תנאים; חד אמר, איינער זאָגט: כדי שלא להטיל קנאה, כדי ער זאָל ניט בייז ווערען און אָנמאַכען סקאַנדאַלען; וחד אמר, און איינער זאָגט מקרא מפורש הוא, דאָס איז א בפֿרוש'ער פסוק, שנאמר, עס שטעהט אין פסוק: שתה גם אתה והערל, כאָטש דער זוהן איז א גוי'עץ דאַרף מען איהם אויך געבען טרינקען כוסות.

מאכילו לביבות מאי טעמא? פאַרוואָס דאַרף מען איהם נאָך געבען קניידלאך? אמר ר' שלומיאל, האָט ר' שלומיאל געזאָגט: כדי שלא יבעט בסדר, כדי ער זאָל ניט אַרויסשפּרינגען פון די האַלאַבאַליעס און אַוועקגעהן עסען אין א גוי'אישען רעסטאָראַנט.

דרש ר' ברכיה — ר' ברכיה האָט גע'דרש'נ'ט: כנסת ישראל נמשלה לאפיקומן, די אידען זיינען גלייך צום אפיקומן; מה אפיקומן, אַזוי ווי דער אפיקומן, דבר המותר הוא, איז דאָך אַן איבעריגע זאַך, פון וועלכע מיר זיינען ניט אַזוי שטאַרק צופרידען, פון דעסטוועגען עקזיסטירט ער שוין טויזענדער יאָהרען; כך ישראל, אַזוי איז דאָס פאָלק ישראל, כאָטש זיי זיינען ביי די אומות העולם פאַררעכענט פאַר אַן איבעריגע זאַך און זיי האָבען זיי ליב ווי פעפער אין נאָז, פון דעסטוועגען עקזיסטירען זיי און וועלען עקזיסטירען. וזהו אפיקומן, און דאָס מיינט דאָס וואָרט אפיקומן — „אף יקומון", אידעלאך האָבען געהאַט א קיום און וועלען האָבען א קיום לעולם ועד, אָמן.

מסכת קנײדלאך.

אור לארבעה עשר — די נאכט פון פיערצעהנטען ניסן, בודקין את הקעשענעס, דארף מען אויסטרייסלען די קעשענעס און זעהן אויב עס איז נאך פארבליבען עפעס קליין־געלד. אם מצא, אויב ער האט עפעס געפונען, יאמר על הנסים, זאל ער זאגען על הנסים, ווייל ערב פסח זאל פארבלייבען א פאר סענט, איז א נס מן השמים.

תניא — מיר האבען געלערענט: מפני מה קורין שמו ניסן? פאר וואס רופט מען דעם מאנאט וואס געפאלט פסח, ניסן? אל תקרי ניסן אלא נתן, זאלסט ניט לייענען ניסן, נאר נתן; על שם הנתינה, ווייל דיזען מאנאט דארף מען נאר האלטען די הענט אין די קעשענעס און געבען געלד גאר אהן א סוף: אויף קליידער, אויף ספרינג העטס, אויף מצה, אויף וויין, אויף כוסות, אויף חרוסת און אנדערע הצטרכות.

דרש ר' גרשון הלבלר — ר' גרשון דער שרייבער האט גע־דרש'נט: מפני מה נקרא ראש חדשים? פארוואס רופט מען דעם חודש ניסן דער עלטסטער פון די חדשים? מפני שהוא מיצר לישראל, ווייל ער מאכט די אידען ענג אין די קעשענעס, וכל המיצר לישראל נעשה ראש, און דער וואס דריקט צו אידען ווערט אן עלטסטער, שנאמר, אין פסוק שטעהט: היו צריה לראש.

ר' טודרוס איש קאפאוליע אמר — ר' טודרוס דער קאפוילער האט געזאגט: כדאי הוא אותו יום טוב, דער יום טוב פסח האט פארדינט, שיאבדו על ידו כמה וכמה זהובים, אז ער זאל אונז קאסטען עטליכע דאלער, בשביל הלביבות שאנו אוכלין בו, צוליב די קנײדלאך וואס מיר עסען אין איהם, שאלמלא זכות הקנײדלאך לא היו ישראל נגאלין ממצרים, ווייל ווען ניט דער זכות פון די קנײדלאך וואלטען די אידען ניט איסגעלייזט געווארען פון מצרים, שנאמר, אין פסוק שטעהט: לבבתני אחותי כלה, אמר הקדוש ברוך הוא, דער אויבערשטער האט געזאגט צו די כנסת ישראל: בשביל הלביבות שאת עושה בפסח, צוליב די קנײדלאך וואס דו

מאכסט אום פסח, חשובה את בעיני כאחות וככלה, ביסטו ביי מיר פאררעכענט אזוי ווי א שוועסטער און אזוי ווי א כלה.

תני ר׳ מאיר השניפישקאי — ר׳ מאיר דער שניפישאקער האט געלערענט: הכל חייבין בלביבות, אלע זיינע מחויב צו עסען קניידלאך אום פסח; ואפילו נשים, אף על פי שפטורות מהגדה חייבות בלביבות, און אפילו ווייבער, כאטש זיי זיינען פטור פון הגדה, אבער קניידלאך עסען זיינען זיי מחויב.

נשים פטורות מהגדה מאי טעמא? — פארוואס זיינען ווייבער פטור פון הגדה? אמר ר׳ מאיר, האט ר׳ מאיר געזאגט: מקרא מפורש הוא, עס איז א בפירוש׳ער פסוק, שנאמר אין פסוק שטעהט: והגדת לבנך, דו זאלסט זאגען די הגדה מיט די זיהן, אבער ניט מיט די טעכטער. ואיבעית אימא, און אויב דו ווילסט וועל איך דיר זאגען אן אנדער טעם: מפני שנשים דין שעתן, ווייל פאר ווייבער איז געננג וואס זיי פלאפלען א גאנץ יאהר, דאר־פען זיי כאטש צום סדר שווייגען.

נשים חייבות בלביבות מאי טעמא? — פארוואס זיינען ווייבער מחויב צו עסען קניידלאך? והרי לביבות מצות עשה שהזמן גרמא היא, ומצות עשה שהזמן גרמא נשים פטורות? קניידלאך איז דאך א מצוות עשה וואס די צייט איז גורם און א מצוות עשה וואס די צייט איז גורם זיינען דאך ווייבער פטור? אמר ר׳ חמצן, האט ר׳ חמצן געזאגט: מפני שנשים היה להן חלק באותו נס, ווייל ווייבער האבען געהאט א חלק אין דעם נס מצרים. ומאן נינהו? און ווער זיינען די ווייבער וואס האבען געהאלפען, אז דער נס מצרים זאל געשעהן? שפרה, פועה ובתיה בת פרעה, שפרה און פועה, די הייבאמען וואס האבען משה׳ן געלאזט לעבען און בתיה, פרעה׳ס טאכטער, וואס האט איהם אויסגעהאדעוועט.

מתיב ר׳ יקטן — האט ר׳ יקטן א קשיא געפרעגט: מפני מה לא נזכרו שמותן של אותן נשים צדקניות בהגדה? פארוואס ווערען די ווייבער, וואס דורך זיי איז געשעהן דער נס מצרים ניט דערמאנט צו גוטען אין דער הגדה? הוא מותיב והוא מפרק, ר׳ יקטן האט אליין געפרעגט די קשיא און אליין פארענטפערט: משום שאין מדברין בשבחן של נשים, ווייל מען דארף ניט זאגען קיין שבחים אויף פרויען; מפני שלומה של מלכות, כדי די

מלכה זאָל ניט ווערן דזשעלאָס און ניט ברוגז ווערן אין מיט'ן סדר.

מעשה בעם הארץ אחד — עס איז געווען א מעשה מיט א גראָבען יונג, שהיה קורא שיר השירים בעברי טייטש, וואָס האָט נאָך דער הגדה געלייענט די עברי טייטש פון שיר השירים, בשעה שפּרינצע דביתהו היתה יושבת נים ולא נים תיר ולא תיר, אין דער צייט וואָס זיין פלונית'טע שפּרינצע איז געזעסען און גע־דרעמעלעט. כיון שהגיע לשני שדיך כשני עפרים, ווי ער איז געקומען צו דעם פסוק „שני שדיך" און ער האָט עס פאַרטייטשט אויף עברי טייטש, שמעה שפּרינצע, האָט שפּרינצע דערהערט, וקסברה שלהשפחה אומר כן, האָט זי געמיינט, אז איהר מאַן רעדט עס צו דער דינסט, ושפכה קיתון על פניו, און זי האָט איהם אָפּ־געפּליוכעט מיט א שיסעל פאַמיניעס.

תני דבי לאפּינישאָק — די לאַפּינישאָקער ישיבה בחורים האָ־בען געלערענט: כמה לביבות חייב אדם לאכל? וויפיל קניידלאך דאַרף א מענש אויפעסען? ר' יונה הכנדיקעוואי אומר, ר' יונה דער כאַנדיקאַוועער זאָגט: שתים, כנגד משה ואהרן, צוויי, אנט־קעגען משה און אהרן. ר' בונם אומר: ארבע, כנגד ארבעה בנים שבהגדה, ר' בונם זאָגט: פיר, אנטקעגען די פיר בנים פון דער הגדה. ר' זולל אומר: עשר, כנגד עשר מכות, ר' זולל זאָגט: צעהן, אנטקעגען די צעהן מכות; ור' רעבתן אומר: י"ד, און ר' רעבתן זאָגט: פערצעהן קניידלאך דאַרף א מענש אויפעסען, ואף על פי שאין ראיה לדבר, זכר לדבר, כאָטש קיין גרינדל'כע באַווייזע איז דערויף ניטאָ, איז פאַראַן אן אנדייטונג, אז מען דאַרף עסען פערצעהן קניידלאך; שנאמר, אין פסוק שטעהט: כי יד על כס, אל תקרי יד אלא י"ד, דו זאָלסט ניט לייענען יד נאָר י"ד — פערצעהן; ואל תקרי „על כ"ס אלא „האלקעס", זאָלסט ניט לייע־נען „על כס" נאָר „האלקעס", ואין האלקעס אלא קניידלאך, און האלקעס מיינט מען קניידלאך; שכן בכרבי הים קו־יין לקניידלאך האלקעס, ווייל ביי ליטען רופט מען אויף קניידלאך האלקעס.

מתקיף ר' בונם — האָט ר' בונם א קשיא געפרעגט: בשלמא בני פּוילען וגאליציא שעושין לביבות קטנות, דאָס איז רעכט פּוילישע אָדער גאַליציאַנער, וואס מאַכען קליינע קניידלאך, בני ליטא מאי איכא למימר? אָבער ליטוואַטשקעס וואָס מאַכען גרויסע

קניידלאך אזוי ווי קולאקעס ווי אזוי קען זיין מען יאָל אויפעסען פערצעהן שטיק? אמר ר' רעבתן, האָט ר' רעבתן געזאָגט: לא קשיא, עס איז קיין קשיא ניט; הא לן והא להו, די וואָס מאכען קליינע קניידלאך מוזען טאקי אויפעסען פערצעהן שטיק און ליט־וואקעס זיינען יוצא מיט ווייניגער.

תנן התם — דאָרט אין קאבצאנאָווקע האָבען מיר געלערענט: הכל חייבין בלביבות, אלע זיינען מחויב צו עסען קניידלאך; ואפילו עניים המתפרנסים מן התמחוי, און אפילו אָרימע לייט וואָס עסען א גאנץ יאָהר לאַסקאַווען ברויט, דאַרף מען זעהן, אז זיי זאָלען אויך האָבען קניידלאך אויף פסח. וכל המעלים עינו מעניים, און דער וואָס קעהרט ניט פאר אָרימע לייט און האָט ניט אין זינען צו פאר־זאָרגען זיי אויף פסח, עליו הכתוב אומר, אויף יענעם זאָגט דער פסוק: ואיש נבוב, א פוסטער מענש, א מענש אָהן א הארץ, אָהן א געפיהל, ילבב, קניידעלט זיך אליין און פאר אנדערע אַרט איהם ניט, ומה כתיב בתריה, און וואָס שטעהט נאָך דעם: ועיר פרא אָדם יולד, אזא מענש איז געגליכען צו אַן עזעל און ער איז ניט ווערט מען זאָל איהם רופען מענש.

דבי חכמי ליזשאנקע הוי יתבי וקאכלא לביבות אצל ר' ברקאי בלאַפּינישאָק — די חכמי ליזשאנקע זיינען געזעסען און געגעסען קניידלאך ביי ר' ברקאי אין לאַפּינישאָק. פתח חד מניהו ואמר, האָט איינער פון זיי אָנגעפאנגען און געזאָגט: מפני מה נקרא שמן קניידלאך? פאר וואָר רופט מען עס קניידלאך? כנגד לך: אומרת כנסת ישראל לפני הקדוש־ברוך־הוא, די כנסת ישראל זאָגט צו גאָט: אתה הצבת את מי הים כנד לנו בהוציאך אותנו ממצרים, ווען דו האָסט אונז ארויסגענומען פון מצרים, האָסטו אוועקגעשטעלט די וואסער פון ים אזוי ווי א וואנד, כדי מיר זאָלען דורכגעהן אין דער טריקעניש, שנאמר, אין פסוק שטעהט: נצבו כמו נד נוזלים, די לויפענדע וואסער איז געבליבען שטעהן ווי א וואנד; אף אנחנו עומדים כנד לך, אזוי שטעהען מיר פאר דיר אויך ווי אַן אייזערנע וואנד, ועל כל גל וגל שעובר עלינו, און צו יעדע כוואליע, צו יעדע צרה וואָס אונז טרעפט, אנחנו מרכינים את ראשינו, בויגען מיר איין אונזערע קעפ און מיר שטעהען פאר דיר שטאָל און אייזען.

פסח'דיגס און חמץ'דיגס.

הגדה און קניידלאך.

הגדה (זאגען) און קניידלאך זיינען ביידע פסח'דיגע זאכען, וואס ווערען באנוצט אין חמצ'דיגען אויך. אבער ניט נאך יעדער הגדה קריגט מען קניידלאך; אמאל זאגט איהר עפעס אימיצען, און דוקא א גלייכע זאך, און איהר קריגט דערפאר אנגעזידעלט.

אין אמעריקא, איבערהויפט האט מען פיינט הגדה. ווייל דא האלט מען פון דעם כלל: „מאינד יור און ביזנעס", מישט זיך ניט אין פרעמדע עסקים, און וואס איהר זעהט און וואס איהר הערט, דארפט איהר קוקען און שווייגען.

דא האט מען ניט קיין אמונה אין הגדה. מען גלויבט אייך ניט, אז דאס וואס איהר זאגט מיינט איהר פון טיפען הארצען פון אימיצענס טובה וועגען, און ווען איהר זאגט עפעס א זאך ערנסט, אהן קיין שום פניות, איז מען אייך אלץ חושד, אז איהר זייט ניט אויסען די הגדה, נאר די קניידלאך, אייער אייגענע טובה, הייסט עס, און דאריבער הערט מען אייך ווי דעם קאטער פון חד גדיא.

מלכות און מלקות.

מלכות און מלקות זיינען צוויי אידישע זאכען. די ערשטע האבען אידען פסח צום סדר און די צווייטע האבען זיי ביסלאכווייז א גאנץ יאהר, און אפיציעל קריגען זיי עס ערב יום כפור צו מנחה.

מלקות אום ערב יום כפור קריגט א איד ניין און דרייסיג שטיק און ער קאן עס גאנץ לייכט איבערטראגען; א מלכה האט יעדער איד בלויז איינע און די, זאל מען ניט געשטראפט ווערען, איז אפט־מאל אויך צופיעל.

עס גיבען מלכות, לא עלינו, וואס זיינען גלייך צו מלקות. מלקות איז א כפרה אויף די זינד און מאנכע מלכות טיילען צו אזוי פיעל צרות, אז מען דארף שוין אפילו חיבוט הקבר אויך ניט ליידען.

די צוויי ווערטער „מלקות" און „מלכות" האבען דעם זעלבען אויסדרוק — די זעלבע יענטע, בלויז אנדערש געשלייערט.

יאָ, „מלקות" און „מלכות" איז אָפּטמאָל, זאָל גאָט היטען, איינס און דאָס זעלבע — בת קוף כבת כף.

מלקות איז א שטראָף פון מענשען און שלעכטע מלכות, זאָל ער שומר ומציל זיין, איז א שטראָף פון גאָט.

פאר ערב יום כפור'דיגע מלקות מוז מען איינבויגען דעם קאָפּ, מלכות זיינען אויך פאראן אזעלכע וואָס ווילען, מען זאָל פאר זיי שטעהן אויף די קניע און מען זאָל זיי כבוד אָפּגעבען, ווייל זיי זיינען דאָך עפּעס דער מין היפה, דער שעהנער געשלעכט! ווער שמועסט אין אמעריקא, אין דער לאַנד פון „ליידים פוירסט", איז אין מאנכע פעלע פון זיי גאָר ניט צו דערהאַלטען.

ארבע כוסות און ארבעה בנים.

ארבע כוסות און ארבעה בנים זיינען אויך צוויי פּסח'דיגע זאכען — די ערשטע זיינען געווים אָלרייט און די צווייטע זיינען ניט שטענדיג אי־אי־אי.

די ארבע כוסות זיינען אלע גוט און אפילו א פינפטע און א זעקסטע שאַדט אויך ניט; צווישען די ארבעה בנים אָבער איז קוים פאראן איינער א רעכטער — דער חכם.

אָבער די היינטיגע בנים חכמים טוי:ען אויך דאָס רוב אויף קלאָגען, ווייל זיי האלטען זיך פאר צופיל קלוג און דאָס טויג זעהר ניט, אז די אייער זאָלען זיין קלינער פאר די הינער.

כוסות, וואָס זיי זיינען גרעסער, איז אלץ בעסער, און בנים, וואָס זיי ווערען גרעסער, ווערען זיי אָפּטמאָל ערגער.

די ארבע כוסות זיינען סימנים פון גאולה און ביי בנים דאַרף מען אָפּט זיין אין גלות.

כוסות מאַכען פרעהליך, אזוי ווי אין פּסוק שטעהט: ויין ישמח — ווייַן מאַכט פרעהליך; בנים אָבער, ווען גאָט שטראָפט, ניט קיין לייטישע, טרייבען אָפט אריין אין א מרה־שחורה.

געהט טענה'ט מיט היינטיגע בנים וועגען אידישקייט, וועלען זיי באַלד שטעלען דעם רשע'ס פראַגע: מה העבודה הזאת לכם? צו וואָס דאַרף מען עס? און פאר'ן „הקהה את שניו", פאר'ן אויס־האַקען די ציין, ווי די הגדה הייסט טאָן דעם שלעכטען קינד, האָבען היינטיגע בנים קיין מורא ניט — פּרובט נאָר טשעפּעט זיך מיט זיי, וועט אייך מעהר ניט פעהלען!

רות
אקדמות
און בלינצעס

די פארשטערטע בלינצעס.

(א היימיש בילדעל).

באשע די שוסטערקע האט באשלאסען, אדער כמעט א נדר געטאן, זי זאל שבועות מאכען בלינצעס.

דאס איז געווען באלד נאך פסח, ווען זי און איהר מאן, בעריל דער שוסטער, האבען זייער ערשטע קוה געקויפט.

שוין א יאהר צוועלף אז זיי זיינען געווען פארהייראט און קיין בלינצע איז נאך אין זייער הויז ניט געזעהן געווארען. שוין אפגערעדט פון א גאנץ יאהר — אזא לוקסוס האבען זיי געווים ניט געקאנט זיך פארגינען, נאר אפילו שבועות האט אויך באשע קיינמאל קיין בלינצעס ניט געמאכט. די קינדער זייערע האבען זאגאר ניט געוואוסט ווי א בלינצע זעהט אויס.

באשע האט שטענדיג געשטרעבט צו מאכען בלינצעס לכבוד שבועות, אבער עס איז אלץ ניט אויסגעקומען. עס איז פשוט ניט געווען פאר וואס. בעריל דער שוסטער איז פון שטענדיג אן געווען א גרויסער קבצן, אן עני ואביון. געווען א הוסטער, א יאדעכע, ניט פאר קיינעם געדאכט, און ער האט קוים געדישעט. קיין שארפער בעל מלאכה איז ער אויך ניט געווען. עפעס א שטיקעל לאטוטניק, וואס האט קוים געקאנט לייגען א לאטקע אויף א שטיוועל. און דאס אויך פלעגט איהם דער הוסט ניט לאזען. אין נאסע וועטערען פלעגט ער ליגען צו בעט און אין שעהנע פאגאדע איז פאר אזעלכע שוסטער קיין ארבייט ניטא.

און בעלי הוצאה איז מען געווען. קינדערלאך, אהן עין הרע, אזוי ווי באב, איינס קלענער פאר דאס אנדערע. זיי זיינען דארום קוים־קוים אויסגעקומען מיט חיונה, עס הייסט, מיט ברויט און מיט־נישטע קרופניק, און אפטמאל איז דאס אויך ניט געווען.

און אז עס קומט ערב שבועות, ווערט דאס רוב א יקרות אויף די פראדוקטען וואס מען דארף צו דיזען מאכל. פוטער, קעז און אייער ווערט בראנד טייער, ממש מיט גאלד צוגלייך; הייגט ווער

קאָן זיך עס אונטערשטעלען מאַכען בלינצעס? — ניט פאַר בעריל דעם שוסטער׳ס און ניט פאַר באַשע דער שוסטערקע׳ס קעשענע.

אָן אייגענע בהמה׳לע האָט זיך שטענדיג בערלען און באַשען געוואָלט, אָט אַזוי ווי אַ מענש וויל לעבען. קליינע קינדערלאַך, זאָלען געזונד זיין, ניטאָ וואָס צו געבען עסען, און אליין קאָן מען אויך די נשמה ניט אויסשפייען. ער, בעריל, איז אַ חלוש נעבאַך. דאָק־טוירים זאָגען, אַז מילך וואָלט געווען אַ רפואה צו זיין שוואַכע האַרץ; אָבער ווער פאַרמאָגט עס צו געהן קויפען מילך פאַר׳ן גרייטען גראָשען? אַז גאָט העלפט אָן אייגענע בהמה׳לע, איז גאָר אַן אנדער מזל ברכה. עס איז דאָ פאַר זיך, פאַר אַ קינד און מען לייזט נאָך אַ גראָשען. מען שטעלט אַ לאַדישקע, האָט מען אַ ביסעלע זויער־מילך; מען שלאָגט אויס פוטער, האָט מען אַ ביסעלע מאַסליאַנקע (פוטער־מילך) — עס איז גאָר אַן אנדער לעבען מיט אַ ביסעל אייגענע מילכיגס.

בעריל און בעריליכע פלעגען עס זעהר אָפט איבערריידען צווישען זיך; אָבער דלות מאַך לאָקשען! געה קויף אַ קוה, אַז עס איז קיין מאָל ניטאָ אַ גראָשען ביי דער נשמה.

אָבער ענדליך האָט גאָט געהאָלפען, זיי האָבען פאַר׳משכונ׳ט זייערע לעצטע פאַר קישעלאַך, בעריל׳ס שבת׳דיגע קאַפאָטע, די לייכטער, אַ קופערנע פענדיל און נאָך עפּעס קלייניגקייטען און זיי האָבען דאָך געקויפט אַ בהמה׳לע, וועלכע האָט זיך קירצליך גע־דאַרפט אָפּקעלבען.

און אין יענעם טאָג, ווען מען האָט די בהמה׳לע צום ערשטען מאָל אריינגעפיהרט אין שטאַהל, האָט עס באַשע ארויסגעגעבען די פראָקלאַמאַציאָן, אַז שבועות וועט זי מאַכען בלינצעס.

און געקומען איז דערצו, ווייל משה׳לע, אַ חדר־אינגעל פון אַ יאָהר זיבען, האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט, ער וויל עסען. דאַן האָט איהם באַשע דערצעהלט פאָלגענדע מעשה:

— וויין ניט, משה׳לע, וויין ניט, מיין קינד. אונזער בהמה׳לע וועט האָבען אַ קעלבעלע, וועט זי אָנהויבען געבען מילך, וועט איהר שוין האָבען וואָס צו עסען. אַ ביסעלע מילך, אַ קאַפּעלע זויער־מילך, אַ ברעקעלע קעז, אַ האַרעלע מאַסליאַנקע, מען וועט שוין פון הונגער ניט שטאַרבען. און אם ירצה השם, אַז מיר וועלען לעבען און געזונד זיין און די בהמה׳לע וועט לעבען און געזונד זיין און עס

וועט זיין אַן אייגענע ביסעלע פוטער און אַן אייגענע שטיקעלע קעז, וועל איך שבועות מאַכען בלינצעס.

און אַז באַשע די שוסטערקע האָט געזאָגט אַ וואָרט, איז עס, ביי איהר געווען כמעט ווי אַ נדר.

— וואָס איז אַזעלכעס בלינצעס? — האָט דער אינגעלע געפרעגט.

— בלינצעס — האָט די מוטער געענטפערט — איז אַ גוטע זאַך. נגידים עסען דאָס.

— ווי אַזוי מאַכט מען בלינצעס? — איז דאָס קינד נייגעריג געווען צו וויסען.

— מען מאַכט קליינינקע, דינענקע בלעטעלאַך לאָקשען מיט אייער — האָט איהם באַשע ערקלעהרט — אין יעדע בלעטעלע לאָקשען וויקעלט מען איין ווייכע קעז, מען פאַרקלעפּט און מען פּרעגעלט עס אין פוטער.

משה'לע האָט זיך אפשר צעהן מאָל באַלעקט. די בשורה טובה פון דעם נגיד'ישען מאכל האָט איהם געמאַכט פאַרגעסען זיין הונגער.

די בלינצעס זיינען שטאַרק געלעגען אין משה'לעס קינדערשען מח. ער האָט זיך אָן דעם ניט געקאָנט פאַרגעסען אַ מינוט, אַ רגע. אַ קליינינקייט איז עס? לאָקשען, מיט אייער, מיט קעז, מיט פוטער! זיין פאַנטאַזיע האָט גאַר ניט געקאָנט פאַרשטעלען, ווי גוט דאָס איז, ווי געשמאַק דאָס איז.

פאַר נאַכט, ווען משה'לע איז געקומען פון חדר און ער מיט זיינע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך זיינען געזעסען אויפ'ן פּריזבע, האָט דער אינגעלע געזאָגט צו זיינע אַן אינגערע שוועסטעריל:

— חאַשקע, האָסט ליעב לאָקשען?

— וואָס דען? איך האָב ניט ליעב?

— און לאָקשען פון קלאָרע מעל מיט אייער, אַזוי ווי מיר האָבען געגעסען ביי דער מומע אויף דער חתונה, האָסטו ליעב?

— אַ שאלה אַ ביסעל!

— און ברויט מיט פוטער האָסטו ליעב?

— נאָך ווי ליעב!

— און לאָקשען פון קלאָרע מעל מיט פוטער?

— דו דאַרפסט נאָך פרעגען?

— און ברויט מיט קעז וואָלסטו געגעסען?

— גיב נאָר, אַי וואָלט איך געגעסען!
— און חלה מיט קעז?
— אוי, אוי, אוי!
— און לאָקשען פון קלאָרע מעל, מיט אייער און מיט קעז און מיט פוטער?

די מיידעלע האָט זיך פאַסמאַקעוועט און זי האָט ניט געפונען קיין ווערטער, מיט וועלכע אויסצודריקען ווי צופרידען זי וואָלט געווען פון אזא מאכל.

די אנדערע קינדער האָבען זיך אויך באַלעקט.

— אַדאָס מוז זיין געשמאַק! — האָבען די קליינוואַרג אויס־געשריען און געשלונגען די שפייעכץ.

— געוויס איז עס געשמאַק! — האָט משה׳לע געזאָגט — און מיר וועלען עס עסען.

— ווען?

— שבועות, זאָגט די מאַמע. פריהער, זאָגט זי, וועט אונזער בהמה׳לע האָבען א קעלבעלע, וועט זי אָנהויבען געבען מילך, וועט די מאַמע מאַכען בלינצעס.

— וואָס איז בלינצעס?

— אָט דאָס איז בלינצעס! לאָקשען פון קלאָרע מעל מיט אייער און מיט קעז און מיט פוטער, אזוי זאָגט די מאַמע.

— טאָ ווען וועט זיין שבועות?

— איבער פינף וואָכען.

— אזוי לאַנג?

— טאָ מאַכט קירצער.

— און ווען וועט די בהמה האָבען דאָס קעלבעלע?

— איך וויים ניט.

— אַי, האָב איך ליעב א קעלבעלע!

— און איך אויך.

— א רויטינקע קעלבעלע וועט זי האָבען, אַ־יאָ? מיט א ווייס פנים׳ל.

און האַשקע טוליעט זיך צו משה׳לען און די איבעריגע קינדער טוליען זיך אויך צו איינע צו די אנדערע. זיי גלעטען איינער דעם צווייטען די קעפּעלאַך און די מאָרדעטשקעס און עס ווייזט זיך זיי אויס, אז דאָס גלעטען זיי דאָס רויטע קעלבעלע מיט׳ן ווייס פנים׳ל.

די קוה וואס דער אָרימער, קראנקער שוסטער האט געקויפט, איז ניט געווען קיין גרויסע יפת תואר. ווי א בילינע זאך! איין הארן פארדרעהט, דער צווייטער אפגעבראכען, דער רוקען דין און פון די זייטען האבען די ביינער ארויסגעסטארטשעט. דאך איז זי ביי דער הויז־געזינד געווען טייער, זעהר טייער, פשוט דער לעבען מיט דער נשמה איז זי ביי זיי געווען. מען האט זי ליעב געהאט און מען האט זי געצערטעלט און געלאשעצעט אזוי ווי א קינד, להבדיל. מען האט איהר גערופען ליעבליכע נעמען: קוציניר־מוציניו, פאניענקע, פריצ׳טע און דאס גלייכען.

די בהמה׳לע האט אנגעהויבען „אנגיסען" דעם אייטער. זי איז פון טאג צו טאג פולער געווארען און אין דער אָרימער הויז איז געווען ששון ושמחה. מען האט געהאפט, אז אט־אט וועט זי שוין געבוירען דאס קעלבעלע און עס וועט שוין זיין אן אייגענע ביסעל מילכיגס. צו שבועות איז דערוייל געווארען נעהענטער און די קינדערלאך האבען געהאפט אויף די בלינצעס.

ווען די „פאניענקע", אדער די „פריצ׳טע" פלעגט פון פעלד קומען, אדער ווען זי פלעגט אוועקגעהן אין פעלד, פלעגט באשע אויף אהר קוקען און פשוט אנקוועלען.

— ניט פארזינדיגען זאלען מיר איהר, ניט פארשטערט זאל אונז, רבונו של עולם, ווערען — פלעגט זי זאגען צו איהר מאן. — א שעהנע בהמה׳לע געווארען, טאקע א פאניענקע, קיין בייז אויג זאל איהר ניט זיין.

אפטמאל פלעגט באשע באשיטען דער „פאניענקע" מיט א ביסעל זאלץ, כדי קיין עין הרע זאל איהר ניט צושטעהן.

אין מיטען נאכט, פארטאג און באגינען פלעגט זיך בעריל אראפ׳גנב׳ענען פון זיין געלעגער און פלעגט לויפען אין שטאהל אריין זעהן, אפשר איז שוין עפעס דא, אפשר קומט שוין א מזל־טוב... באשע פלעגט אויך דאס זעלבע טאן שטילערהייט. בעריל האט געוואלט זיין דער ערשטער און באשע האט געוואלט זיין די ערשטע אנצוזאגען די גוטע בשורה. די קליינוואַרג פלעגען אויך, ווי נאר זיי פלעגען אויפשטעהן, לויפען אין איינע העמדלאך אין שטאהל אריין זעהן, אפשר איז שוין דא א קעלבעלע.

איין מאל, דאס איז געווען עטליכע טעג פאר שבועות, איז די

קוה געקומען פון פעלד אומעטיג, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און פאַרכמאַרעטע אויגען.

— היינט וועט שוין עפּעס זיין! — האָט באַשע געזאָגט צו איהר מאַן. — מיר וועלען שוין אם ירצה השם שבועות האָבען בלינצעס.

— הלואי אין אַ גוטער און מזל'דיגער שעה! — האָט בעריל געענטפערט.

די קינדער האָבען זיי קיין מעשה ניט דערצעהלט, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט פאַר אַ „גוט אויג".

ניט דער שוסטער און ניט די שוסטערקע האָבען יענע נאַכט געשלאָפען. אַמאָל פלעגט ער אַרויסגעהן מיט אַ לאַנטערנע זעהן וואו עס האלט און אַמאָל פלעגט זי אַרויסגעהן.

— עס געהט צו שווער! — האָט באַשע געזאָגט צו בערלען, ווען זי איז געקומען פון שטאַהל.

— אַ רחמנות נעבאַך! — האָט בעריל געזאָגט.

— זי קרעכצט נעבאַך אַזוי ווי אַ מענש, להבדיל.

— אַ שטומע צונג, עס טוט איהר נעבאַך וועה.

— פויגעלע מיינע, וואָס קאָן איך איהר העלפען?

אַט אין אַזעלכע שמועסען האָבען זיי זיך איבערגעוועקסעלט דורך דער נאַכט עטליכע מאָל, אַלץ מיט פאַרשידענע נוסחאות.

באַגינען איז באַשע אַריינגעקומען אַ צושראָקענע און געזאָגט:

— בעריל, עפּעס איז מיט אונזער פאַניענקעלע. זי ליגט נעבאַך דעם קעפּעלע פאַרוואָרפען, די אויגעלאַך אויסגעגלאָצט און ריהרט זיך ניט פון אָרט.

בעריל איז אַרויסגעלאָפען, האָט דער קוה געטורקעט, געשלעפּט פאַר די הערנער, אָבער זי האָט זיך ניט גערוהרט, אַזוי ווי אַ שטיק האָלץ.

די „פאַניענקעלע" איז געוועזן טויט.

מגילת רות פון לאפינישאק.

ויהי, און עס איז געווען, ווען צירעלע די פאסעסארקע איז נאך געווען במעלה עליונה און האט געשפילט א גרויסע ראלע אין שטעדטעל לאפינישאק און אין הויף ביים פריץ, האט זי גע־האט א פאראבאק וואסיל און א דינסט נאסטאסיא. וואסיל איז געווען א שייגעץ און נאסטאסיא — א שיקסע.

צירעלע האט געהאלטען אין ארענדע דעם הויף פון פריץ פון שטעדטעל, פאן יארשעווסקי. זי איז געווען א גוטע און פרומע אידענע, אן אשת חיל און א בעלת צדקה. קיין קינדער האט זי ניט געהאט.

ווען איהר מאן ר' שמואל דער פאסעסאר, האט געלעבט, איז ער געווען בעל הבית פון הויף. ער איז אויך געווען א וואוילער איד, א גרויסער בעל טובה, בעל צדקה און מכניס אורח. ער האט אין שטעדטעל געשפילט א גרויסע ראלע און האט געהאט א ברייטע דעה ביי קהל.

ווען ר' שמואל איז געשטארבען האט זיין אלמנה צירעלע איבערגענומען די קאמאנדע אין הויף און איז געווארען די פאר־וואלטערין פון דעם פארמעגען וואס איהר מאן האט איהר איבער־געלאזט.

און צירעלע איז געווען א היבשע נגידה. זי האט געהאט בהמות, פערד און עופות און אין איהר הויז האט ניט געפעהלט פון כל טוב.

און זייענדיג אין גוטע אומשטענדען האט צירעלע קיינמאל ניט פארגעסען אן ארימע און נויטליידענדע און זי האט געטאן פיל צדקה און גמילות חסדים.

אלע דאנערשטאג פלעגט זי ברענגען אין שטאדט אריין גרוי־פען, קארטאפעל און שאר ירקות און טיילען צו ארימע לייט. פאר א יום טוב פלעגט זי שעכטען קעלבער און צוטיילען די פלייש צו ארימע פאמיליעס. פאר פסח איז צירעלע געווען די ערשטע אויפ'ן צעטעל פון מעות חטים.

און נאָט האָט איהר געגעבען חן אין די אויגען פון פאַן יארשעװוסקי און איהרס א וואָרט איז ביי איהם היילינ געווען. האָט זיין „זשידאָווקא" עפּעס פארלאַנגט, איז דאָס געשעהן.

פאַן יארשעװוסקי איז געװען א בייזער פּריץ, א משוגענער גוי, וואָס אָנקומען צו איהם איז געװען אזוי שווער ווי אָנקומען צום קייסער. אָבער צירעלע איז ביי איהם געװען א גאַנצע בן־בית'טע און זי איז געקומען אין „פּאַלאַץ" ווען זי האָט געוואָלט.

האָט מען אין שטעדטעל געוואָלט מאַכען עירובין, אום מען זאָל שבת מעגען טראָגען, האָט מען דאָס געזאָגט צירעלע'ן און זי האָט שוין ביים פּריץ גע'פּועל'ט, אז ער זאָל ערלויבען מאַכען די עירובין. האָט א וואַנד פון בית המדרש אדער, להבדיל אלף הבדלות, פון באָד אָנגעהויבען איינפאַלען, איז צירעלע אוועק צו פאַן יארשעװוסקי און האָט ביי איהם אויסגעבעטעלט געהילץ אויף „בדק הבית".

האָט א בעל הבית געהאָט עפּעס א בקשה צום פּריץ, איז א אידען'ס קוה אָדער ציג פארקראָכען אין שאָדען אין פאַן יאר־שעווסקי'ס פעלד, האָט מען נאָר געדאַרפט א פּיפּס טאָן צירעלען און זי האָט שוין די קוה אָדער די ציג אַרויסגענומען אָהן אויס־לייזונג־געלד. האָט אימיצער געדאַרפט עפּעס אָנקומען צום פּריס־טאַוו אָדער צום גלח, האָט דאָס צירעלע גע'פּועל'ט דורכ'ן פּריץ.

און ניט נאָר אידען, זאָנדערן אויך גוים פלעגט צירעלע פיל טובות טאָן. זי האָט קיינעם ניט אָפּגעזאָגט פון טאָן א טובה, אויב נאָר דאָס איז מעגליך געװען. זי איז דאַרום געװען גע־שעצט און געאַכטעט ביי גוים אזוי ווי ביי אידען און איז געװען באַליבט ביי אַלעמען.

וואַסיל איז געװען כמעט צירעלע'ס א האָדאָווניק. זיין פאָטער און מוטער האָבען געדינט אין הויף און זיי זיינען ביידע אָפּגעשטאָרבען, ווען וואַסיל איז נאָך א יונגער שייגעצעל געװען. צירעלע האָט דעם גוי'אישען יתום'ל צוגענומען צו זיך און ער האָט זיך ניצליך געמאַכט צו פּיטערען איהרע גענז און צו טאָן לייכטע שטוב־אַרבייט. ווען ער איז עלטער געוואָרען האָט זי איהם געמאַכט פאַר א פאַראָבאָק און ער האָט געטאָן אַלעס אין פעלד, אין וואַלד און אין שייער.

וואַסיל איז געװען צוגעבונדען צו צירעלען אזוי ווי א קינד

צו אַ מוטער. איהרס אַ וואָרט איז ביי איהם געווען הייליגער ווי אפילו דעם גלח׳ס אַ סך ווערטער. ער איז געווען איבער־געגעבען צו איהר מיט ליב און לעבען און אין פייער און אין וואסער וואָלט ער פאַר איהר געגאַנגען.

נאַסטאַסיאַ איז אויך געווען אַן עלענדע שיקסע. קיין פאָ־טער האָט זי ניט געהאַט און די מוטער איהרע איז געווען די שבת גוי׳ע פון שטעדטעל, וואָס האָט געצויגען איהר חיונה פון וואַשען וועש אין די רייכערע הייזער, פון פאַרלעשען פרייטאָג נאַכט די לאָמפּען אין בית המדרש און ביי בעלי הבתים, פון מעל־קען שבת די אידישע קיה און פון הייצען ווינטער די אידישע הרובעס.

נאַסטאַסיאַ האָט זיך כמעט אויפגעהאָדעוועט אין אידישע הייזער, וואו זי האָט געניאַנטשעט קינדער פאַר איהר שטיקעל ברויט. זי האָט דארום פאַרשטאַנען אַ ביסעל אידיש, איז געווען באַקאַנט מיט אידישע דינים און מנהגים און זי האָט בכלל די „זשידעס” ניט פיינט געהאַט.

ווען זי איז עלטער געוואָרען האָט איהר צירעלע די פּאָסע־סאָרקע צוגענומען פאַר אַ דינסט, צו מעלקען די קיה און צו טאָן שטוב־ארבייט.

צירעלע איז קיינמאָל ניט געווען שטרענג צו די מענשען וואָס פלעגען ביי איהר דינען. זי האָט אויף זיי ניט ארויפגעלעגט קיין צופיל ארבייט און זי האָט זיי שטענדיג באַהאַנדעלט מילד, ניט אַזוי ווי אַ באַלעבאָסטע זאָנדערן אַזוי ווי אַ מוטער איהרע קינ־דער. נאַסטאַסיאַ האָט דארום צירעלען ליב געהאַט און די „כאָ־זיאַיקאַ” (ווירטין) איז ביי איהר געווען טייערער ווי ווייס איך וואָס.

ויהי היום, האָט צירעלע באַמערקט, והנה וואַסיל מצחק עם נאַסטאַסיאַ, אַז דער שייגעץ וואַסיל שטיפּט מיט דער שיקסע נאַסטאַסיאַ, אַז זיי מאַכען איינע צו די אַנדערע חן׳דלאַך און שפּי־לען זיך אַזוי ווי יונגע קעצעלאַך. אָפּטמאָל וואַרפט ער אויף איהר אַ הייפעלע שטרוי, אָפטמאָל גיט ער איהר אוים ליבשאַפט אַ צופּ פאַר די צעפּ און אָפטמאָל שפּרצט זי איהם אָפּ מיט וואַסער אָדער שענקט איהם אַ קלאַפּ אין פּלייצע, אויך ניט אוים שׂנאה — ווי אַ שייגעץ מיט אַ שיקסע!

האָט זיי צירעלע איינמאָל פאררופען צו זיך און זאָגט צו זיי:

„הער צו, וואסיל, און הער צו, נאסטאסיא. איך זעה אז איהר האָט זיךביידע ליב, אז איהר שטיפט זיך ביידענקע און איהר קוועלט גאָר אָן איינע פון די אַנדערע. לכן, הייס איך אייך אז איהר זאָלט חתונה האָבען און ווערען מאַן און ווייב. קיין „חטאים" ביי מיר אין הויף, זאָלט איהר וויסען, וויל איך ניט האָבען".

און וואסיל און נאסטאסיא האָבען געפאָלגט וואָס זייער באַלעבאָסטע האָט געהייסען און זיי האָבען חתונה געהאט.

צירעלע איז אויף דער גוי'אישער חתונה געווען א גאנצע מחותנת'טע. אלס „פּאָדאראָק" (דרשה־געשאנק) האָט זי זיי א גוטע מעלקענדיגע קוה געשענקט.

און דאָס פּאָר פּאָלק האָבען געלעבט גליקליך און צופרידען אויף זייערע זעלבע שטעלעס אין הויף און זיי האָבען צירעלע'ן געדינט נאָך מעהר עהרליך, נאָך מעהר געטריי ווי פריהער.

נאסטאסיא פלעגט צירעלע'ן אונטער די אויגען רופען „מאָיא נעוויעסטקא" (מיין שוויגער). טאָמער פלעגט זי זיך א מאָל אזוי אויסרעדען פאר צירעלע'ן אין די אויגען אפילו ווען פרעמדע מענשען זיינען דערביי געווען, האָט זיך אויך צירעלע ניט באַליידיגט. פארקערט, עס פלעגט נאָך איהר הנאה טאָן, וואָס די „גוי'קע" מאכט מענשען צום לאכען און פארשאפט זיי א ביסעל שפּאַס.

און באהאנדעלט האָט נאסטאסיא צירעלע'ן פיל בעסער ווי אַן אמת'ע שנור באהאנדעלט איהר שוויגער. אויף די שפּיץ פינגער פלעגט די יונגע גוי'ע געהן פאר דער פּאָסעסאָרקע און זי האָט פאר איהר אלעס אין דער וועלט געטאָן. א שטרויעלע פון דער ע־ד האָט זי איהר ניט געלאָזט אויפהויבען און זי האָט איהר געהיט אזוי ווי א מאמע היט איהר ציטעריגעס קינד.

איז צירעלע'ן עפּעס אויסען געווען, איז נאסטאסיא געלאָפען אין קלויסטער בעטען גאָט פון איהר'ט וועגען, און פלעגט זי, נאסטאסיא, קומען זונטאָג אָדער אין א מארק־טאָג אין שטאָדט, פלעגט זי די בעטלער אין מארק שענקען גראָשענס אָדער בייגעל, זיי זאָלען בעטען גאָט פאר צירעלע'ן.

א שטיק צייט איז פּאָראיבער און אויף צירעלע'ן זיינען אָנ־

געשטאַנען שלעכטע יאָהרען. איין יאָהר איז די תבואה אין פעלד ניט געראָטען געווען, אַן אַנדער יאָהר צופיל געדרעגענט און די לאָנקעס זיינען פארפלייצט געוואָרען, אַ דריטער יאָהר איז געווען אַ מגפה אויף בהמות און ביי צירעלע'ן זיינען אַ פּאָר צעהנדליג קיה אוועקגעפאַלען. ועל כולם, האָט פּאַן יארשעווסקי, וועלכער איז געווען אַ גרויסער הוליאק און אַ קאָרטען־שפּילער, זיין הויף אין קאָרטען פארשפּילט. עס איז אָנגעקומען אַ נייער פּריץ, אַ גרויסער רשע, און ער האָט צירעלע'ן אין גאַנצען פון הויף ארויס־געזעצט.

אונטערדעסען איז וואסיל געשטאָרבען און נאַסטאַסיא איז אַן אַלמנה פארבליבען. צירעלע האָט איהר צוגערעדט, אַז זי זאָל חתונה האָבען, אָבער די גוי'ע האָט זיך ענטזאָגט. זי האָט זיך פון איהר גוטע און טרייע ווירטין ניט געוואָלט שיידען און זי האָט איהר געוואָלט העלפען פיל מעגליך אין אַן עת צרה.

אָרים, עלענד, אַלט, קראַנק און שוואַך פון צרות און עגמת נפש האָט די געוועזענע שטאָלצע פּאָסעסאָרקע אין שטאָדט ארויינ־געצויגען. זי האָט זיך בעדונגען אַן אַלקעריל ביי אַן אָרימע פאַ־מיליע און זי האָט אין דחקות געלעבט. מען האָט איהר אין שטעד־טעל אָנגעהויבען רופען „נעמי” און מען האָט איהר טרויעריגע לאַגע באַדויערט.

אָנפאַנגס האָט מען אין שטעדטעל געהאַט איינזעהעניש אויף דער געפאַלענער נגידה און מען האָט איהר אַביסעל געשטיצט בדרך כבוד. אָבער די טובות און די חסדים, וואָס צירעלע האָט אמאָל געטאָן מיט אַלעמען, זיינען שנעל פארגעסען געוואָרען און מען האָט אויפגעהערט ארומקוקען זיך אויף איהר.

די איינציגע וואָס האָט דער „נעמי” פון לאַפּינישאָק ניט פארלאָזען איז געווען איהר טרייע דינסט נאַסטאַסיא, וועלכע פלעגט וואַשען וועש אין רייכערע הייזער, פלעגט ברויט קנעטען און כל עבודת פּרך טאָן און פלעגט זיך ממש טיילען מיט'ן ביסען מיט איהר „שוויגער”.

עס פלעגט כמעט אַ טאָג ניט מיידען וואָס נאַסטאַסיא זאָל ניט קומען געוואָהר ווערען צו דער אַלטער צירעלע. און קיינמאָל איז זי לעדיג ניט געקומען. אַמאָל פלעגט זי איהר ברענגען אַ

פרישע בולקעלע וואָס זי פלעגט פון איהרטוועגן קויפען, אַמאָל פאַר אַ פאָר גראָשען צוקער און אַמאָל פאַר אַ פאָר גראָשען פרוכט.

און איז צירעלע קראַנק געוואָרען איז נאַסטאַסיא פון איהר קראַנקען־בעט ניט אָפּגעטראָטען. ניט איינמאָל האָט זי אַ רופא צו צירעלע'ן גערופען און איהם באַצאָהלט פון איהר קעשענע און ניט איינמאָל איז זי אין אַפּטייק געלאָפען און געבראַכט רפואות פאַר איהר.

מען האָט נאַסטאַסיא'ן אין שטעדטעל אַ נאָמען געגעבען „רות" און אַלע האָבען איהר מיט דיזען נאָמען גערופען. איהר אמת'ער נאָמען איז כמעט אין גאַנצען פאַרגעסען געוואָרען.

און „רות" האָט ניט אויפגעהערט צו שטיצען און צו העלפען איהר „נעוויעסטקאַ" (שוויגער) ביז זי, צירעלע, איז געשטאָרבען.

און געשטאָרבען איז נעמי פון לאַפּינישאַק אין הקדש און עס איז כמעט ניט געווען ווער עס זאָל איהר באַוויינען. די איינציגע וואָס האָט פאַרגאָסען טייכען טרערען אויף צירעלע'ס טויט, איז געווען נאַסטאַסיא אָדער „רות".

און שפּעטער, נאָך צירעלע'ס טויט, פלעגט נאַסטאַסיא זעהר אָפט ברענגען ליכט אין בית המדרש און פלעגט דעם שמש זאָגען אין איהר געבראָכענעם אידיש: „נאַ, דו צינד אָן די סוויעטשקעס (ליכט) פאַר דער נשמה פון מיין נעוויעסטקאַ".

אזוי האָט זיך „רות" פון לאַפּינישאַק נוהג געווען יאָהרען און יאָהרען.

די תורה און די אידען.

מיט פילע־פילע יאָהרען צוריק האָט דער בורא עולם אראָפּ־געגידערט פון די הימלען און האָט געמאַכט א שפּאַציר איבער דער ערד מיט א קליין קלומיקעל אונטער'ן אָרם.

דאָס איז געווען די תורה הקדושה, וועלכע ער האָט געוואָלט שענקען א מתנה צו די מענשען.

ער האָט געקלאַפּט אין די טירען פון כל אומה ולשון און ער האָט געזאָגט:

— בני אדם, איך האָב פאַר אייך א סחורה, א טייערען אנטי־קעל וואָס איז עלטער פון דער ערד, פון ים, פון דער זון, פון דער לבנה און פון די שטערען; אַן אנטיקעל וואָס איז געלעגען אין מיינע אוצרות זייט צעהנדליגע טויזענדע יאָהרען; אַן אנטיקעל מיט וועלכען איך צאַצקע זיך און שפּיעל זיך אַלע טאָג; אַן אנטי־קעל וואָס קאָן ניט געשאַצט ווערען מיט גאָלד, פּערל, בריליאַנטען און אַנדערע קאָסטבאַרע שטיינער; אַן אנטיקעל וואָס איז אַן אונ־ערשעפּליכער קוואַל פון לעבען. נעהמט עס. איך שענק עס אייך אוועק. דאָס וועט זיין א ברכה אין אייערע הייזער. דאָס וועט אייך שאַפען עשירות און אריכת ימים. דאָס וועט אייך ברענגען כבוד און אכטונג. כאַפּט אריין און נעהמט עס צו און איהר וועט מיר דאַנקבאַר זיין.

און עשו האָט געהייסען פאַנאַנדערבינדען דאָס קלומיקעל. ער האָט די סחורה באַטראַכט און האָט זיך אויסגעלאַכט.

— שעהנע פּרנסה — האָט ער גקעזאָגט — קאָן מען דערפון האָבען! שעהנע אריכת ימים קאָן מען דערפון ערוואַרטען! שעה־נעם כבוד קאָן עס ברענגען! א פּיצעלס, א ברעקעלס, ניטאָ אויף וואָס צו קוקען! מיין געזינדעל איז א גרויסע און ווען מיר זאָלען זוכען חיונה פון אזא קליין פּעקעלע, וואָלטען מיר געדאַרפט לעגען די ציין אויף די פּאָליצעס.

דאַרויף איז עס דאָך עשו! דאַרויף איז ער דאָך א פּויער!

קיין ווערט פון א זאך פארשטעהט ער ניט. זיין אויג כאפט ניט ווייט און ער זעהט נאר יעדע זאך, ווי זי איז אין דער געגענווארט, ער קוקט נאר עס זאל זיין אויפ'ן ארט א „האל לאט"; פארקוקען אויף דער צוקונפט, דארויף איז קיין שכל ניטא!

אין מיטען האט ער זיך נאך ארומגעזעהן, אז דארט שטעהט „לא תרצח" און די נכפה האט איהם פשוט צוגעכאפט! ווי אזוי קאן אזא כאמולא, אזא גראבער נפש לעבען אהן רציחה? ווי אזוי קאן ער אויסקומען אהן הריגות, אהן פאגראמען?

— פאשאל! — האט ער אויף זיין קאצאפישען לשון אויסגעשריען. — איך דארף ניט אזא סחורה! איך נעהם עס ניט!

און עהנליכע אויפנאהמע האט דער רבונו של עולם געהאט פון ישמעאל און פון אנדערע אומות.

קיין איינריידען, קיין פארזיכערונג, קיין ווארנונג אז זיי וועלען שפעטער חרטה האבען און קיינע טענות האבען ניט געהאלפען. אלע האבען אויסגעזעצט חסרונות און קיינער האט זי ניט געוואלט נעהמען.

און דער בורא עולם האט געזיפצט און באדויערט די באשעפנים וואס ער האט באשאפען אין זיין געשטאלט און זיי האבען פארשטאפטע מוחות אזוי ווי בהמות און זיי פארשטעהען ניט דעם ווערט פון אזא טייערען אונשעצבארען אוצר, וואס ער וויל זיי אוועקשענקען.

און ער האט זיך געווענדעט צו דעם עם חכם ונבון — צו די אידען.

און אידעלאך האבען דאס קליינע תורה'לע באטראכט און זיי האבען באלד פארשטאנען איהר ווערט. א גמרא קעפעל איז ניט קיין פויערשער קאפ. וואס א איד האט שכל אין זיין מינדסטען נאגעל, האט עס ניט אן אנדערער אין זיין גאנצען לייב און לעבען.

די אידעלאך האבען איינע די אנדערע אריינגעשושקעט אין די אויערען:

— באלוואנסקע קעפ! פארשטאפטע מוחות! האבען אזא טייערען אוצר ארויסגעלאזט פון זייערע הענט; דאס איז דאך א מועט המחזיק את המרובה, א קליינע זאך וואס ענטהאלט פיעל; דאס איז דאך ווירקליך א מקור חיים, א לעבענס קוואל! דאס איז דאך אן עסק'ל וואס לאזט זיך פארברייטערען, פארגרעסערען גאר

אָהן אַ סוף! אַ טייער געשעפטעל פאַר אונז, אי פון מאָראַלישען, אי פון פינאַנציעלען שטאַנדפונקט. לאָמיר, ברידער, פאַרמאַכען די אויגען און עס צוכאַפּטען מיטביידע הענט.

זיי האָבען די מתנה טובה צוגענומען און אַלע אין איין קול האָבען זיי אויסגעשריען: „נעשה ונשמע!"

דאָס האָט פּאַסירט דעם זעקסטען טאָג אין חודש סיון פון יאָהר תמ"ח לאלף השלישי, אַלזאָ מיט 3,231 יאָהר צוריק.

אַ שעהן ביסעל יאָהרען, האַ? און מיר אידען האַלטען זיך נאָך ביי דער טייערער מתנה, וואָס די אומות העולם האָבען דעמאָלט פאַרוואָרפען און אין האַנד אַריין ניט געוואָלט נעהמען!

און זיי, די אומות העולם, אויף צופּוקעניש, איז פון דער קליינער תורה'לע אויסגעוואַקסען אַ גוואַלדיגע, אונגעהויערע גרויסע תורה און זי האַלט נאָך אין וואַקסען פון טאָג צו טאָג.

פון דעם קליינעם קלומיקעל, וואָס אַ קינד וואָלט געקאָנט פאַר־טראָגען, איז אויסגעוואַקסען אַן אונגעהויער גרויסע דעפּאַרטמענט סטאָר, אַ ריזען געשעפט, וואָס האָט מאַגאַזינען אויף דער גאַנצער וועלט! די גרעסטע שטאָדט וואָלט מען געקאָנט אָנפילען מיט דעם סטאַק, וואָס מיר אידען האָבען ערוואָרבען פון דעם אַמאָליגען קלו־מיקעל, און עס שעפּט זיך גאָר ניט אויס און עס קומט נאָך צו אַלץ מעהר און מעהר, ווייל ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים, די תורה איז לענגער פון דער ערד און ברייטער פון ים.

אַלע אומות, אָט די, וועלכע האָבען אַמאָל דעם רבונו של עולם אויסגעלאַכט און האָבען זיין מתנה צוריקגעוויזען, זיינען אונזערע קאָסטאָמערס. זיי האָבען זייערע תורות געבויט אויף די פּרינציפּען פון אונזער תורה. זיי האָבען גענומען סחורה פון אונזער דעפּאַרט־מענט סטאָר און ביי אונז איז גאָר ניט ווייניגער געוואָרען.

דאָס האָבען געקאָנט באַווייזען אידען, ביזנעס פעהיגע מענשען און אַן עם חכם ונבון. ווען די תורה פאַלט אַריין אין גוי'אישע הענט וואָלטען זיי ניט געקאָנט פון איהר מאַכען דאָס וואָס זי איז.

אידישע נעזער האָבען באַלד דער־שמעקט, אַז אין דעם קליין קלומיקעל, מיט וועלכען גאָט האָט געפּעדעלט, ליגט אַ מזל ברכה און זיי האָבען עס צוגעכאַפּט און דאָס געשעפטעל פיין אַרויפגע־אַרבייט. מען האָט עס שוין פיעל מאָל געוואָלט אוועקנעהמען ביי

זיי, אָבער אַ מכה! עפּעס רעכטס לאָזט אַ איד נישט ארויס פון זיין האנד.

און ווער עס האָט אַ האנד און ווער עס האָט אַ קאָפּ, לעגט עפּעס צו אין דער גרויסער הייליגער קראָם און זי ווערט גרעסער, פעסטער און שטאַרקער, די אומות העולם צו להכעיס.

דערמאָהנט זיך, וויפיעל קענוועסערס, סיילסלייטע און קלוירקס מיר האָבען יעצט אין אונזער הימעלשער דעפּאַרטמענט סטאָר! דערמאָהנט זיך, וויפיעל מענשען ציהען חיונה פון אונזער תורה, פון אונזער אמונה! עס איז דאָך ניט אָפּצושאַצען און ניט משער צו זיין וויפיעל מיר האָבען, אָהן עין הרע, רבנים, מגידים, דרשנים, רעווערענדס, מוהלים, שוחטים, סופרים, מלמדים, חזנים, משגיחים און דעסגלייכען! און וועלכער איז ניט דירעקט אָדער איני־דירעקט פאַרבונדען מיט דער גרויסער דעפּאַרטמענט סטאָר, וואָס האָט ברענטשעס אין דער גאַנצער וועלט? אפילו מילך־הענדלער, פּשוט'ע מילך־הענדלער, לעקען פון איהר אָפּ אַ מילכיג ביינדעל אום שבועות, ווען מיר זיינען מחויב צו עסען בלינצעס און אנדערע מילכיגע מאכלים! ווען ניט די תורה וואָלטען מיר קיין יום טוב שבועות ניט געהאט און מיר וואָלטען קיין בלינצעס ניט געדאַרפט עסען און מילך־הענדלער וואָלטען ניט געלייזט.

דערפאַר טאַקע זיינען די אומות העולם אונז שונאים. זיי זיינען זיך מתקנא אָן אונז און עס פאַרדריסט זיי די מעשה, וואָס מיר האָבען געכאַפּט אזא מציאָה! ווער האָט זיי געהייסען זיין פויערים? ניכאַי וואָלטען זיי די תורה גענומען!

אקדמות לשנת תרע"ז

(דיזער שיר איז פארפאסט געווארען, ווען אמעריקא איז געוועזען אויפ'ן שוועל פון מלחמה מיט דייטשלאנד).

אקדמות מילין וועגען דעם חג בלינצא — — — — — — — — — תא
וועל איך בעטען ערלויבנים און רשו — — — — — — — — — תא
צו רעדען מכח די איצטיגע צר — — — — — — — — — תא
מכח דער בלוטיגער, מורא'דיגער מלחמ — — — — — — — — תא
די טראגעדיע האלט שוין אן תלתא ש — — — — — — — — — תא
עס זיינען געפאלען קרבנות לאלפים ולרבב — — — — — — — תא
בלוט איז שוין פארגאסען געווארען נהר — — — — — — — — תא
א האלבע וועלט געמאכט יתומים ואלמנו — — — — — — — — תא
מען האלט מלחמה אויפ'ן ים און ביבש — — — — — — — — תא
מיט אלערליי כלי משחית און סאבמארינ — — — — — — — — תא
מען דערטרינקט, מען הרג'עט בחרבא ובקש — — — — — — — תא
מען ברענט און מען מאכט חרוב עולמ — — — — — — — — תא
אין אמעריקא איז מען געזעסען עד הש — — — — — — — — תא
רוהיג, שטיל און זיכער בשלום ושלו — — — — — — — — — תא
דא איז א מדינה לעילא מן כל ברכ — — — — — — — — — — תא
לאמיר, הארציגער פאטער, האבען אזא שנ — — — — — — — תא
אויסצורעכענען כסדר איהרע מעל — — — — — — — — — תא
דארף מען זיין א באריהמטער ספרא רב — — — — — — — — תא
מיר אידישע קינדער, חבורתא קדיש — — — — — — — — — — תא
לעבען דא שטענדיג ווי אין עדן גנ — — — — — — — — — תא
מיר פיהלען דא קיינמאל קיין שום גלו — — — — — — — — תא
און וויסען ניט פון קיין שום גזיר — — — — — — — — — תא
קיין מורא פאר פאגראמען און אנדערע צר — — — — — — — תא
פאר הוליגאנעם, צוויי פיסיגע חי — — — — — — — — — — תא
ניטא דא פאר אידען קיין באזונדערע דינ — — — — — — — תא
איד און גוי זיינען אלע גלייך בחברו — — — — — — — — — תא

ניטאָ קיין תחום, קיין אידישע טשער — — — — — — — — — תא
מיר האָבען רשות צו וואוינען בכל אתרו — — — — — — — — תא
פריי איז פאַר אונז די גאַנצע מדינ — — — — — — — — תא
אפילו די סאמע וואשינגטאָן בירנ — — — — — — — — — תא
מען יאָגט אונז ניט ווי א זינדיגע נשמ — — — — — — — — תא
און מיר זיינען רוהיג בימממא וליל — — — — — — — — תא
אַלע זיינען גלייך, למדן און בור דאורי — — — — — — — תא
יעדער איינער איז אַ מיסטער סאַ ענד — — — — — — תא
אַמעריקאַ איז אַ מדינה פול מיט כל עשיר — — — — — — תא
און אַלע קענען געניסען די גרויסע ברכ — — — — — — תא
יעדער קען דינען זיין גאָט בחירו — — — — — — — — תא
מען קען היטען אידישקייט פונקט כהלכ — — — — — — תא
אַלע קענען דאָ ערגרייכען פיל גדול — — — — — — — תא
דורך פעהיגקייט, שכל און חכמ' — — — — — — — — תא
אז גאָט העלפט קענט איהר האָבען אַ זכו — — — — — — תא
צו זיין אַ קאָכלעפעל אין דער סאַמע מלכו — — — — — — תא
א נפקא מינה פון דאָ צו אַן אַנדער מדינ — — — — — — תא
אקוראט ווי פון מרדכי צו, להבדיל, פרשנד — — — — — — תא
זאָגען אז אַמעריקאַ טויג ניט איז אַן עול — — — — — — תא
און ווער עס זאָגט עס, איז אַ שלומיאל רב — — — — — — תא
זעהט נור אַמעריטשקאַ'ס גרויסע גבור — — — — — — — תא
ווי זי עדעלט שנעל אוים גרינע חי — — — — — — — תא
א הויזקע אַפּערייטאָר ווערט אייך זאָגען בגאו — — — — — תא
אז ער איז אַ בקי אין כל שבע חכמ — — — — — — — תא
א פּשוט'ע אידענע, אַ יענטע פון כל ימי ש — — — — — — — תא
האָט חשק צו פיהרען זיך דאָ ווי אַ גביר — — — — — — תא
מוז האָבען דזשולערי, אַ גאָלדענע מורה שעו — — — — — — תא
א הויז אויסגעפּאַרנישד מיט כל כלי חמד — — — — — — תא
פאָהרט אין די קעטסקילס על טורי רמו — — — — — — — תא
און האָט דאָרט פּלעזשור שלשה ירחי ש — — — — — — תא
ניט פאָהרען אין קאַנטרי איז ח"ו אַ סכנ — — — — — — תא
אקוראט זי איז דערצו געוואוינט מבי — — — — — — — תא
מען מעג דערמאָנען קאָלומבוס'ן לטיבו — — — — — — תא
ווייל אַמעריקא איז אונזער שטיקעל גאול — — — — — — תא

אצינד אָבער שטעהען מיר בהאי שע — — — — — — — — תא
אויך אונטער'ן מורא'דיגען פייער פון מלחמ — — — — — — תא
עס צופלאַקערט זיך דאָ דער העלדישער אש — — — — — — תא
און מיר זיינען נעווים אין גרוים סכנ — — — — — — — — תא
מיר זיינען היינטיגען שבועות אין דאג — — — — — — — תא
ווייל עס ערוואַרטעט אונז ח"ו גרוים צר — — — — — — — תא
אָבער מיר דארפען עס אָננעמען לטיבו — — — — — — — תא
דען מיר האָבען פּאַרט אַ שטיקעל נחמ — — — — — — — תא
צאַר ניקאָלאַי איז ניט לאַנג בחרפּ — — — — — — — — תא
ארונטערגעזעצט געוואָרען פון כסא מלכו — — — — — — — תא
מיר האָבען אָן איהם דערלעבט נקמ — — — — — — — — תא
שטעלט איהם אַ פייג און רופט איהם ויז — — — — — — — תא
ער האָט אונז געפּרעסען ווי אַ יון קאַפּום — — — — — — תא
און ניט געגעבען קיין בארוהטע שעו — — — — — — — — תא
אצינד האָט מען איהם טיף אין דער אדמ — — — — — — — תא
און מען מעג מיט איהם שלאָגען כפּר — — — — — — — — תא
די מלחמה וועט נאָך אונז ברענגען ישוע — — — — — — — תא
און ארץ ישראל וועט זיין אונזער ירוש — — — — — — — תא
אַ איד וועט נאָך זיצען על כסא מלכו — — — — — — — — תא
אַ ר' שמערעל וועט זיין גובערנאַטאָר ברמו — — — — — — תא
רבנים וועלען זיין דזשאַדזשעס על כסא דינ — — — — — — תא
שמשים — פּאָליסלייט, אונזערע נטורי קר — — — — — — תא
חזנים — אָפּערא זינגער ווי אַמאַטאָ און קארו — — — — תא
מלמדים — פּראָפּעסאָרען צו לערנען חכמ — — — — — — — תא
יעדער איינער וועט זיך האָבען זיין גנ — — — — — — — תא
און ניט זשעדנע זיין אַ ציבעלע און פּאַטיי — — — — — — תא
פייגען און באָקסער וועט מען עסען בחדו — — — — — — — תא
און ראָזשינקעס און מאַנדלען ביי יעדע סעוד — — — — — — תא
לאָמיר האָפען אַז דאָס וועט געשעהן בהאי ש — — — — — — תא
און לאָמיר דערוויילע מאַכען אַ קידושא רב — — — — — — תא
לאָמיר פאַרבייסען מיט פּעטע בלינצאָ — — — — — — — — תא
און פרעהליך זינגען זמירות ושיר — — — — — — — — — תא

די בלינצע און די קניידעל.

(א שבועות'דיגע קאָמעדיע אין איין אַקט).

פאַרשווינדלאך:

מים קניידעל — — — — — — — — — — א דיקע און א קיילעכדיגע.
מאַדאַם בלינצע — — — — — — — — — — א לאַנגע און א דינע.
מיסעס אַבי וואַר — — — — — — — — — — א געוועהנליכע אידענע.

צייט דער האנדלונג — — — — — — — — — שבועות אין דער פריה.
אָרט — — — — — — — — — — — — אין קיטשען אויפ'ן אויווען.

אויף א הייסען אויוועז שטעהט א בלעך מיט בלינצעס וואָס פרעגלען זיך אין פוטער. נעבען דער בלעך שטעהט א טאָפּ, אין וועלכען עס קאָכען זיך פליישיגע קניידלאך פון מצה מעהל. איין בלינצע איז אויפגעהויבען מיט איין ברעג און זי קוקט אויף א קניידעל וואָס שווימט אום אין טאָפּ אין דער הויך. די קניידעל, ווידער, קוקט אויף דער בלינצע.

בלינצע: העלאָ, מאַדאַם קניידעל! וואס טוסטו דאָ?
קניידעל: און וואָס טוסטו דאָ?
בלינצע: איך? המ... מיך האָט מען צוגעגרייט צו דער מילכיגער סעודה. דו ווייסט ניט, אז היינט איז שבועות און עס איז א מצוה צו עסען בלינצעס? אבער דו ביסט דאָך גאָר א פסח'דיגע, ווי קומסטו ערשט אהער?
קניידעל (שטאָלץ): מיך האָט מען א גאַנץ יאָהר אויך ניט פיינט. און דאָס ווייסטו, אז איך בין מעהר יחסן'טע פון דיר?
בלינצע: מיט וואָס דהינו?
קניידעל: ווייל מיך עסט מען פסח, די צייט ווען די אידען זיינען ארויס פון מצרים און איך בין דער סימבאָל פון פרייהייט.
בלינצע: און איך בין אויך ניט אראָפּגעפאַלען ביי זיך, ווייל מיך עסט מען אום שבועות, דער טאָג ווען מען האָט געגע־

בען די תורה, און איך בין דער סימבאָל פון דער אידישער רעלי־גיאָן.

קניידעל (שפּאָטיש): אויב אַזוי, האָסטו זיך טאַקי מיט וואָס צו איבערנעמען! אַ גלייכען דאָס איז; רעליגיאָן צו פרייהייט! זאָלאַנג מען האָט אויף זיך די פליכטען פון אַ תורה, פון אַן אמונה, איז מען ניט פריי.

בלינצע: אָבער ווען ניט די תורה וואָלט קיין פּסח ניט גע־ווען און דו וואָלסט קיין ראָלע ניט געשפּילט.

קניידעל: וואָס האָט עס צו דער תורה? און אָהן אַ תורה וואָלט מען ניט געפייערט אַ באַפרייאונגס יום טוב?

בלינצע: איך ווייס ניט וואָס עס וואָלט געווען; אָבער דער־וויל, ווער האָט געהייסען מאַכען פּסח, אַז ניט די תורה?

קניידעל: בע, מע! וואָס האָסטו אַ טשייניק מיט דיין תורה? זעהסטו, צו פרייהייט שטרעבען אַלע, פאַר פרייהייט קעמ־פען אַלע: סאָציאַליסטען, אַנאַרכיסטען, בונדיסטען, סתם רעוואָ־לוציאָנערען, און ווער ניט?

בלינצע: האָב מיר קיין פאַראיבעל ניט, קניידעל, דו פּלוי־דערט אַזוי ווי אַ שכור'ע גויע! און די תורה, די אידישע רעלי־גיאָן איז דען ניט געגען שקלאַפעריי און אונטערדריקונג?

קניידעל: דאָס איז נאָך ווייניג. היינט איז מען פריי פון רעליגיאָן, פון דער תורה גופא אויך! היינט איז מען פריי געזאָ־גען, יו נאָו ווהאַט אי מין?

בלינצע: דו ביסט אפילו קיילעכדיג, דורכאויס קאָפּ ביסטו; אָבער קיין שכל האָסטו פאָרט ניט! אָט זעהסטו דאָך, אַז מ'ען האַלט פון שבועות און מען מאַכט בלינצעס.

קניידעל (בייזלאַך): לאַנגער נאַר, וואָס דו ביסט! אָט מאַכט מען דאָך קניידלאַך אויך! דו מיינסט די תורה מיינט מען? דיך מיינט מען.

בלינצע: שקר וכזב, מען האַלט טאַקע פון דער תורה! אָט ווי דו ביסט אַ קנאַקערקע, אַ סימבאָל פון פרייהייט, ווי דו זאָגסט, פון דעסטוועגען ווען מען געפינט פּסח אַ האָבערנעם קערנדעל אין דעם טאָפּ אין וועלכען מען קאָכט דיך, ביסטו קאַפּוט מיט די ביינער און מען שמייסט דיך אַרויס, ווייל אַזוי וויל די תורה.

קניידעל (אויפגערעגט): פּעט, מעט, פּעט! ניטאָ היינט אזעלכע נאַראָנים.

בלינצע: שאַ, אַט וועסטו זעהן ווען מען וועט פריהער עסען, מיך אָדער דיך.

קניידעל: און טאָמער וועט מען דיך פריהער עסען, מיינסטו אז דו ביסט שוין א יחסן'טע? דאָס איז אַלץ אמאָל ביי די תורה אידלאַך געווען אן אונטערשייד פריהער שפּעטער; ביי פריי־געזאָגענע איז ניטאָ קיין יחוס, קיין כבוד, ביי זיי זיינען אלע גלייך.

בלינצע: אזא מזל אויף דיר! איך האָב שוין געזעהן דיינע פרייע וואס פּראָפּאַגאַנדירען פאַר פרייהייט און גלייכהייט און זיי אליין רייטען אויף די יעניגע וואס זיינען אונטער זייערע הענט.

קניידעל: א לינען די מעשה! דערווייל הער איך פון דיר, אז דו באַריהמסט זיך, אז מען וועט דיך עסען פריהער און דו ווילסט דעריבער זיין מעהר יחסן'טע פון מיר.

בלינצע: אי ביזטו א גולם! ווער פאַרהערט זיך מיט דיר אין יחוס? איך זאָג, אז מען וועט מיך פריהער עסען, ווייל דער דין איז אזוי, אז נאָך פליישיגס טאָר מען קיין מילכיגס ניט עסען.

קניידעל: כאַ, כאַ, כאַ! א נעכטיגער טאָג, היינט האַלט קיינער ניט דערפון.

בלינצע: ווען איך זאָל קענען צוקומען צו דיר, וואָלט איך דיר געצייגט אן אנדער פראַגע: איך וואָלט אויף דיר א שפּריץ געטאָן א ביסעל פּוטער וואס איך האָב אין זיך, דאן וואָלט מען דיך ארויסגעוואָרפען אין מיסט באַרעל, ווייל אזוי הייסט די תורה.

קניידעל (מיט כעס): ווער מיט וואס און זי מיט דער תורה! חצופה וואס דו ביסט, מיך וועט מען ארויסוואַרפען אין מיסט באַ־רעל! ניט דערלעבען וועסטו דאָס! אַט אזוי איז עס מיט די פאַנאַטיקער, א רעכטדענקענדען וואָלטען זיי אין א לעפעל וואַסער דערטרונקען! פּאַסקודנע בלינצע וואָס דו ביסט!

בלינצע: זאָל עס מיר געשעהן וואָס איך ווינש דיר! אָבער וואָס קאָן איך העלפען, אז דער דין איז פּאָרט אזוי?

קניידעל: דו האָסט זיך איינגערעדט פויגעלאַך אין בוזים! איך מאַך א וועט, אז ווען אפילו דו קריכסט אריין צו מיר אין טע־

פעל, וואלט זיך אויך אונזער מיסעס אדער דער מיסטער גאר ניט געקימערט. (פויזע) שא, ווייסטו וואס? אט ווארף טאקי אוועק די נארישקייטען און קום צו מיר.

בלינצע (שפאטיש): נארישקייטען, זאגסטו? אי ווער, וואס פאר א חכמות עס שטעקט אין דיין פרייגעזאנענהייט, וואס דו זאגסט! נאו, מעם, נעווער אן יור לייף! זאלאנג איך האלט זיך ביי דאס מייניגע, האב איך נאך א תקומה, ווען אבער איך וועל אנ־הייבען געהן אין דיינע דרכים, וועט פון מיר גאר ניט ווערען.

קניידעל (אויפ'ן אויבער): אידיאטקע! פינסטערלינג! געה אוועק פון מיינע אויגען.

בלינצע: איך האב דיך אין דער אדמה!

דער טאפ הויבט אן שטארק קאכען. די קניידעל טאנצט אום פון כעס און וויל זיך ווארפען אויף דער בלינצע. די מיסעס לויפט אריין אין קיטשען מיט א לעפעל פוטער צו אונטערשמעלצען די בלינצעס. דערווייל דערזעהט זי ווי די קניידעל וויל ארויסשפרינגען און זי וויל איהר באַ־רוהיגען און פון איילעניש פאלט דערווייל אריין א שטיקעל פוטער אין טאפ אריין.

מיסים: אז אך און וועה איז מיר! שוין טרפה געמאכט די קניידלאך! נו, באשערט א היזק. ערשט דארף מען די קניידלאך מיט'ן טאפ מיט אלעמען אריינווארפען אין מיסט־בארעל! א כפרה זאל עס, רבונו של עולם, זיין פאר מיינע זינד.

בלינצע (מיט טריאומף): נו, וואס זאגסטו ערשט, מים קניידעל? ווער האט מעהר מאכט, ווער איז שטארקער, די תורה אדער דיין פרייגעזאנענהייט? זעהסטו שוין, הא? א שטיקעל פוטער האט פון דיר מיט דיינע חבר'טעס געמאכט א בארג אש, ווייל אזוי איז דער דין פון דער תורה!

קניידעל (אויפ'ן וועג צום מיסט־בארעל): אידיאטען! הי־פאקריטען! פינסטערלינגע!

בלינצע: שריי, ווער צוריסען שרייענדיג, באקום די פלאץ! וועמען ארט עס? תורה בלייבט תורה, דין בלייבט דין, און דו ביזט פארבליבען מיט א נאז. בע—ע—ע! (זינגט):

אקדמות מלין ושריות שותא,
תורה צוה לנו משה מורשה...

אקדמות לשנת תרע"ח

אין דיזען שיר ווערט דערצעהלט די וויכטיגסטע געשעהענישען פון שבועות שנת תרע"ז ביז שבועות תרע"ח.

אקדמות מילין פון אונזער חג שבוע — — — — — — — — תא
וועל איך בעטען ערלויבנים און רשו — — — — — — — — תא
צו רעדען מכח פאסירונגען דהאי ש — — — — — — — — תא
פון פאר־א־יאהרען שבועות עד הש — — — — — — — — תא
דער מורא'דיגער און בלוטיגער קריגס אש — — — — — — — תא
פלאקערט נאך אלץ בימא וביבש — — — — — — — — — תא
דער דייטשוק וויל פארכאפען כל עולם — — — — — — — — תא
אזוי ווי דאס איז זיין טאטען'ס ירוש — — — — — — — — תא
דעריבער האט באשטימט וואשינגטאן בירנ — — — — — — — תא
צו לערנען יונגע לייט תכסיסי מלחמ — — — — — — — — תא
און אנקעל סעם מיט די עלליים בחברו — — — — — — — — תא
וועלען דעם דייטש אנלערנען — סאקראמענ — — — — — תא
מיכעל איז א גולם און א שלומיאל רב — — — — — — — — תא
ווען ער רעדט זיך איין דזשאסט — — — — — — — — — תא
דען ער וועט כאפען א גרויסע מפל — — — — — — — — תא
אזוי ווי אמאל המן בן המד — — — — — — — — — — — תא
אונזערע באיעס זיינען שוין אין צרפ — — — — — — — — תא
און קעמפען העלדיש ווי אריו — — — — — — — — — — תא
עס וועלען קומען נאך לאלפים ולרבב — — — — — — — — תא
און מען וועט האקען ווי אין קאפוס — — — — — — — — תא
מען וועט פון איהם נעהמען נקמ — — — — — — — — — תא
פאר בלוט וואס ער האט פארגאסען נהר — — — — — — — תא
די באלשעוויקעס, א באנדע נארישע חי — — — — — — — תא
האבען פארכאפט רוסלאנד'ס כסא מלכו — — — — — — — תא
האבען געמאכט מיט'ן דייטשוק שלום ושלו — — — — — — תא
אויף זיי ביידען, גאטעניו, אזא שנ — — — — — — — — תא
נאכ'ן פרידען קריכט ער ווי א חזירא רב — — — — — — — תא

און מאכט שאָדען אין רוסישען גנ — — — — — — — — — — — — תא
אָבער ער וועט קריגען איבער'ן שנוק בגבור — — — — — — — — — תא
און ער וועט זיך אונטערגעבען בחרפ — — — — — — — — — — — תא
מען וועט באזיגען די יונקערשע מלכו — — — — — — — — — — — תא
און געווינען פרייהייט און חירו — — — — — — — — — — — — תא
פאר גערריקטע נעבאך א ריכטיגע ישוע — — — — — — — — — — תא
און פאר די מענשהייט בכלל א גאול — — — — — — — — — — — תא
עס וועט זיין א נצחון בתופים וטראָמפיי — — — — — — — — — — תא
און מיר וועלען זינגען פרעהליכע שיר — — — — — — — — — — — תא
א דוחק אויף קויהלען צוליעב דער מלחמ — — — — — — — — — — תא
און מיר האָבען געליטען קעלט און צר — — — — — — — — — — — תא
ווען די פרעסט האָבען געברענט ווי אש — — — — — — — — — — תא
געפרוירען ווי קאקרוטשעס בימּמא וליל — — — — — — — — — — תא
אפילו אין אונזערע סטיעם־היטעד דיר — — — — — — — — — — — תא
איז אויך געווען קאלט ממש א סכנ — — — — — — — — — — — — תא
דעם זייגער גערוקט ווייטער אויף שעו — — — — — — — — — — — תא
מיר דאַוונען און מאַכען פריהער די סעוד — — — — — — — — — — תא
אלץ צו פארדאנקען די יונקערשע מלכו — — — — — — — — — — תא
וואָס וויל באהערשען די וועלט ברמו — — — — — — — — — — — תא
דערהויבען איז געוואָרען מבירא עמיק — — — — — — — — — — — תא
יעדע פרוי אין לאנד און יעדע בתול — — — — — — — — — — — — תא
זיי האָבען באקומען שטים־רעכט און א דעו — — — — — — — — — תא
ווענען אויסצוקלייבען אין דער מלכו — — — — — — — — — — — תא
א קאָנגרעסמאניכע אין וואשינגטאָן בירנ — — — — — — — — — — תא
העלפט מאכען אמעריקא'ס געזעצע ודינ — — — — — — — — — — תא
און קאָנדוקטאָרקעס פעהלען ניט בכל אתרו — — — — — — — — — תא
שטאָלצירען מיט די מעשענע קנעפלאך בגאו — — — — — — — — — תא
עס פעהלט זיי נאָר א דעה בבתי כניש — — — — — — — — — — — תא
און קריגען מפטיר און אנדערע עלי — — — — — — — — — — — — תא
און זיך אָנטאָן אין טלית־קטן'ס וטוטפ — — — — — — — — — — — תא
און אליין מאַכען הבדלה וקידוש — — — — — — — — — — — — — תא
אָנשטאָט צו באָרגען ביים „פעטער" על משכנ — — — — — — — — — תא
נעהמט דער פעטער שמואל ביי אונז הלוא — — — — — — — — — — תא
זיינע ליבערטי באָנדס שוין פעמים תל — — — — — — — — — — — תא

האבען מיר צוכאפט מיט גרויס חדו — — — — — — — — — — תא
ווייל מיר האבען אין איהם גרויס אמונ — — — — — — — — תא
אז ער וועט באצאהלען מיט פראצענט רב — — — — — — — — תא
דער אידישער קאנגרעס האט געהאט קיין זכו — — — — — — — תא
אויפצוטאן עפעס פאר די אנשי גלו — — — — — — — — — תא
ער איז איינגעלשאפען און חלומ'ט בשינ — — — — — — — — תא
לאמיר איהם פותר חלום זיין לטיבו — — — — — — — — — תא
ארץ־ישראל אנערקענט אלס אונזער ירוש — — — — — — — — תא
פון ענגלאנד, אמעריקא און אנדערע מלכו — — — — — — — — תא
אויס גלות, מיר האבען שוין דערלעבט נחמ — — — — — — — — תא
מיר וועלען דארט זיצען בתקפה ובגבור — — — — — — — — תא
מיר האבען שוין געזאמעלט א פאנד דגאול — — — — — — — — תא
וואס האט געבראכט געלט לאלפים ולרבב — — — — — — — — תא
עס געהען אויך אהין אידישע לגיונ — — — — — — — — — תא
צו באשיצען אונזער לאנד בחרבא ובקש — — — — — — — — תא
עס איז נאר א ספסוך איבער'ן לשון לחישו — — — — — — — תא
וואס מען זאל ריידען אין אונזער מדינ — — — — — — — — תא
מאנכע ווילען דוקא אונזער לשון קדיש — — — — — — — — תא
און אנדערע שרייען: נאר אונזער לשון גלו — — — — — — — תא
אבער דאס וועט ניט אפהאלטען די גאול — — — — — — — — תא
וואס וועט, האפענטליך, קומען בהאי ש — — — — — — — — תא
איבער־א־יאהר אם ירצה השם בהאי שע — — — — — — — — תא
וועלען מיר זיצען זיכער אויף אונזער אדמ — — — — — — — תא
מיט אייגענע רעגירער, און אייגענע מלכו — — — — — — — תא
וואס וועט זיך פיהרען נאך דיני דאורי — — — — — — — — תא
מיר וועלען געניסען אל דאס גוטס ועשיר — — — — — — — — תא
און לעבען גליקליך ווי גאט אין אדע — — — — — — — — — תא
מיר וועלען דאן פראוועון דעם חג שבועו — — — — — — — — תא
מיט פרעהליכע הערצער, מיט פיעל גדול — — — — — — — — תא
מיט פעטע בלינצעס און א קידושא רב — — — — — — — — — תא
און זינגען א נייעם אקדמות אלע בחברו — — — — — — — — תא

מסכת בלינצעס.

הוצאות השבועות שתים שהן ארבע — שבועות איז א צוויי־ענדיגע הוצאה און עס קאסט אפשר פיר מאל אזוי פיל ווי אן אנדער יום טוב; שבשאר ימים טובים אין שמחה אלא בבשר, אנדערע ימים טובים עסט מען בלויז פליישיגס; מה שאין כן בעצרת, אבער שבועות איז ניט אזוי, — שחיבין לאכל בשר, חלב, בלינצעס ודגים מטוגנים בחמאה, שבועות איז מען מחויב צו עסען אי פלייש, אי מילך, אי בלינצעס און פיש געפרעגעלט אין פוטער.

תני ר׳ גץ החלבן — ר׳ געצעל דער מילכיגער האט געלערענט: כמו שחובה לאכל לביבות בפסח, אזוי ווי מען איז מחויב צו עסען קניידלאך אום פסח, כך חובה לאכל בלינצעס בעצרת, אזוי איז מען מחויב צו עסען בלינצעס אום שבועות; דתנן, ווארום מיר האבען געלערנט: אוכלין חדש בעצרת, אום שבועות דארף מען עסען חדש, ואמר ר׳ בונם הפונדקאי, און ר׳ בונם דער רעסטאראנט קיפער האט געזאגט: חדש זה בלינצעס, חדש מיינט מען בלינצעס; מפני שחדש בגמטריא הכי הוי, ווייל די ווערטער „חדש" און „בלינצעס" טרעפען אןביידע גלייך, „חדש" איז 312 און „בלינצעס" איז אויך 312.

מתיב ר׳ גרונם הטבח — האט ר׳ גרונם דער בוטשער א קשיא געפרעגט: בשלמא לביבות בפסח, קניידלאך אום פסח איז רעכט וואס מיר עסען; מפני שהלביבות רמז לכדורים ואבני בליסטראות שזרקו מצרים על ישראל, ווייל די פסח׳דיגע קניידלאך איז א רמז אויף די קוילען און באמבעס מיט וועלכע די מצרים האבען געשאסען אויף די אידען, ווען זיי האבען זיי אום פסח נעפאקט ביים ים; אבל מה ענין בלינצעס אצל אקדמות? אבער וואס פאר א שייכות האבען די בלינצעס מיט׳ן אקדמות? אמר ליה ר׳ גץ, האט ר׳ געצעל איהם געזאגט: מפני שהבלינצעס נעשין מחלב, ווייל די בלינצעס ווערען געמאכט פון מילכיגס;

והתורה נמשלה לחלב, און די תורה איז געגליכען צו מילך; שנאמר, אזוי ווי אין פסוק שטעהט: דבש וחלב תחת לשונך.

מאַטקע הרוכל — מאַטקע דער פושקארט פעדלער; הוי יתיב ודרש בשבחה של תורה קמי שפרינצע דביתהו, איז געזעסען און גע'דרשנ'ט וועגען די שבחים פון דער תורה פאר זיין פלונית'־טע שפרינצע. יתיב וקאמר, איז ער געזעסען און געזאָגט: מפני מה אוכלין בלינצעס בשבועות? פאר וואָס עסט מען שבועות בלינצעס? מפני שהבלינצעס נעשין מחלב, ווייל די בלינצעס ווערען געמאכט פון מילך; והתורה נמשלה לחלב, און די תורה איז געגליכען צו מילך. אמרה ליה דביתהו, האָט די אידענע צו איהם געזאָגט: אם כן? אז יא אזוי? אז מען דאַרף שבועות האָבען אזעלכע זאכען צו וואָס די תורה איז געגליכען? הרי נמשלה התורה לתכשיטין נמי? איז דאָך די תורה געגליכען צו דזשולערי אויך? שנאמר, אין פסוק שטעהט: יקרה היא מפנינים, די תורה איז טייערער ווי דיימאַנדס, היינט פאר וואָס האָסטו מיר ניט געקויפט קיין דזשולערי אויף יום טוב? מיד נסתתמו טענותיו, האָט מאַטקע ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען און זי האָט איהם איינגעצאָהלט א שעהנע פאַרציע.

באותה שעה אמרו — אין יענער צייט האָט מען געזאָגט: כל המלמד את אשתו תורה, דער וואָס לערענט מיט דער ווייב תורה, הרי זה שוטה גמור, האָט יענער קיין שכל פאר א קאַץ, ווייל אמאָל טרעפט, אז זי לערענט דערפאַר מיט איהם בלק.

תניא — מיר האָבען געלערערנט: סוחרי חלב עושין שמחת בית השאבה בעצרת, מילך הענדלער פראווען שמחת בית השואבה אום שבועות; ונותנין מים בחלב לשליש ולרביע און זיי גיסען אריין אין די מילך א דריטעל אָדער א פירטעל וואַ־סער. מאי טעמא? וואָס איז דער טעם? מפני שהתורה נמשלה למים, ווייל די תורה איז גלייך צו וואַסער, כדכתיב, אזוי ווי אין פסוק שטעהט: הוי כל צמא לכו למים.

חסידים ואנשי מעשה — חסידים און אזוי פרומע אידען; מתפללין עם ותיקין בעצרת, דאַוונען שבועות ביים ערשטען מנין; כדי לאכל בלינצעס בהשכמה, כדי צו עסען די בלינצעס אין דער פריה; לקים מה שנאמר, צו מקיים זיין וואָס אין פסוק שטעהט: חדשים לבקרים, חדשים דאַרף מען עסען אין דער פריה; ואין

חדש אלא בלינצעס, און חדש מיינט מען בלינצעס, כדאמרו, אזוי ווי מיר האָבען פריהער געזאָגט.

כמה בלינצעס חיב אדם לאכל בשבועות? וויפיל בלינצעס דארף א איד עסען אום שבועות? ר׳ גרונם הטבח אומר אחת, ר׳ גרונם דער בוטשער זאָגט: איינע. כנגד התורה שהיא יחידה, אנטקעגען דער תורה וואָס זי איז אַן איינציגע. אחרים אומרים שתים, אנדערע זאָגען אז מען דארף עסען צוויי; כנגד שני לוחות הברית, אנטקעגען די צוויי לוחות. ר׳ גץ החלבן אומר חמש, ר׳ געצעל דער מילכיגער זאָגט פינף; כנגד חמשה חומשי תורה, אנטקעגען די 5 חומשים פון דער תורה; ור׳ טוביה פעמפאק אומר עשר, און ר׳ טעוועלע פעמפאק זאָגט, אז מען מוז אויפ־עסען צעהן שטיק, כנגד עשרת הדברות, אנטקעגען די צעהן געבאָט.

אמר ר׳ זאנוויל השניפישקאי — ר׳ זאנוויל דער שניפישקער האָט געזאָגט: אראה בנחמה. זאָל איך אזוי זעהן אַל־דאָס גוטס; שראיתי לאדם אחד, ווי איך האָב געזעהן א מאַן; שאכל עשר בלינצעס בקינוח סעודה, וואָס האָט ארייגעפּאַקט צעהן בלינצעס אָלס פארבייסען נאָכ׳ן עסען. אמר ר׳ רעבתן, האָט ר׳ רעבתן געזאָגט, תיתי ליה, זאָל עס יענעם ענטקעגען קומען אויף יענער וועלט; דקים מצות בלינצעס כדבעי, ווייל ער האָט מקיים גע־וועזן די מצוה פון בלינצעס ווי געהעריג איז.

דרש רבי טודרוס הצהוב — ר׳ טודרוס דער געלער האָט גע׳דרשנ׳ט: מפני מה קורין רות בשבועות? פאַר וואָס לייענט מען רות אום שבועות? מפני שרות בגמטריא ת״רו, ווייל דאָס וואָרט „רות״ באַטרעפט 606; צא וחשוב, געה און רעכען צו, שש השעורים שנתן לה בועז ומצות יבום שקים באותה שעה, די זעקס מעסטלאך גערשטען וואָס בועז האָט איהר געגעבען און די מצות יבום וואָס ער האָט דאַמאָלס מקים געווען; הרי תר״יג, וועט עס אויסמאַכען 613 וואָס איז מרמז אויף די תר״יג מצוות פון דער תורה וואָס מען האָט אונז אין דיזען טאָג געגעבען.

מפני מה קורין אקדמות? וואָס לייענט מען שבועות אקדמות? מפני שכל שורה ושורה מסימת בתא, ווייל יעדע שורה ענדיגט זיך מיט „תא״ און „תא״ מאַכט תורה אחת.

מנהג קדמונים לפזר בבית עשבים ועלים בעצרת — עס איז

א פאַרצייטיגער מנהג אויסצושפּרייטען אין הויז גרינע גראָז און בלעטער אום שבועות; מאי טעמא? וואָס איז דער טעם? תני דבי ר׳ לץ, האָבען ר׳ לץ׳ס חברה געלערענט: ללמדך שבזמן שקבלו ישראל את התורה היו ירוקים, צו צייגען, אז ווען די אידען האָבען גענומען די תורה זיינען זיי געווען גרינהאָרנס און ניט גע־וואוסט ווי צו האַנדלען; שאלמלא כן, ווייל ווען ניט אזוי; היה להם לאמר כך, האָבען זיי געדאַרפט אזוי זאָגען: רבונו של עולם, נקבל את תורתך ונקים את כל הכתוב בה, רבונו של עלם, מיר וועלען נעהמען די תורה און מקיים זיין אַלעס וואָס דו האָסט אין איהר אָנגעשריבען; אבל בתנאי שלא תתן רשות לאומות העולם למשל בנו, אָבער מיט דעם באַדינג, אז דו זאָלסט ניט לאָזען אַנדערע פעלקער געוועלטיגען אויף אונז און טאָן מיט אונז וואָס זייער האַרץ גלוסט.

ר׳ שמעלקע המגיד ור׳ פייוויש הבטלן הוי יתבו ואכלו בלינ־צעס בחדרי — ר׳ שמעלקע דער מגיד און ר׳ פייוויש דער בטלן זיינען געזעסען און געגעסען בלינצעס צוזאַמען. קם ר׳ שמעלקע ודריש מעניא דיומא, איז ר׳ שמעלקע אויפגעשטאַנען און גע־דרשן׳ט פון ענין פון טאָג; פתח ואמר, האָט ער אָנגעהויבען און געזאָגט:

מאי בלינצע וואָס באַדייט דאָס וואָרט בלינצע? — בל ינאץ; בלינצע מאַכט „בל ינאץ״. אומרת כנסת ישראל, די כנסת ישראל זאָגט: אם אין אנחנו מקימין את התורה, איוב מיר זיינען ניט מקים די תורה; בל ינאץ, זאָל דער רבונו של עולם ניט אין כעס זיין; מפני שעול גלות הכביד עלינו אכפּו, ווייל דער יאָך פון גלות באַלעסטיגט אונז און עס איז שווער אַלעס פינקטליך אָפּצוהיטען. ובבת קול משיבן, און א בת קול ענט־פערט זיי: חימה אין לי, איך בין, קינדערלאַך, אויף אייך ניט ברוגז, איהר טוט גענוג נאָך אייערע אומשטענדען; כפלח הבלינצע רקתך, אפילו די ריקים, די פּוסטיאַקעס וואָס צווישען אייך זיינען אויך אָנגעפילט מיט מצוות ווי א בלינצע מיט קעז. אידעלאַך זיינען געווען אידעלאַך און וועלען פאַרבלייבען אידעלאַך לעולם ועד.

תקיעת שופר
על חטא׳ם
און כפרות

ווידוי פון א פרומען אידען.

א.

על חטא שחטאנו בהרהר הלב.

אלול אין דרויסען און איך הויב אן טראכטען וועגען תשובה.

ווי איהר קוקט מיך אן, בין איך, דאכט זיך, אן אמת עהרליכער איד, ניט קיין הולטאי, חלילה, ניט קיין גנב, ניט קיין גזלן, ניט קיין באטריגער, ניט קיין מחלל שבת'ניק, ניט קיין שקרן, ניט קיין רכילות טרייבער, ניט קיין לשון־הרע'ניק, ניט קיין חונף, ניט קיין צוויי פנים'דיגער, ניט קיין אוכל טרפות און ניט קיין אפיקורוס, חס ושלום; איך בין א איד א מאמין, א בעל בטחון, א איד וואס דאווענט אלע טאג, וואס לעגט תפילין, וואס טראגט ציצית, וואס האט מזוזות אויף אלע טירען, וואס וואשט זיך צום עסען, וואס בענשט און לייענט קריאת שמע, וואס לערנט אלע טאג א פרק משניות, וואס זאגט אפט א קאפיטעל תהלים, — דאכט זיך א גלאטע כשר'ע נשמה, פון דעסטוועגען, אז איך הויב אן זוכען, אז איך הויב זיך אן באדענקען, האב איך גענוג אויף וואס תשובה צו טאן. אז איך בארעכען זיך גוט, קלייבט זיך אויף א פעקעל,

וואלט אזוי לייכט געווען צוו קריגען אלדאס גוטס, וואלט אזוי לייכט געווען אויסצובעטען א גוט יאהר, ווי לייכט עס איז א אידען אויסצוגעפינען עבירות. א גרויסע מלאכה ביי א אידען זינדיגען! א איד זינדיגט אמאל מיט דער מחשבה. א געדאנקעל פליהט איהם דורך אין זיין קאפ און ער איז שוין פארטיג! „על חטא שחטאנו לפניך בהרהר הלב" — זיי אונז מוחל, גאטעניו, אויף די זינד וואס מיר האבען געגען דיר גע־זינדיגט מיט'ן טראכטען, מיט'ן אין זינען האבען, בעטען מיר אלע יוב כפור. ביי אידען איז מחשבה כמעשי דמי — ווען מען טראכט עטוואס בייזעס, איז אלץ איינס ווי מען זאל עס האבען

געטאָן. היינט וועלכער מענש קען זיך עס אויסהיטען פון בייזע מחשבות?

„לא תחמד" שטעהט ביי אונז אידען אין איין רייהע מיט „לא תרצח" און „לא תגנב" און אנדערע הארבע עברות. די זאך וואָס מען טאָר ניט טאָן, טאָר מען אויך ניט וועלען. די זאך וואָס איז פארבאָטען, טאָר מען אפילו אין זינען ניט האָבען. אָבער דער וועלער ווייסט ניט און וויל ניט וויסען, וואָס מען טאָר און וואָס מען טאָר ניט. א ביטערער בחור, דער וועלער! איהם קענט איהר ניט איינהאַלטען, אפילו ווען איהר באַזיצט שמשון הגבור'ס גבורה. איהר קענט זיי א בריה צו באקעמפען דעם יצר הרע און ניט טאָן א זאך וואָס מען טאָר ניט; אָבער עס איז זעהר שווער ארויסצוטרייבען פון געדאנק אירגענד וועל־כע מחשבה, אירגענד וועלכען רצון. אז עס ווילט זיך, ווילט זיך.

איהר קענט גיכער באקעמפען א פאָליסמאַן, א פרייז פייטער און זאָגאר א גזלן, איידער אייער אייגענעם געדאנק, אייער איי־גענעם וועלער, און דאָך איז עס א זינד און איהר דארפט דערויף תשובה טאָן.

אפילו א ריח רע, א שלעכטער געדוך, איז ביי אונז, אידען, אויך אָפטמאָל אַן עבירה... און שלעכטע ריחות פעהלען דאָ ניט. איהר שפירט זיי אין הויז, אין סטריט, אין פּאָבליק פּלעצער, אין מאַנכע אנשטאַלטען, אין טעמפּלען, און — מען טאָר עס ניט רעדען — אפילו אין די שולען אויך. עטוואָס איז פויל אין אמעריקאנער אידישען לאגער און וואו איהר זאָלט ניט וועלען אויסרעדען א אידיש וואָרט, שפירט זיך עפּעס פערדומפּפען, צו־נעפּוילט און פאַרדאָרבען.

א איד זינדיגט אָפט אויך מיט די אויגען מיט דער זעהונגס־קראַפט וואָס גאָט האָט איהם געשענקט. ניט אַלעס מעג א איד זעהן און ניט אויף אַלעס מעג א איד קוקען. עס איז א אידען פארבאָטען צו קוקען אויף פרויענצימער, אויפ'ן פּנים פון אַן אָדם רשע און אויף די כהנים בעת זיי דוכן'ען.

דער חוש השמיעה, די הערונגס־קראַפט איז ביי א אידען אויך ניט פריי. ער טאָר ניט הערען קיין רכילות, קיין לשון הרע, קיין מוזיק אין די „ניין טעג", און הערען א קול פון אַן אשה איז אפילו אום פורים אויך אַן עבירה.

אויף אזא אופן, קען שוין אזא איד ווי איך זיין ריין פון זינד? און קען שוין אפילו א גרעסערער צדיק פון מיר זאָגען, אז זיין נשמה איז דורכאויס ריין? נעווער אין לעבען.

א איד איז אן איידעלע זאך. ער דארף זיין זויבער אוי־סערליך און אינערליך. די פראגע איז אָבער, אויב אימיצער קען עס אויספיהרען, אויב אימיצער קען עס באווייזען! מען דארף זיין פון די ל"ו צדיקים, אום צו קענען נאָכקומען אלעם וואָס אי־דישקייט פאָדערט.

און דארום בין איך ניט גענארט אין זיך און איך ווייס גאנץ גוט, אז איך בין זינדיג און דארף תשובה טאָן. ווארום אויב אפילו איך האָב ניט געזינדיגט בפועל, דורך טאַט, האָב איך געזינדיגט מיט דער מחשבה, מיט'ן געדאנק.

איך בין זיך מודה ומתורה און איך טו תשובה מיט'ן גאנצען הארצען אויף די זינד וואָס איך בין אין פארלויף פון יאָהר בא־גאנגען דורך אונריינע מחשבות. אָט האָב איך, למשל, ניט איין מאָל געוואָלט אויסזידלען אָדער זאָגאר אויספראסקען מאנכע זאָ־גענאנטע טובת הכלל'ניקעס, וועלכע זוכען אויסצונוצען די ענער־גיע, די מיה און די טעטיגקייט פון זיי אליין און פון אנדערע בלויז פון זייער אייגענעם כבוד וועגען. לייטע זוכען צו בויען נייע קלייזלאך, צ באשאפען ניי אינסטיטוציאָנען, כדי באריהמט צו ווערען, כדי צו ווערען מנהלים, גבאים אָדער פרעזידענטען. אָנשטאָט צו שטיצען און העלפען אויפהאלטען אלטע אנשטאל־טען, וועלכע עקזיסטירען פון פריהער, זוכען זיי צי בויען נייע צוליב א הייפעלע כבוד אָדער צוליב אנדערע אייגענע אינטע־רעסען.

פאר וואָס זאָלען אלע צדקה־געבער און עוסקים בצרכי ציבור זיך ניט פאראייניגען און ארבייטען אלע צוזאמען אויף איין גע־ביט? זאָל מיר אסור זיין, אויב אימיצער וואָלט געהאט דאגע־גען אזא טראָסט, אפילו דער שטרענגסטער ריכטער וואָלט אזא טראָסט ניט פאראורטיילט.

און ווי געזאָגט, האָט זיך מיר שוין פיל מאָל געוואָלט זידלען און פאטשען אזעלכע כלל־טוער. איך האָב עס ניט געטאָן, אָבער די מחשבה אליין צו פאטשען אידען, צו מביש זיין זיי ברבים, איז שין גענוג, ווייל דאָס איז גלייך אזוי ווי איך זאָל עס האָבען

געטאָן און איך דאַרף דערויף תשובה טאָן און זיך קלאַפּען אין הארצען: „על חטא שחטאתי לפניך בהרהר הלב".

עס זיינען אפילו פאַראַן אידען וואָס פּאַטשען אונז אין פּנים אריין, וואָס מאַכען אונז צו שאַנדע אין פאַרשיי־ענע פּרטים; אָבער אויף זיי די עבירה. איך ווינש מיר ניט, אז אזא זינד זאָל מיר פאָרקומען צום יום הדין.

און אפשר בין איך גאָר יענע אומזיסט חושד, אפשר איז גאָר זייער כונה צו גוטען, אפשר איז מיין מיינונג ווע־ען זיי גאָר א פאַלשע, און חושד זיין אידען איז אויך אַן עבירה. החושד בכשרים לוקה בגופו — דער וואָס פאַרדעכטיגט כשר'ע, עהר־ליכע מענשען, ווערט, חס ושלום, געשטראָפט אין זיין קערפּער. סאי ווי סאי האָב איך מיט מיין מחשבה געזינדיגט און איך דאַרף דערויף תשובה טאָן.

ב.

על חטא שחטאנו בלצון.

מיר אידען האָבען צוויי קלינינג סיזאָנס. צוויי מאָל אין יאָהר איז ביי אונז באשטימט צו רייניגען, צו שייערען און צו פּוצען. פאַר פּסח רייניגט מען די הייזער און פאַר ראש השנה איז די צייט צו רייניגען די נשמות.

און כשם, אזוי ווי אפילו די ציכטיגסטע באַלעבאָסטע, אפילו די גרעסטע בריה, וואָס האַלט איהר הויז ריין א גאַנץ יאָהר, גע־פינט פאַר פּסח שמוץ וואָס מען דאַרף אויסראַמען, אזוי איז אויך מיט דער נשמה. דאַכט זיך גאָר קיין שלעכטעס ניט געטאָן א גאַנץ יאָהר, דאַכט זיך געדינט גאָט טריי און עהרליך, דאַכט זיך געהאַלטען די נשמה ריין אויפ'ן בעסטען אופן, פון דעסטוועגען, ווען מען נעמט זיך פאַר ראש השנה, פאַר'ן יום הדין זוכען, גע־פינט מען אויף איהר שמוץ און שימעל, אזש חלשות פאַר זיך אליין.

און איך נעם טאַקי מיך אליין אלסביישפּיל. אויפ'ן בליק, דאַכט זיך, א ציכטיגער מענש, א איד, וואָס האָט א ריינע, כשר'ע נשמה, ריין אזוי ווי די ליכטיגע זון אין הימעל; א איד וואָס

האט א גאנץ יאהר געדינט גאט מיט'ן גאנצען הארצען, געדאַ־ווענט, געלערענט און געטאן לויטער מעשים טובים, אפילו קוק־קענדיג דורך א מיקראסקאפ, זעהט אויס, קען מען אויף מיר קיין מינדעסטען פלעק ניט געפינען. דאך, אז איך נעהם ערשט, אין די תשובה טעג, אפגעבען זיך אליין חשבון הנפש, אז איך נעהם בודק זיין מיין נשמה, זעה איך, אז זי איז פארפלעקט, פארשמוצט און אז זי דארף האבען א גוטען פאליש.

מען טאר אפילו ניט מלמד חוב זיין אויף אידען, מען טאר אידען ניט באשולדיגען, אבער מיר דאכט, אז זעהר ווייניג זיינען פאראן אזעלכע וואס זיינען אין גאנצען פטור פון „אשמנו" און די „על חטא'ס".

עס איז אמת, אז מיר טרייבען איבער צופיל, אז מיר לעגען אויף זיך ארויף זינד וועלכע מיר זיינען קיינמאל ניט באגאנגען. איך וועל קיינמאל אין לעבען גלויבען, אז עס איז דא ערגיץ א אידיש קינד וואס האט ווען עס איז עובר געווען אויף די אלע עבירות וואס זיינען אויסגערעכענט אין וידוי פון יום כפור'דיגע שמונה עשרה. ווען חלילה מיר זאלען טאקי זיין אזוי זינדיג, וואלט ניט געהאלפען אונזער בעטען, אונזער פיעשצען זיך און מיר וואלטען, חס ושלום, שוין לאנג פון דער וועלט אפגעמקט גע־ווארען.

אונזער גליק איז, וואס דער רבונו של עולם, דער יודע הכל, וויים אז מיר זיינען מגזמים, איבערטרייבער און מיר שטעלען פאר זאכען פיל ערגער ווי זיי זיינען. ווען א איד קריגט א קלאפ זאגט ער: מען האט איהם גע'הרג'עט, און פאר יעדע קליינינקייט קען א איד איינער אויפ'ן אנדערען זאגען כל־בו. כאפט אוים ביי א אידען אן עליה אדער א פסוק פון „אתה הראת", איז פאר איהם רעכט צו רופען אייך: גנב, גזלן און אלעס וואס אין קארט שטעהט.

אבער אין גאנצען פיינע מענשען זיינען מיר קיינער ניט. איך אליין פיהל ערשט, אז איך האב א שטיקעל חלק אין „על חטא", אז איך בין א היבשע ביסעל געכאפט אין ניט קיין שעהנע מעשים און איך טו ערשט דערויף תשובה.

על חטא שחטאתי לפניך בזלזול הורים ומורים, איך טו תשובה, גאטעניו, אויף די זינד וואס איך האב נעגען דיר געזינדיגט מיט

האַלטען וואַכעדיג, מיט פאַראַכטען, מיט ניט נוהג כבוד זיין על־טערען און לעהרער.

ניט געגען מיין טאַטע מאַמע, ניט געגען די רביים ביי וועל־כע איך האָב אַמאָל געלערענט האָב איך די דאָזיגע זינד באַגאַנגען. מיינע געבורטס־עלטערען און מיינע רביים האָב איך געהאַלטען בכבוד. איך האָב זיי געשעצט און געאַכטעט, איך בין זיי גע־האָרכזאַם געווען, געפאָלגט אַלעס וואָס זיי האָבען מיר געהייסען און זייער רצון איז ביי מיר געווען טייער און הייליג. אָבער גע־זינדיגט האָב איך פילייכט געגען מאַנכע פון אונזערע שטאָדט־טאַטעס און געגען מאַנכע פון אונזערע פאָלקס־לעהרער. זיי האָב איך מזלזל געווען, זיי האָב איך געהאַלטען פאַר ביליג און זיי האָב איך געאורטיילט פון דער שלעכטער זייט.

איך האָב געוואָרפען אַ חשד, אַז מאַנכע פון זיי האָבען אין זינען זייערע אייגענע אינטערעסען, כבוד אָדער ווייס איך וואָס, און איך האָב זיי אין הארצען מזלזל געווען, געהאַלטען פאַר וואָ־כעדיג.

און אַזוי האָב איך ניט געפיהלט קיין רעספּעקט, קיין אַכטונג צו מאַנכע פון די היגע פאָלקס־לעהרער. נאָך מיינע אַנזיכטען זיינען דאָ פאַראַן אַזעלכע וואָס קליימען אַז זיי זיינען לעהרער פון די אונוויסענדע מאַסען, אָבער אַנשטאָט צו לערנען, צו אויפקלעה־רען זייערע תלמידים און מאַכען זיי פאַר מענשען, רויבען זיי פון זיי אַוועק דעם שטיקעל מענשליכען גייסט וואָס זיי האָבען גע־בראַכט פון דער היים. זיי פאַרשטאָפּען זייערע מחות מיט נאַ־רישע אידעען, מיט פאַלשע אמונות, מיט דומע האַפנונגען; זיי קאָרמענען זיי מיט נייע תורות, מיט נייע לעהרעס, וועלכע זייערע אָבות אבותם האָבען ניט געוואוסט; זיי גיבען זיי איין משונה־דיגע, אומגעלומפּערטע ברעך־מיטלען, דורך וועלכע זיי טרייבען פון זיי ארויס דעם אידישען גייסט, די אידישע כחות און מאַכען זיי פאַר ווילדע ברואים. ניט איינמאָל האָב איך געטראַכט, אַז מיר האָבען דאָ שטיף־טאַטעס אַנשטאָט טאַטעס און פאַרפיהרער אַנשטאָט לעהרער.

אָבער איך בין דאָך ניט מעהר ווי אַ זינדיגער בשר ודם. מיין השגה איז ניט אַזוי שאַרף, אַז איך זאָל אַלעס גרינדליך קענען באַגרייפען. פילייכט האָב איך ניט פאַרשטאַנען, פילייכט

האב איך ניט געוואוסט, פיליכט בין איך בלינד געווען און ניט געזעהן ריכטיג, פיליכט האב איך אומזיסט פאראכטעט אונשול־דיגע מענשען, פיליכט זיינען די, אין וועלכע איך האב געצוויי־פעלט, טאקע אונזערע מאמעס און אונזערע לעהרער, טו איך ערשט תשובה אויף דעם חטא פון „זלזול הורים ומורים”.

על חטא שחטאנו לפניך בלצון. איך טו תשובה, גאטעניו, אויף די זינד וואס איך האב געגען דיר געזינדיגט מיט פראווען לצנות, מיט אפלאכען פון וואס עס איז. איך בין אפילו ניט דער מענש צו מאכען חוזק אדער אפשפאטען פון אירגענד וועלכע זאך, בפרט פון א דבר שבקדושה אודאי ניט, דאך האב איך מורא, אז איך בין אין דיזען חטא נכשל געווארען.

א קליינינקייט. איך האב דא געזעהן א שול, א גרויסע שול, וואס איז געבויט געווארען לשם שול און אונטען איז א קארסעט־סטאר און א הער־דרעסינג פארלאר, אין וועלכע מען ארבייט און מען טוט משא ומתן אום שבת. אין דער הויף שטעהען אידען אין טליתים און שרייען „ושמרו בני ישראל את השבת” און אונטען פיט מען קארסעטען, מען פיקסט די פאמפאדורס און מען פאודערט די פנימ׳ער! פארבייגעהענדיג דעם דאזיגען מקום קדוש, איז מיר איינגעפאלען אין זינען פאלגענדע הלצה:

אין דער תורה ווערט דערצעהלט, אז בני אלקים, מלאכים האבען געזעהן מענשליכע טעכטער ווי שעהן זיי זיינען און זיי האבען זיך גענומען ווייבער וועלכע זיי האבען געוואלט. איז דאך די קשיא: ווי אזוי זיינען מלאכים געקומען צווישען מייד־לאך: איז דער תירוץ: זיי זיינען א שבת אדער א יום טוב ארונ־טערגעקומען אין א שול מקבל זיין די אידישע תפלות, האבען זיי פארבלאנדזעט אונטען אין קארסעט סטאר אדער אין העיר־דרע־סינג פארלאר און זיי האבען זיך דארט פארליבט אין די מיידלאך וואס האבען געפיט קארסעטען אדער צורעכט געמאכט זייערע לאקען. טראכטענדיג וועגען דיזער הלצה, האט מיך דער יצר הרע א קיצעל געטאן און איך האב געמוזט לאכען, אבוואהל דאס איז געווען געלאכט מיט יאשטשערקעס.

און אויך די אייגענע מעשה. אפשר טאר מען פון אזא מקום קדוש אויך קיין לצנות ניט פראווען? און דארום טו איך דאריף

תשובה און איך קלאַפּ זיך באַצייטענס אין האַרצען: „על חטא שחטאתי לפניך בלצון".

ג.

על חטא שחטאנו בהונאת רע

דער העברעאישער שריפטשטעלער פּרץ סמאָלענסקין פאַנגט אָן זיין „התועה בדרכי החיים" מיט פאָלגענדע ווערטער:

„איך האָב געבלאָנדזעט אין די וועגען פון לעבען. און אויב מען וועט מיך פרעגען, וואָרום איך האָב געבלאָנדזעט, וועל איך ענטפערען: ווייל איך האָב שטענדיג געזאָגט: „איך האָב געבלאָנדזעט", וואָרום ווען איך זאָל געוועזן שכל האָבען און זיך באַדענקען צו יעדער צייט, ווען מיר איז אויסגעקומען צו טאָן א נאַרישקייט אָדער אַן עולה און באַלד אויפ'ן אָרט זאָגען „איך בלאָנדע", וואָלט איך די נאַרישקייט אָדער די עולה ניט געטאָן."

די צרה איז טאַקע וואָס מיר זעהען זיך אָרום צו שפּעט, ווען מיר האָבען שוין די עבירות אָפּגעטאָן; ווען אָבער יעדער איינער זאָל זיך כאַפּען אויף זיינע פעהלערען בעת מעשה, ווען ער געהט אַראָפּ פון גלייכען וועג, און זיך א קלאַפּ טאָן אין האַרצען: „איך זינדיג", וואָלטען אונזערע נשמות געוועזן ריין און מיר וואָלטען יום כפור פאַרשפּאָרט זאָגען „אשמנו" און די „על חטא'ס".

איך מעסט, ברידערלאך, אַלעם אָן אויף זיך אַליין. איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך בין איינגעטונקט אין זינד און אַלץ צוליב דעם, וואָס מען זעהט זיך ערשט אָרום לאחר המעשה, נאָכדעם ווי די פעהלערען זיינען שוין געמאַכט געוואָרען. ווען אָבער איך זאָל פריהער געוועזן זיין אַזוי איבערלעגט, ווי איך בין ערשט, אין די תשובה טעג, וואָלט איך יעצט פאַרשפּאָרט וידוי זאָגען.

על חטא שחטאתי לפניך בהונאת רע. איך טו, רבונו של עולם, תשובה אויף די זינד וואָס איך האָב געגען דיר געזינדיגט מיט נאַרען לייטען.

אויסערליך ווייזט זיך אויס, אַז איך האָב קיינעם ניט גענאַרט, קיינעם ניט באַטראָגען, קיינעם א פאַלש וואָרט ניט גע־

זאָגט. דאַך פיהל איך ערשט, אז מיין נשמה האט אויף זיך א פלעק פון דיזער עברה.

ניט איין מאָל האָב איך געגנאַרט לייטען, ניט איין מאָל האָב איך געטאָן זאַכען ניט ווייל איך האָב עס געמיינט און ניט ווייל מיין כונה איז דערביי געווען. איך האָב עס געטאָן אום צו פאַרבלענדען לייטען די אויגען, אום זיי זאָלען מיינען אז איך בין דאָס, וואָס איך בין אין אמת'ן ניט. ניט איין מאָל האָב איך גענאַרט און גע'גנב'עט די דעה זאָגאר ביי מיין אייגענער ווייב.

א סך מאָל בין איך, למשל, אין שול געגאַנגען און עליות געקויפט און איך האָב עס ניט געמיינט ערנסט. איך האָב עס נאָר געטאָן, ווייל איך האָב ניט געוואָלט איינרייסען מיט מיין ווייב, מיין שוויגער און מיינע לאַנדסלייט, אָבער מיין הארץ איז דערביי ניט געווען. דער יצר הרע, א כפרה זאָל ער ווערען, האָט מיר פאַרטומעלט דעם מח און מיר אריינגעגעבען א טריפה מחשבה, אז די שולען דאָ אין אמעריקא זיינען ניט מעהר ווי א פאַנטאָ־מימע, אַן אָנשטעל, מען טאָר עס ניט זאָגען, א מין בלאָף אין גאָט'ס נאָמען, און דער רבונו של עולם וואָלט מעהר צופרידען געווען, ווען מען זאָל איהם ליבען און מען זאָל צו איהם תפלה טאָן יעדער איינער ביי זיך אין דער היים.

און אז דער ימח־שמו'ניק, דער יצר הרע, כאַפּט זיך אריין צו אייך אין מח, געפינט ער שוין ארגומענטען צו באַווייזען אייך, אז אַלעס וואָס ער זאָגט איז תורת לאַקשען. ער האָט אזא טרפה'נע גבורה, צום שוואַרצען יאָהר, אז ער קען אייך פאַרשלע־פּען קיין בויבעריק און אייך אריינהאַקען אין קאָפּ וויים איך וואָס.

קומט ער, למשל, דער פאַסקודניאַק, און דערצעהלט מיר א מעשה, אז א טאַנץ־האָל אָדער א מיטינג־לאָקאַל קען ניט דינען אַלס מקום קדוש, ווייל ווי אזוי, זאָגט ער, קען דאָרט רוהען די שכינה, אז בחורים און מיידלאַך טאַנצען דאָרט און זיינען נוהג קלות ראש! ווי אזוי, טענה'ט ער, קען דער כבוד פון כביכול אהין אריינקומען, אז סאָציאַליסטלאַך און אַנאַרכיסטלאַך האַלטען דאָרט מיטינגען און לאַכען און שפּאַטען פון אַלעס וואָס הייליג איז און רייבען אום שבת מעטשעס אַן אָרון הקודש צו פאַרסמוקען סיגאַרעטלאַך! און אויף די גרויסע שולען, אויף די רעגולע שולען,

מיינט איהר, האָט ער גאָר ניט צו זאָגען? אי זאָגט ער! פאַר־שטומט זאָל ער נאָך ווערען, דער אלטער כל־בו'ניק!

האָט ער מיר א שטייגער אָנגעוויזען אויף אָרטאָדאָקסישע שולען, וואו מען פארקויפט אום יום טוב אָדער אום שבת טיקעטס צו הערען דעם חזן; האָט ער מיר אָנגעוויזען אויף קנאה, שנאה און מחלוקות וואָס קומט ארוים צוליב כיבודים און עליות, און נאָך עהנליכע זאכען. זיי האלטען אין די שולען מגידים, מוסר־זאָגער, האָט ער מיר איינגעשמועסט, און זיי, די בעלי הבתים אליין, אָדער אפילו די סאמע מנהלים טוען זאכען וואָס מען טאָר ניט. און זאָל דער מגיד זיך אונטערשטעלען אויפמערקזאם מאכען זיי אויף זייערע פעהלערען, איז ער קאַפּוט מיט זיין שטעלע. מען האלט אלזאָ ניט דעם מגיד אָדער אפילו דעם רב אלס א מירה דרך, אלס א וועג־ווייזער, נאָר צוליב אַן אנדער געוויסען צוועק, היינט צו וואָס טויג עס דער גאַנצער עסק?

ער האָט מיר אפילו, דער מנוול, אָפּגערעדט פון געהן ראש השנה אין שול. ער האָט מיר אָנגעצייגט אויף די טיקעט־סיילס שפּעט נאָך ליכט בענשען. ער האָט מיר אָנגעצייגט אויף חזנים און בעלי תפלה פּראַסטאַקעס, גראָבע יונגען און זאַנאַר חטאת'ן און ער האָט מיר, דער ממזר'וק, געפרעגט די פראגע: ווי אזוי קענען אזעלכע זיין אונזערע לאָיערס, אונזערע פארטיידיגער?

איך בין זיך מודה ומתודה, אז איך בין אריינגעפאלען אין א ספק, אויב אימיצער האָט גאָר אמונה, אז די שלוחי ציבור האָבען עפּעס א פּול אין הימעל, אז זיי קענען עפּעס אויסווירקען. איך האָב כמעט אויפגעהערט צו גלויבען, אז אימיצער דענקט, דאָס דער שיקזאל פון א געמיינדע ליגט אין די הענד פון פּאָרבעטער, וואָרום ווען אידען וואָלטעןווירקליך אזוי געגלויבט, וואָלט שמע־רעל, למשל, אָנגעבעטען זיין בעל תפלה, אז ער זאָל אויסבעטען א פינסטערען יאָהר, חלילה, אויף בערלען; בערעל וואָלט גע־זוכט אויסצוואווירקען א מפּלה, רחמנא לצלן, אויף יאנקלען און אזוי ווייטער און ווייטער. עס פעהלט עפּעס שנאה צווישען אונ־זערע אידעלאך? הלואי וואָלט אונז אזוי ניט געפעלט אל־דאָס גוטס, ווי דאָס פעהלט ניט. אָבער אזוי ווי קיינער איז נאָך ניט געקומען צו א בעל תפלה מיט אזא בקשה, איז א סמן אז די אמונה אין זיי איז שוואך.

אַט אזוי האָט מיר דער יצר הרע פארדרעהט דעם קאָפּ און ער האָט מיר אָפּגעשלאָגען דעם אפּעטיט פון געהן אין שול אריין. איך האָב געדענקט בעסער בעטען גאָט ביי מיר אין דער היים, וואו ער פיהלט זיך פיליכט באקוועמער ווי אין די דירות וואָס מען באשטימט פון זיינעטוועגען.

אָבער געגאנגען בין איך, ווי געזאָגט, כדי צו פארבלענדען די אויגען פון אנדערע, כדי לייט זאָלען מיינען, אז איך האלט דערפון, און דארויף טו איך ערשט תשובה און בעט ביי גאָט אז ער זאָל מיר מוחל זיין אויף דעם חטא פון 'הונאת רע".

און אפשר האָב איך טאקע געזינדיגט מיט די בייזע מחשבות גופא. אפשר ווערען אזעלכע מחשבות אָנגערופען כפירה, חס ושלום, ווייל מען טאָר ניט נאָכדענקען, מען טאָר ניט צווייפלען אין א אידישען דין אָדער מנהג. אלעס וואָס אידען טוען דארף מען גלויבען, אז מען ארף אזוי טאָן, אז עס איז גלייך און גוט און קיין ברעקעל ספק דארף ארייננפאלען אין אן אמת אידיש הארץ. איך דארף זיך אלזאָ ווידער א מאָל קלאפּען אין האר־צען: „על חטא שחטאתי לפניך בכחש ובכזב", זיי מיר מוחל, טאטעניו, אויף די זינד וואָס איך האָב געגען דיר געזינדיגט מיט לייקענען, מיט זיין אונגלויביג, מיט צווייפלען אין זאכען, אין וועלכע מען דארף און מען מוז אמונה האָבען.

דער נייער „רבונו של עולם."

(א מאָנאָלאָג פון א אידענע נעבען א פושקאַרט מיט ספרים).

איך בין צו אייך, מיסטער, געקומען נאָך א נייעם „רבונו של עולם". איהר האנדעלט דאָך מיט הייליגע ספרים, האָט איהר דאָך מסתמא א „רבונו של עולם" אויך. איך קום אזש פון אפ־טאון, קום איך. דאָרט, וואו איך וואוין, קאָן מען עס ניט קריגען, האָט מען מיר געזאָגט, אז אין העסטער סטריט קריגט מען עס, בין איך אהער געקומען.

מילא א גאנץ יאָהר ווי א גאנץ יאָהר, אָבער איצט איז דאָך עפּעס פאר ראש השנה; איצט געהען דאָך עפּעס אזעלכע הייליגע און מורא'דיגע טעג, וואָס אפילו א פיש אין וואסער ציטערט, דאַרף מען זיך דערמאָהנען אָן רבונו של עולם און קויפען פון זיין ליעבען נאָמען וועגען א נייעם „רבונו של עולם".

אין דער היים האָב איך געהאט אן אלטען „רבונו של עולם", וואָס איז מיר געבליבען ירושה פון מיין מאמע, עליה השלום, און זי, די מאמע מיינע, האָט איהם גע'ירש'ענט פון איהר מאמע, פון מיין באָבע, הייסט עס. דער אלטער „רבונו של עולם" איז מיר געווען באליעבט, איינגעבאקען איז ער מיר געווען אין הארצען. איך האָב איהם מיטגעבראכט אהער אין אמעריקא. אָבער קינדער, מיינע אייגענע קינדער, האָבען ביי מיר דעם טייערען אוצר אוועקגענומען. שטיקלאכווייז האָבען זיי איהם געריסען, פיצלאכווייז האָבען זיי איהם געצופּט, ביז זיי האָבען איהם אין גאנצען פון מיר גע'פּטר'ט.

ווען זיי האָבען אָנגעהויבען רייסען און צופּען מיין אלטען „רבונו של עולם", וואָס איך האָב מיטגעבראכט פון דער היים, האָבען זיי צוזאמען געריסען און געצופּט מיין הארץ. איך קאָן אייך, פעטערשי, גאָר ניט אָפּמעלדען, ווי איך האָב דערפון געליטען. עס איז געווען פונקט ווי זיי וואָלטען שניידען מיין פלייש מיט מעסערס. אויף פוסטע פעלדער און אויף וויסטע פעלדער געזאָגט דאָס וואָס איך האָב זיי דערפאר געוואונשען. ניט איין מאָל האָב איך אויף

זיך אליין געבעטען דעם טויט, ווייל עס איז מיר פשוט נמאס געווען דער לעבען. וואס הייסט? מען נעהמט ביי מיר אוועק אזא טייערע און ליעבע זאך — א „רבונו של עולם"! איך האב גאר ניט גע־דענקט, אז איך וועל קאנען לעבען אהן דעם. איך האב זיך גאר ניט געקאנט פארשטעלען, אז איך וועל קאנען אויסקומען אהן א „רבונו של עולם". אבער א מענש ווערט צוגעוואוינט צו אלעס און איך בין דערצו אויך צוגעוואוינט געווארען...

עס האט מיר וועה געטהאן און עס האט אויפגעהערט וועה טאן. איך האב געליטען און איבערגעליטען. איך האב געוויינט און זיך איבערגעוויינט און עס האט מיך שוין נאכהער אויפגעהערט קימע־רען, ווען מיינע זיהן און טעכטער האבען מיין אלטען „רבונו של עולם" ממש מיט די פיס געטראטען. מיך האט שוין אפילו אויפ־געהערט קימערען, ווען איך אליין האב איהם ווילענדיג אדער ניט ווילענדיג ניט נוהג כבוד געווען.

אט אזוי, מיין פריינד, איז עס געגאנגען ווי א מזמור. ביס־לאכווייז־ביסלאכווייז האבען די קינדער ביי מיר אוועקגע'גזל'ט דעם אלטען „רבונו של עולם". איך האב זיך די ערשטע צייט גע־וועהרט. אבער נאכהער האב איך זיך אויפגעהערט וועהרען, און אפשר נאך אליין מיטגעהאלפען, אז איך זאל איהם אין גאנצען פארלירען.

אן ארימע פרוי בין איך געווען אין דער היים, א פינסטערע, וויסטע און עלענדע אלמנה. די קינדער זיינען געווען דא אין אמעריקא און זיי פלעגען מיר פון צייט צו צייט עטוואס צושיקען אויף חיונה. אבער ווי האב איך געלעבט? די וואס ווינשען אונז בייז זאלען ניט לעבען בעסער ווי איך האב געלעבט. וואס האב איך גענגעסען? די וואס ווינשען אונז בייז זאלען קיין בעסערס ניט עסען. א דירה האב איך געהאט, מעג מען דאס אויך ווינשען אונ־זערע שונאים. אבער פונדעסטוועגען איז מיר גאר ניט אזוי שלעכט געווען. ווען עס איז מיר אנגעכמארעט געווארען אויפ'ן הארצען, האב איך געפינען טרייסט אין „רבינו של עולם", אין דעם אלטען „רבונו של עולם", וואס איך האב געהאט בירושה פון מיין מאמען און מייז באבע, א ליכטיגען גן עדן זאלען זיי האבען. איך פלעג זיך אויסוויינען פאר איהם און עס פלעגט מיר גרינגער ווערען אויפ'ן הארצען. טרערען פלעגען מיר דינען אלס קאמפאט, אלס ציטעס

נאָך מיינע אָרימע און ניט זאַטע מאָלצייטען. און ווי געשמאַק זיינען די געזאַלצענע טרערען געווען! ווי זיס, ווי אַנגענעהם, זאָל מיר אָסור זיין, אויב איך קאָן היינט פיהלען אזא טעם אין די בעסטע מאכלים, אין די געשמאַקסטע פליישען און צימעסען.

דער „רבונו של עולם" איז מיר שטענדיג געווען פאַר מיינע אויגען. אין שטוב, אין הייליגען בית המדרש און אין גאַס האָב איך איהם אין זינען געהאַט. איך האָב געגלויבט, אַז ער שטראָפט מיך, אַז מיין אָרימקייט, מיין נויט, מיין עלענד און מיין צובראָכען געמיט קומען אַלץ פון איהם. פונדעסטוועגען האָב איך איהם ליעב געהאַט. מיין לעבען, מיין נשמה איז ער געווען און מיר איז קיינ־מאָל ניט איינגעפאַלען, אַז איך וועל זיך ווען עס איז מיט איהם שיידען אפילו אויף אַ שעה, אויף אַ מינוט, אויף אַ רגע.

מיינע קינדער האָבען מיך אַריבערגעבראַכט אהער. איך האָב מיין „רבונו של עולם" מיטגענומען. איך האָב איהם פון זינען ניט אַרויסגעלאָזט. אויפ'ן וועג, אי אויף דער יבשה, אי אויפ'ן ים, אין מיינע שרעק און ליידען אויף מיין רייזע, איז ער געווען מיין טרייסט. צו איהם האָב איך דרוכאוים געהאָפט, אין איהם האָב איך דורכאוים געהאַט בטחון און פאַר איהם האָב איך מיין האַרץ אויס־געגערעדט. איך זאָל זיך געווען ריכטען, אַז די אַמעריקא וועט מיך פון איהם אָפּרייסען, וואָלט איך זיכער אהער ניט געקומען.

פאַרשאָלטען האָט געזאָלט ווערען דער טאָג אין וועלכען מיי־נע קינדער האָבען נאָך מיר געשיקט. פאַרשאָלטען האָט געזאָלט ווערען דער טאָג, אין וועלכען איך בין אַרויסגעפאָהרען פון דער היים און פאַרשאָלטען האָט געזאָלט ווערען דער טאָג, אין וועלכען איך בין אהער געקומען. איהר פאַרשטעהט דאָך מסתמא, ר' איד, אַז איך בין אָנגעקומען צו מיינע קינדער אויף לאַסקאַווען ברויט און זיי האָבען באַלד אָנגעהויבען פאַרלאַנגען פון מיר, אַז איך זאָל מיין טייערען רבונו של עולם פאַרגעסען. ביים ערשטען ברוך הבא האָבען זיי מיר געהייסען אויסטאָן מיין פאַרוק און געהן מיט די אייגענע האָר אַזוי ווי אַ גוי'ע. האָב איך ניט אַזוי גיך געפאָלגט. האָבען זיי מיך גערופען „שייטעלע גנב".

שווער איז מיר געווען דער אָנפאַנג, די ערשטע התחלה. איך האָב געוויינט, געקלאָגט אין דער שטיל. איך האָב זיך געוואונשען, שונאי ישראל, דעם טויט. אָבער נאָכהער האָב איך זיך אונטער־

געגעבען. א שטיקעל צייט האב איך זיך געשעהמט פאר זיך אליין; עס איז אויף מיר אויך געלעגען א בייזע מורא. איך האב געפיהלט, אז איך דער׳רגז׳ן דערמיט מיין רבונו של עולם, וועלכען איך האב זיך שטענדיג געהיט ווי ווייט מעגליך ניט ארייגצוברענגען אין כעס; אבער די שאנדע און די מורא זיינען ביסלעכווייז פארשוואונ־דען און עס איז ביי מיר רעכט געוואָרען ניט צוצודעקען דעם קאָפּ און געהן ווי א גוי׳ע מיט די אייגענע האָר.

דערמיט האָט זיך אָנגעפאנגען. דאן האָבען מיך מיינע קינ־דער אָנגעהויבען אָפּרייסען פון הייליגען שבת, פון מיינע שבת׳־דיגע תחינות און פון מיינע היימישע שבת׳דיגע תענוגים. בגלוי ראש זיינען מיינע זיהן געזעסען ביים שבת׳דיגען טיש און מיינע בענש־ליכט האָבען זיי פאררוקט אין קיך אין אווינקעל, ווייל זיי האָבען זיך דערמיט געשעהמט. מיינע טעכטער זיינען אויך ניט בעסער געווען און זיי האָבען אויך געהאָלפען צו פארשטערען מיינע שבתים און דערווייטערען מיך אלץ מעהר פון מיין אלטען רבונו של עולם.

צו יענער צייט זיינען מיינע קינדער געווען אונפארהייראַט. שבת פריה האָב איך זיי אליין געמוזט וועקען צו דער ארבייט, און שפּעטער האָבען זיי מיך ביסלעכווייז איינגעוואוינט איך זאָל אפילו צוגרייטען פאר זיי א פרישען שבת׳דיגען אָנבייסען.

אָט אזוי איז דאָס, מיסטער לעבען, געגאנגען אלע מאָל ער־גער און ערגער. וואָכעדיג זיינען געוואָרען מיינע שבתים און ימים טובים, וואָכעדיג איז ביי מיר געוואָרען אלעס וואָס עס איז ביי מיר אמאָל געווען הייליג. ביסלעכווייז האָבען זיי מיך אוועקגע־ריסען פון רבונו של עולם, ביז איך האָב אויפגעגעבען מיין דאוו־נען, מיינע קדושות, מיינע תחינות און אלעס וואָס האָט מיך גע־האלטען צוגעבונדען צו איהם און איך בין פארבליבען, איך וויים אליין ניט ווי אָנצורופען עס.

איצט זיינען שוין מיינע קינדער פארהייראַט. איך האַלט זיך אויף אמאָל ביי א זוהן, אמאָל ביי א טאָכטער, אבער אין ער־גיץ געפין איך ניט דעם אלטען רבונו של עולם, וואָס האָט מיר אמאָל מיין ביטערען לעבען פארזיסט און מיך קימערט עס שוין גאָר ניט. איך בין שוין אזוי צוגעוואוינט דערצו, אז מיר הויבט זיך שוין אָן צו בענקען נאָכ׳ן אלטען רבונו של עולם.

אָבער איצט, ערב ראש השנה, האָב איך זיך עפּעס פאַרבענקט נאָך איהם, מעהר ווי די אַלע ערב ראש השנה'ס וואָס איך האָב שוין דאָ איבערגעלעבט. די צרות וואָס מען הערט זיך אָן פון דער היים האָבען אפשר געבראַכט דערצו. איך דערמאָן זיך אַז אידיש בלוט גיסט זיך דאָרט ווי וואַסער. עס קומט מיר ארויף אויפ'ן זינען ווי ביטער און פינסטער עס איז איצט דאָרט אין מיין אַלטע היים. אך הויב אָן טראַכטען, אַז מיינע פריינד און חבר'־טעם, מיט וועלכע איך פלעג דאַווענען אין איין בית המדרש, אויס־גיסען די הערצער פון איין תחינה, זיינען אפשר איצט נע־ונד און האָבען קיין שטיקעל ברויט צו שטילען זייער הונגער, און דאָס שלעפּט מיך עפּעס צוריק און עס ווילט זיך מיר פיהרען דעם גוטען טעם פון טרעהרען אזוי ווי אמאָל.

דעריבער בין איך, מיין ליבער איד, געקומען צו אייך קויפען אַ נייעם „רבונו של עולם" און איך וועל ראש השנה געהן אין שול און זיך אביסעל דערמאָנען אָן מיינע אמאָליגע יאָהרען. וואָס קאָסט ביי אייך אַ „רבונו של עולם" צוויי סענט? אך, ווען איהר קענט מיר, פעטערשי, אומקעהרען צוריק דעם אמת'ען רבונו של עולם, ניט דעם פּאַפּירענעם וואָס איהר פאַרקויפט פאַר צוויי סענט, וואָלט איהר מיר אַ גרויסע טובה געטאָן. ווען איהר קענט מיר אומקעהרען דעם אַלטען, הימעלשען רבונו של עולם; ווען איהר קענט אומקעהרען צוריק מיין ליבע צו איהם, ווען איהר קענט מיר מאַכען פיהלען אזוי ווי איך האָב אמאָל געפיהלט, וואָלט איך אייך די טובה קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

אָבער איך האָב אַליין מורא אַז עס איז שוין צו שפּעט און איך קען שוין קיינמאָל ניט זיין צוריק דאָס וואָס איך בין אמאָל געוועזן. גיט מיר, זייט אזוי גוט, טשעדנזש און לאָמיר פאַהרען אַהיים. האָט מיר אַ גוט יאָהר און אַ כתיבה וחתימה טובה.

תקיעת שופר פאר'ן פריץ.

(א מעשה שהיה).

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען די פוילישע פריצים האָבען געהאט די ממשלה, ווען זיי האָבען געשפּילט די ראָלע פון קעניגע איבער זייערע שטעדט און דערפער.

גראף יארשעווסקי, דער פריץ פון לאפּינישאָק, איז געווען א קרענק, א משוגענער און א קאפּריזנער אזוי ווי אלע אנדערע רייכע פריצים פון יענער צייט.

האָט זיך איהם פארוואָלט עפּעס א זאך, האָט עס געמוזט געשעהן; האָט ער עפּעס ארויסגערעדט פון מרפה'נעם מויל, האָט שוין אנדערש ניט געקענט זיין.

מאנכע פון די איינוואוינער פון שטעטעל האָבען פיל געליטען פון זיינע משוגענע קאפּריזען און אנדערע, ווידער, האָבען דערפון גאָר ניט שלעכט אויסגעמאכט.

ער פלעגט, צום ביישפּיעל, אָפטמאָל משוגע ווערען און הייסען בעריל דעם וואסער־טרעגער געהן א קאזאצקע אין מיטען גאס און ער פלעגט איהם דערפאר צוואווארפען א רענדעל, צוויי, און אמאָל מעהר אויך. מענדיל דער בייגעל־בעקער פלעגט אָפטמאָל ביי איהם כאפּען א פעטע מטבע פאר קומען אין הויף מיט א קראנץ בייגעל אויפ'ן האלז און זינגען „מה יפית".

האָט אָבער איינער ניט געוואָלט ממלא זיין דעם פריצישען רצון, איז רעכט געווען ארויסצוטרייבען איהם פון דירה אָדער הייסען שמייסען, אזא משוגענער גוי איז דאָס געווען.

משה יאָסיל דער מלמד איז געווען א פרומער, עהרליכער איד, מען קען זאָגען — א צדיק תמים. ער איז געווען אן ארימאַן, אן עני ואביון גרויס ווי שבת הגדול, האָט געהאט דריי דערוואקסענע מוידען חתונה צו מאכען און א האלבען מנין קלענערע קינדער מפרנס צו זיין און זיינע פארדינסטעז האָבען איהם קיינמאָל ניט געטראָגען אויף אזוי פיל. ער האָט דעריבער כל ימיו גע־

לעבט אין גרויס דחקות און האָט קיינמאָל ניט געהאַט נענוג אויף אויסקומענים.

דער גליק איז געווען, וואָס ער, משה יאָסיל אַליין, און זיין ווייב פלעגען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג פאַסטען; ווען ניט, וואָלט אין הויז אַ שטיקעל טרוקען ברויט געפעהלט.

אָט דיזער משה יאָסיל פלעגט ימים הנוראים דאַווגען שחריתים אין גרויסען בית המדרש און איז אויך דאָרט געווען דער תוקע. ער האָט דערויף געהאַט חזקה זייט צעהנדליגע יאָהרען און קיין אַנדערער האָט קיינמאָל זיין פּלאַץ פאַרנומען.

ער איז שוין געווען אַ איד אַריבער ששים, אָבער זיין דאַווענען און זיין שופר בלאָזען איז נאָך געווען אַזוי גוט ווי אין זיינע יונגע יאָהרען.

משה יאָסיל'ס תקיעות האָבען געהאַט אַ שם. זיין „למנצח" זאָגען, זיין ברכה, זיין „שהחינו" זיינען געווען אַן אויסנאַהם אין דער וועלט. היינט זיין בלאָזען שופר, איז געווען אַ געוואַלד. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעהאַקט אין מיטען, האָט קיינמאָל קיין טעות געמאַכט און יעדער תקיעה, שברים אָדער תרועה, פלעגט אַרויסגעהן אַזוי גלאַט, אַזוי שעהן, אַז עס איז אַ מחיה געווען צו הערען. און פלעגט ער אַרויסלאָזען אַ תקיעה גדולה, פלעגען ממש די ווענט פון בית המדרש ציטערען.

אמת, עס פלעגט אָפטמאָל טרעפען אַז ער פלעגט זיך אַזוי אָנבלאָזען, אַז ער פלעגט אָנהויבען שפּייען מיט בלוט; אָבער אַזאַ איד ווי משה יאָסיל האָט ניט געקוקט אויף אַזעלכע קלייניגקייטען. מה רעש, אַז עס געהט אָפּ אַ ביסעל בלוט? עס איז עפּעס דאָ אַ שיעור וויפיל בלוט אַ איד זאָל האָבען?

און באַטש אַלע האָבען זיך געקוויקט מיט זיין דאַווגען און מיט זיין שופר בלאָזען, איז קהל קיינמאָל ניט איינגעפאַלען צו זעהן אַז משה יאָסיל זאָל האָבען אויף יום טוב הוצאות. מען האָט איהם אַפילו אַ פלעשעל ווייז אָדער בראָנפען אויף קידוש ניט געשענקט. אויף אַזעלכע זאַכען האָט מען זיך אין לאַפּינישאַק ניט אַרומגעקוקט און משה יאָסיל איז אויך ניט געווען דער מענש צו פאָדערען, צו פאַרלאַנגען עטוואָס פון קהל.

און עס איז ניט קיין וואונדער. דער רב פון שטעדטעל, דער דיין און דער חזן, וואָס קהל איז געווים מחויב זיי צו פאַר־

זאָרגען מיט חיונה, זיינען אויך געווען דריי גאָרענדיגע קבצנים. דער רב האָט געטראָגען אַ בגד מיט אויסגעריבענע אַרבעל, דער דיין האָט קיינמאָל קיין גאַנצע פּאָר שטיוועל ניט געהאַט און דער חזן האָט קיינמאָל ניט פאַרמאָגט צו קויפען זיך אַ יאַרמולקע.

משה יאָסיל פלעגט עס אָפּטמאָל איבעררעדען. אַז אָך און וועה — פלעגט ער זאָגען — צו אידישע כלי־קודש. ביי די גוים אַ גלח אָדער אַ זינגער אין קלויסטער לעבען ווי די שררות. פאַר־וואוינען שעהן, עסען גוט און פאָהרען אַרום אין שעהנע בריטש־קעס מיט טייערע פערד, און אונזער רב, דער דיין און דער חזן האָבען ניט פון וואַנען צו לעבען. גוים האָבען ליב צו האַלטען זייערע כלי־קודש בכבוד, צו געבען זיי גוטע שכירות, און ביי אידען איז די זאַך וואַכעדיג, אַז עס איז שוין יאָ באַשערט צו זיין אַ כלי־קודש'ניק — פלעגט ער זאָגען אין שפּאַס — זאָל מען זיין ביי גוים.

אויב משה יאָסיל פלעגט דערביי זיך אַליין אויך אין זינען האָבען, ווייס מען ניט.

איינמאָל, דעם ערשטען טאָג ראש השנה, פאַרדרעהט דעם גראַף יאַרשעווסקי'ן דעם קאָלטון צו קומען אין גרויסען בית המדרש און זעהן ווי אידען פראַווען זייערע תפלות. דאָס איז געווען פּונקט פאַר תקיעת שופר, ווען משה יאָסיל האָט אָנגעהויבען זאָגען „למנצח". דער פּריץ איז זיך אַרויף אויבען־אָן ביים מזרח־וואַנט און האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבען רב.

משה יאָסיל'ס האַרץ איז דאַמאָלס געווען זעהר צובראָכען. גראָדע האָט ער יענעם זמן געהאַט זעהר אַ שלעכטען „מעמד". אויסער דעם איז ביי איהם אַ קינד קראַנק געווען און די ציג, להבדיל, איז גע'פגר'ט. ער האָט דאַמאָלט געזאָגט אַ „למנצח", אַז מען האָט איהם געמעגט אַלע גלידער אויסקושען. אַפילו דער פּריץ, אַן ערל טמא, איז געווען אַזוי באַגייסטערט, אַז ער איז געשטאַנען אַזוי ווי אַ סטאַטוע און ער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט.

און ווען עס איז געקומען צו די תקיעות, האָט אין בית המדרש געהערשט אַ הייליגע שטילקייט. דער פּריץ, אַזוי גוט ווי די מתפללים, זיינען געשטאַנען מיט גרויס עהרע־פּורכט און געקוקט אויפ'ן תוקע, ווי ער איז געשטאַנען אויפ'ן באַלעמער אָנגעטאָן אין

קיטעל און מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ. און ווען ער האָט געמאַכט די ברכה „לשמוע קול שופר", האָבען די ענגג־לייכטער זיך אָנ־געהויבען טרייסלען.

דאן האָט ער אָנגעהויבען די תקיעות. יעדער תקיעה, יעדער שברים און יעדער תרועה איז ארויסגעקומען צו ענדע מיט א קוויטש און עס האָט אויסגעוויזען, אז מלאכים זינגען דאָס שירה.

דעם פריץ איז די אידישע צערעמאָניע זעהר געפעלען געוואָ־רען און ער איז געשטאַנען מיט מויל און אויערען אָפען ביז נאָך דער תקיעה גדולה, וואָס איז ארויסגעקומען אזוי געקינצעלט, אזוי לאַנג אויסגעצויגען, אז ער איז נבהל ומשתומם געוואָרען.

ווען די תקיעות זיינען געווען צו ענדע, איז גראַף יארשעוו־סקי ארויף אויפ'ן באַלעמער און האָט געזאָגט צום תוקע: „מאָשקע, מאָרגען אום צוועלף אוהר זאָלסטו קומען אין פּאַלאַץ מיט די יעצטיגע בגדים וואָס דו טראָגסט און מיט'ן שופר און דו זאָלסט פּראָווען די זעלבע צערעמאָניע פאר מיין פאמיליע און געסט וואָס איך וועל איינלאַדען".

אזוי ווי א דונער האָט אַלעמען דיזע גזירה געטראָפען. משה יאָסיל איז געבליבען שטעהן אזוי ווי געלעהמט און ער האָט מיט קיין גליד ניט געקענט ריהרען און אַלע אנוועזענדע אין בית המדרש האָבען אָנגעהויבען ציטערען.

דער פריץ איז ארויס, האָט זיך אריינגעזעצט אין זיין קאַ־רעטע און איז אוועקגעפאָהרען.

אין בית המקדש איז געוואָרען א גרויסער טומעל. עפּעס א קליינינקייט, געהן בלאָזען שופר פאר ערלים טמאים, אין א גוי'־אישע הויז וואו עס זיינען פאראן צלמים מיט געטצען! אָבער דער רב האָט געהייסען מען זאָל דאַווענען מוסף און נאָכ'ן דאַווענען וועט מען זוכען אן עצה וואָס צו טאָן.

טייכען טרעהרען זיינען ביי יענעם מוסף פארגאָסען געוואָ־רען. משה יאָסיל אַליין האָט געדאַווענט מיט אזעלכע בכיות און יללות, אז מען האָט איהם נאָכ'ן דאַווענען אוועקגעפיהרט אהיים אונטער די הענד.

באַלד נאָכ'ן דאַווענען זיינען בעלי הבתים אוועק צום רב און מען האָט אָפּגעהאַלטען אן אספה. מען האָט אָבער קיין מיטעל ניט געפונען ווי אזוי מבטל צו זיין די שרעקליכע גזירה, ווייל

אלע האבען געוואוסט, אז גראף יארשעוואסקי וועט זיין ווארט ניט ענדערען. און אזוי ווי עס איז געווען זיכער, אז אויב משה יאסיל וועט ניט פאלגען וואס דער פריץ האט איהם געהייסען, קען ער נאך, חס ושלום, פארשמיסען ווערען צום טויט, האט דער רב גע'פסק'ענט, אז ער מעג געהן צום גראף און בלאזען שופר אפילו מיט א ברכה, ווייל פיקוח נפש איז דוחה אלעס.

אויף מארגען, צו דער באשטימטער צייט, האט זיך משה יאסיל געלאזט געהן אין הויף אנגעטאן אין קיטעל און טלית און מיט'ן שופר אונטער'ן ארם. פאר זיין אוועקגעהן האט איהם דער רב געבענשט און געזאגט:

„ר' משה יאסיל, איהר זייט ערשט אזוי ווי איינער פון די עשרה הרוגי מלכות, וואס מען האט געפיהרט צום טיראנישען קעניג. געהט און גאט זאל אייך העלפען".

א יאמערליכער געוויין האט אויסגעבראכען אין בית המדרש און די יללות פון משה יאסלען אליין האבען דערגרייכט דעם זי־בעטען הימעל.

מען האט מוסף דאווגען אפגעלעגט און כמעט די גאנצע שטאדט האט באגלייט דעם ארימען משה יאסיל ביז צום טויער פון גראף יארשעוואסקי'ס הויף און מען האט געווארט ביז ער וועט צוריקקומען.

דאס רוב מענשען האבען מורא געהאט אז משה יאסיל וועט פון שרעק און עגמת נפש ניט קענען דורכפיהרען די תקיעות און מען וועט איהם נאך, גאט באהיט, פארשמייסען. מען איז דערי־בער געשטאנען אויפ'ן פעלד און געזאגט תהלים און געבעטען גאט פון זיינטוועגען.

און דער אונגליקליכער, ארימער מלמד איז אריינגעפיהרט גע־ווארען צום גראף אין זאאל, וואו זיין גאנצע פאמיליע און פילע געסט זיינען געווען פארזאמעלט און מען האט איהם געהייסען זאגען די תפלות און בלאזען שופר, פונקט אזוי ווי ער האט נעכטען געטאן אין בית המדרש.

מיט א צובראכען הארץ, אונטערטעניג און נידערגעשלאגען, האט משה יאסיל אפגעזאגט „למנצח" מיט גרויס געוויין האט געמאכט די ברכה מיט שרעקליכע התלהבות, ווייל ער האט גע־

פיהלט אז ער געהט אויף קידוש השם, און האט אפגעבלאזען שלשים קולות מיט איין אטעם.

ער איז בשלום אריבערגעקומען און די פארזאמעלטע האבען געפאטשט „בראווא".

ביי א דריי פערטעל שטונדע צייט האט זיך משה יאסיל גע־זאמט אין פאלאץ און ער איז נאכדעם ארויסגעגאנגען וויינענדיג אויפ'ן קול.

זיין פרוי און קינדער זיינען איהם אנטקעגען געלאפען מיט אויסערגעוועהנליכע שמחה, אזוי ווי ער זאל קומען פון יענער וועלט.

„משה יאסעלע!" „טאטעלע!" — האבען זיי געשריען און זיך ארויפגעווארפען אויף זיין האלז. משה יאסיל האט זיין ווייב צוגעדריקט צו זיך און געכליפעט אזוי ווי א לקיין קינד.

„וואס זשע וויינסטו?" — האט משה יאסעליכע איהם גע־פרעגט — „נארעלע, אבי א דאנק דעם, וואס לעבט אייביג, איבער־געקומען".

„איך וויין ערשט פון שמחה" — האט משה יאסיל געענט־פערט — א דאנק און א לויב דעם אויבערשטען דערפאר".

און רעדענדיג דיזע ווערטער האט אריינגעשטעקט זיין האנד אין בוזים קעשענע און האט ארויסגענומען א פעקעלע געלד.

„זעהסטו, מיין ווייב", — האט ער געזאגט וויינענדיג, — "פערציג יאהר האב איך געדאווענט און געבלאזען שופר פאר אידען און איך האב דערפון גאר ניט געהאט, און ערשט האב איך איינמאל געבלאזען שופר פאר א גוי און ער האט מיר געשענקט גאנצע צוויי הונדערטער גדן פאר אונזערע טעכטער! עס קומט שוין טאקע אזוי ווי איך זאג, אז א כלי־קודש'ניק זאל מען נור זיין ביי א גוי.

דער שר של ים פאר'ן בית דין של מעלה.

ראש השנה אין דער פריה אין קאורט רום פון דער פמליא של מעלה.

אין הימעל הערשט א הייליגע שטילקייט. די דזשורי פון דעם בית דין של מעלה זיינען אויסגעזעצט אויף פייערדיגע שטולען ארום א פייערדיגען טיש און זייערע אויגען און אויערען זיינען געריכטעט אויסצוהערען די קלאגעס פון מלאך סמאל. דער הימלישער פראקוראר, וועלכער האלט פאר זיי א פייערדיגע רעדע און צייגט אויף די חטאים פון פאלק ישראל. דער מלאך מכאל, דער הימלישער סנגור — דער פארטיידיגער פון אידען האט שוין גרייט זיין פארטיידיגונגס רעדע. די וואגשאל אויף וועלכע מען וועגט די מצוות מיט די עבירות איז שוין אויסקאריגירט פונקט אויפ'ן האר. די ביכער זיינען אפען און די הימלישע שרייבער זיצען ביי פייערדיגע טישען מיט פייערדיגע פעדערס אין זייערע הענט און נאטירען יעדעס ווארט וואס געהט ארויס פון שטן'ס מויל, און דער שופט כל הארץ זיצט אויף זיין פלאם־פייערדיגען ריכטער־שטוהל און גיט אכטונג, אז אלעס זאל צוגעהן פינקטליך מיט'ן אמת און מיט'ן דין.

דער שטן האט געענדיגט ריידען און מען האט גדארפט אנ־הויבען פארהערען עדות. דער שר של ים האט זיך געמעלדעט, אז ער האט עפעס צו זאגען און ער האט געקראגען דאס ווארט.

— מלך מלכי המלכים, קעניג איבער אלע קעניגע — האט דער שר של ים אנגעפאנגען — איך, דיין קנעכט, דער וואסער מיניסטער וויל ריידען עטליכע ווערטער וואס אנבאלאנגט צו דער קלאגע געגען אידען, דאס פאלק, וועלכע דו האסט אויסגעוועהלט פון אלע פעלקער.

— אדון העולמים, הערר פון אלע וועלטען. אין מיין האנד האסטו איבערגעגעבען אלע ימים און אלע טייכען און וואסערען; אבער מיך קימערט ניט וואס דיינע אידעלאך באנוצען אפט מיינע וואסער ניט אויף קיין גוטע און עהרליכע צוועקען. מיך ארט

ניט וואָס זייערע מילך ליט ג׳סען וואסער אין זייערע מילך, וואָס זייערע שענקערס מישען וואסער אין זייערע משקאות — דאָס איז פרנסה און זיי מוזען עס פיליכבט טאָן. די מענשען אויף דער ערד דארפען לעבען, דארפען עסען און עס קען זיין, דאָס ווען אימיצער פון אונזער מיטע וואָלט געפּרובט ווערען מיט אזא נסיון, וואָלט ער אויך בעסער ניט געווען.

— איך ענטשולדיג אויך דיינע אידעלאך, אויב זיי היטען ניט אָפּ די מצוות וואָס זיי זיינען פארזאָגט צו טאָן מיט וואסער. איך האָב צו זיי גאָר ניט אויב זיי וואשען זיך ניט צום עסען ווי דער דין איז. איך מאַך זיי ניט שולדיג אויב זיי פארפעהלען אָפּט מיט אחרונים, אָדער אויב זיי געהען מעהר ווי דלד אמות אָהן נעגל וואסער. אָט די דאָזיגע אלע קריוודעס געגען מיר בין איך זיי מוחל במחילה גמורה אין איך דענק, אז דו, גרויסער באַשעפער פון אלע וועלטען, ביזט אויך ניט אזוי שטאַרק מדקדק מיט דיינע קינדער אויב זיי היטען ניט אָפּ אזוי פּינקטליך די וואסערדיגע מצוות, ווייל די מלחמת החיים, דער קאמף פאר׳ן לעבען, שטערט זיי אָפּט נאָכצוקומען אלעם ווי געהעריג איז; אָבער איך האָב צו די בני אברהם יצחק ויעקב אן אנדער טענה, וועלכע, ווי איך דענק, איז זיכער א גערעכטע.

— איך האָב דיינע אידעלאך דערקענט מיט אריבער דריי טויזענד יאָהר צוריק, נאָך איידער זיי האָבען די תורה גענומען און איידער דו האָסט זיי אנערקענט אלס אן עם סגולה מכל העמים — אלס אויסערוועהלטע פאָלק פון אלע פעלקער. דאמאָלס ווען זיי זיינען ארויס פון מצרים, האָב איך זיי געהערט זינגענדיג שירה ביי מיין טעריטאָריע — דעם ים סוף. אין מיין גבול האָבען זיי געזונגען דעם „אז ישיר", דאָס ערהאבענע ליד וואָס זיי זינגען עד היום. איך וויל אויף זיי קיינע שלעכטעס ניט ריידען, אָבער אז זיי באַגעהען אן עולה געגען מיר פערזענליך, קען איך ניט שווייגען.

— רבון כל העולמים, — שעפער פון אלע וועלטען, דערמאָן זיך וואָס איך האָב דאמאָלס פאר זיי געטאָן. איך, דער ממונה איבער די ימים, האָב געהייסען דעם ים סוף, אז ער זאָל פארנעהמען די קלעפּ פון משה׳ס שטעקען. איך האָב איהם, דעם ים סוף, באַפעהלען, אז ער זאָל זיך שפּאלטען און מאַכען פאר די

אידעלאך א טרוקענע וועג אום זיי זאָלען קענען אנטלויפען פון די מצרים. און א וועג האָב איך פאר זיי געמאכט מיט אלע באק־וועמליכקייטען, ניט איין וועג, נור צוועלף וועגען האָב איך פאר זיי געמאכט, פאר יעדען שבט באזונדער. די וואסער איז געשטאנען אזוי ווי גלעזערנע ווענד און פרישעס, ריינעם וואסער איז גערונען פאר זיי צו טרינקען. זיי זיינען דעם ים דורכגעגאנגען בשלום און נאָכדעם זיינען אין דעם זעלבען וואסער פארשלונגען געוואָרען די מצרים מיט זייערע פערד און רייט־וועגען. שפעטער, ווידער, ווען יהושע האָט דאָס פאָלק ישראל געפיהרט קיין ארץ ישראל, האָב איך געהייסען דעם ירדן, וואָס איז אויך אונטער מיין רשות, אז ער זאָל טרוקען ווערען און מאכען פאר זיי א וועג. דאכט זיך נענוג האָב איך פאר זיי געטאָן, און מיט וואָס צאָהלען זיי מיר אָפּ?

די קינדערלאך דיינע דערמאָנען עד היום יציאת מצרים, אלע טאָג דערמאָנען זיי עס אין זייערע תפלות און זיי מאכען ימים טובים צום אנדענקען פון יענעם גרויסען נס, און מיך, אָנשטאָט צו דאנקבאר זיין מיר, אָנשטאָט צו דערמאָנען מיך צו גוטען, פארשמוצען זיי מיינע וואסערען מיט זייערע זינד וואָס זיי וואר־פען אריין אין אלע טייכען אום ראש השנה, ווען זיי געהען צו תשליך.

— ותשליך במצולות ים כל חטאתם, דו זאָלסט די אידישע זינד ווארפען אין די טיפעניש פון ים, בעטען זיי ביי דיר, אל־מעכטיגער גאָט, שטעהענדיג ראש השנה ביי די וואסערען און טרייסלען אָפּ זייערע פאָלעס און ווארפען אריין אין די טייכען קנאה, שנאה, לשון הרע, רכילות און אלע אנדערע מיאוס'ע שמוץ! פרעג איך דיר, שופט כל הארץ, ריכטער פון דער גאנצער וועלט: דארף עס אזוי זיין? האָב איך עס ביי זיי פארדינט? אָה! ווי אונדאנקבאר זיי זיינען, די אידעלאך דיינע! האָבען זיי שוין ניט קיין אנדער פלאַץ וואו אהינצוטאָן די שמוץ זייערע?

— דיין טענה, מיין טרייער דינער, — האָט דער כביכול געדונערט, און זיין שטימע האָט זיך געהערט מסוף העולם עד סופו — איז א גערעכטע; אָבער טו עס פון מיינטוועגען און צוליב מיין פאָלק ישראל, וועלכע איך האָב ליב און מאך דערפון קיין פירוש ניט. איך פארזיכער דיר, אז זעהר לאנג וועלען זייערע

זינד אין דיינע וואסערען און ימים נים פארבליבען. קוק און שווייג.

דער שר של ים האט זיך פארנייגט מיט עהרענפורכט און איז ארויסגעגאנגען.

* * *

שמיני עצרת. אידעלאך שטעהען אין די שוהלען און בעטען אויף רעגען.

האפענדיג, אז זיי האבען נעכטען — הושענא רבה ארויס־געקראגען די גוטע קוויטלאך, שטעהען יעקב׳ס אייניקלאך אין די שוהלען מיט פרעהליכע הערצער און זיינען מתפלל „גשם" מיט גרויס כונה. זייערע תפלות געהען ארויף אין הימעל און קומען אן צום מלאך אף ברי, וואס איז ממונה אויף רעגען און ער האט זיך אן עצה געהאלטען מיט זיין אויבער־מיניסטער — דער שר של ים, וואס ער זאל טאן.

„קלייב אויף דיינע וואלקענס און גיב זיי רעגען" — האט דער שר של ים באפעהלען — און אף ברי האט געשוועבט איבער דער וועלט, צוזאמענגעקליבען וואלקענס און זיי געהייסען טאן דעם פארלאנג פון פאלק ישראל.

און די וואלקענס זיינען געפלויגען צו די ימים אנטרינקען זיך מיט וואסער. זיי האבען איינגעשעפט אין זיך אלע זינד וואס די אידען האבען אריינגעווארפען אין די וואסערען אום ראש השנה און וועלכע זיינען פון אלע טייכען פארשוואומען אין די ימים. די וואלקענס האבען אויסגעשפיגען די קנאה, שנאה, רכילות און אלע אנדערע מיני עבירות, גרויסע און קליינע צוזאמען מיט די וואסער וואס זיי האבען אין זיך איינגעזויפט און אויף דער זינ־דיגער ערד איז געפאלען א רעגען אויסגעמישט מיט חטאים.

יעדער איינער וואס האט ראש השנה צו תשליך עפעס אריינ־געווארפען אין וואסער האט זיין חלק צוריק באקומען און עס צו־גענומען בכבוד גדול...

די וואסערען פון די ימים זיינען געווארען זויבער ריין, קיין מינדעסטע ביסעלע שמוץ האט זיך אין זיי ניט געפונען און דעם שר של ים׳ס צארען איז געשטילט געווארען.

דער שטן אלס מליץ יושר.

(אַ סצענע אין זיבעטען הימעל).

אַ שרעקליכער שטורם אויפ'ן ים.

עס ווארפען הויכע כוואַליעס, גאנצע וואסער־בערג הויבען זיך אויף און לאָזען זיך ארונטער מיט אַ באַטויבענדען געוויש. ד'ער גאַנצער האָריזאָנט זעהט אויס אַזוי ווי פילע רייהעס הויכע פעס־טונגען, וועלכע זינקען און הויבען זיך אויף אָהן אויפהער.

צווישען די שוימיגע וועללען זעהט זיך אַ דונקעלער געגענ־שטאַנד, וועלכער ווערט אַלע ווייַלע אויפגעהויבען און ארונטער־געלאָזט. אַט דאכט זיך ווערט ער פארטרונקען אין תהום און אַט הייבט ער זיך צוריק אויף. אַזוי ווי אַן ארבעס אין אַ טאָפּ קאָ־כענדיגע וואסער זעהט יענער געגענשטאַנד אויס אין דעם גרויסען ברייטען ים.

דאָס איז אַ שיף, וועלכע ווערט פארפאָלגט פון שטורם.

פון ארץ ישראל נאָך אמעריקא לויפט די דאָזיגע שיף. און איז אָנגעלאָדען מיט אתרוגים.

דער רוישענדער ים האָט די דאָזיגע שיף געמאכט פאר זיין שפיל־צייג. ער ווארפט זי ארום אַזוי ווי אַ פּילקע, ער שלייַ־דערט זי ארויף און אראָפּ, ער שאָקעלט איהר און ער טרייסעלט איהר אין אַלע זייטען.

די בייזע כוואַליעס הויבען זי אַלע ווייַלע אויף און מיט האַסט פליוכען זיי טייכען וואסער אויפ'ן דעק. די מאסטען קראַ־כען און די מאַשינערי פון דער שיף איז ניט מעכטיג גענוג צו קעמפען געגען די שטורמישע וואסערען.

די שיף איז אין געפאהר צו אונטערגעהן.

די מאַנשאַפט פון שיף און די פּאַסאַזשירען זיינען דערשראָ־קען און פארצווייפעלט. יעדער איינער טהוט תפלה, יעדער איי־נער בעט ביי זיין גאָט, יעדער איינער זאָגט וידוי און זייערע שרעק־געשרייען דערגרייכען עד לב השמים.

זיי זעהען אַלע דעם שרעקליכען טויט פאַר די אויגען. ביי יעדען האַסטיגען קלאַפּ פון אַ כוואַליע דאַכט זיך זיי, אַז די שיף קעהרט זיך איבער און זיי ווערען פארשלונגען אין די טיפעניש פון ים. קיין עצה, קיין מיטעל ווי אַזוי צו רעטען זיך, איז ניטאָ. נאָך אַ ווײַלע און זיי זיינען פארלאָרען.

און אין זיבעטען הימעל ווערט אַ רעש, אַ מהומה איבער דער אונגליקליכער שיף, און גוטע מלאכים קומען פאַר'ן כסא הכבוד בעטען רחמים פאַר איהר.

— רבונו של עולם! — האָט דער מלאך מכאל, דער שטענדיגער אידישער פארטיידיגער, גע'טענה'ט — דו האָסט דיין פאָלק ישראל ארויסגעצויגען פון מצרים, דו האָסט פאַר זיי דעם ים געשפאָלטען, דו האָסט זיי אין דער מדבר געפיהרט, דו האָסט זיי מיט דיינע וואָלקענס באַשיצט, דו האָסט זיי מיט מן געשפייזט, אַלעס צוליב דעם זכות פון דיין הייליגער תורה, פון די תרי"ג מצוות, וועלכע פארשאַפען דיר נחת רוח, לסוף ווילסט דו ערשט אַליין, הארציגער פאָטער, צונעהמען ביי טויזענדע אידען איינע פון דיינע באַליבטסטע און טייערסטע מצוות!

— רבון כל העולמים! — האָט דער גוטער מלאך פאָרטגעזעצט — דו האָסט דיין פאָלק ישראל, דיין עם סגולה מכל העמים מזכה געווען מיט דער מצוה פון אתרוג, וועלכע איז ביי דיר חשוב און געאַכטעט אַזוי ווי אַלע תרי"ג מצוות פון דער תורה. דאָס איז אַ שעהנע מצוה, אַן ערהאַבענע מצוה, וועלכע פארשאַפט דיר פיל נחת רוח און גיט כבוד צו דיין הייליגען נאָמען. מיט זייער אתרוג בענשען פלעגטען אידעלאַך קרוינען אויף דיין קאָפּ, דורך דעם אתרוג זיינען זיי בני אברהם, יצחק ויעקב מתקן גרויסע תיקונים אין די עולמות העליונים, און דורך זייערע נענועים זייגען זיי משפיע ברכות אין אַלע עקען פון דער וועלט — ווילסט דו, אלמעכטיגער גאָט, אַז אַ גרויסער טייל פון דיין הייליגעס פאָלק זאָל דיזע טייערע און ליבע מצוה ניט מקים זיין? איז פאַר דיר רעכט, אַז דיין הייליגער נאָמען זאָל חלילה פארשוועכט ווערען?

— שופט כל הארץ! עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ לאַנד אַמעריקאַ. אַ סך, אַ סך פון דיינע באַליבטע אידעלאַך וואוינען דאָרט און זיינען מקים דיינע מצוות. זיי ערוואַרטען ערשט דעם הייליגען יום־טוב סוכות; זיי ערוואַרטען צו מקים זיין די חיי־

ליגע מצוה פון אתרוג; זיי ערוווארטען דארט צו טראגען די פרי עץ הדר אין זייערע שוהלען און טעמפלען וואס זיי האבען אויסגעבויט פון דיין כבוד וועגען, אבער זיי זיינען געבליך אין גרויס געפאהר ניט צו קענען מקיים זיין די דאזיגע מצוה, ווייל די שיף וואס פיהרט צו זיי אתרוגים האלט ביים אונטערגעהן, היינט שטעל זיך פאר, ליבער גאט, וואס פאר א צער, וואס פאר אן עגמת נפש דיינע קינדערלאך וועלען האבען, ווען זיי וועלען אהן אתרוגים פארבלייבען. פארשטעהר זיי ניט, גוטער גאט, דעם הייליגען יום טוב, ברענג זיי ניט צו דעם חטא פון פארפעהלען איינע פון דיינע חשוב'סטע מצוות, פארשאף זיי ניט דעם צער און די שברות הלב, רעטע זייערע אתרוגים! פארזאג דעם שר של ים, אז ער זאל שטילען זיין צארן! היים דעם שטורם ער זאל אויפהערען! רעטע, טאטע געטרייער, די אתרוגים, רעטע.

אומגעפעהר מיט אזא נוסח האבען גערעדט דער מלאך גבריאל און אנדערע גוטע מלאכים, וואס זיינען שטענדיג מליצי יושר פאר אידען, וואס זיינען שטענדיג מלמד זכות אויף די בני ישראל.

וועהרענד די גוטע מלאכים האבען פארגאסען זייערע תפלות און תחנונים פאר'ן צור העולמים, איז דער שטן געשטאנען אן א זייט מיט א טרויעריג פנים, אקוראט דער צער פון די אידען זאל זיין בייזע, פארשטיינערטע הארץ ריהרען. ער האט זיך פלוצלונג געלאזט געהן צום כסא הכבוד מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ און מיט א רחמנות פנים. אלע גוטע מלאכים האבען אויף איהם געקוקט מיט האס און פאראכטונג.

דער מקטרג האט זיך דורכגעשפארט א וועג צום כסא הכבוד. ער האט זיך איינציגע מאל פארנייגט מיט גרויס הכנעה און האט נעבעטען דאסווארט.

אויף מכאל, גבריאל און אלע אידישע מליצי יושר איז אן אימה געפאלען. זיי האבען מורא געהאט, אז ער, דער שטן, וועט אויפפיהרען עפעס אן אינטריגע און וועט קאליע מאכען דאס, וואס זיי האבען דורך זייער געבעט מתקן געווען.

— יוצרי ובוראי! — האט דער שטן אנגעפאנגען — איך האב אויפמערקזאם געהערט וואס מיינע פאררעדנער האבען גערעדט און איך קען זיך ניט צוריקהאלטען פון אויך זאגען עטליכע ווערטער אין דיזער אנגעלעגענהייט. איך קען די אידען גאנץ

גוט, איך קום אריין אין זייערע הייזער, איך בין ביי זיי א בן בית, איך דרינג זאָגאר אריין אין זייערע הערצער און איך שטעה שטענדיג אויף דער וואך און איך קוק מיט טויזענדע אויגען, ניט נאָר אויף זייערע מעשים, זאָנדערן אויך אויף זייערע מחשבות. שוין טויזענדע יאָהרען אז איך פּראַקטיציר אין דעם און איך קען דאָס זינדיגע פאָלק, אקוראט ווי זיך אליין. וואָס איך דערצעהל אויף זיי ביים יום הדין איז אמת, און וואס'ער שטראָף דו, שופט כל הארץ, גיסט זיי, זיינען זיי ווערט. אָבער איך מוז מודה זיין, אז אוועקרויבען פון זיי די מצוה פון אתרוג, איז א צו הארבע שטראָף פאר זיי, ווייל דיזע מצוה איז ביים כלל ישראל זעהר טייער און באליבט און איך האָב אין דיזער הינזיכט גאָר ניט וואָס אויסצוזעצען געגען זיי.

די מליצי יושר האָבען זיך איבערגעקוקט איינע מיט די אנ־דערע און א שטראַהל פון פרייד און נצחון האָט באדעקט זייערע געזיכטער. דער שטן האָט פאָרטגעזעצט:

— מלך מלכים, רם על רמים! איך זוך דאָך שטענדיג חסרונות אויף אידען, איך קוק שטענדיג אויף זייער שלעכטער זייט, כי לכך נוצרתי, ווייל דארויף בין איך באשאפען געוואָרען; אָבער פון אמת קען איך ניט אוועקגעהן. זעהענדיג ווי דיין פאָלק איז זיך משמח מיט די אתרוגים, מוז איך ניט ווילענדיג אויסשרייען: ומי כעמך ישראל! ווער נאָך איז א שעהנעס, אזא ערהאבענעס פאָלק ווי די אידען! די אָרימע שפּאָרען אָפּ פון די לעצטע און קויפען אתרוגים און די פארמעגליכע האלטען די פּרי עץ הדר אין זילבערנע און גאָלדענע קעסטעלאך, אזוי געשעצט און געאכטעט איז עס ביי זיי! און מיט וואָס פאר א פרייד, מיט וואָס פאר אן עהרפורכט זיי פּראַוועןן נענועים און געהען הקפות אין זייערע שוהלען און טעמפּלען! אזא ערהאבענע צערעמאָניע וואָלט גע־פּאַסט פאר מלאכים.

דער שטן האָט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען, אום צו זעהן וואָס פאר אן איינדרוק זיין רעדע מאכט אויף די אנדערע. ער האָט א געהיימען שמייכעל געטאָן און ווייטער גערעדט:

— אל טוב וסלח! — מיין הארץ רייסט זעהר אויף דעם אונגליק וואָס עס שטעהט פאַר די אידען פון אמעריקא, אז זיי זאָלען חס ושלום קיין אתרוגים ניט האָבען און איך בעט דיר,

הארציגער פאָטער, אַז דו זאָלסט זיי פון דיזען אונגליק פארהיטען. גוטער גאָט, באַגעה זיך דאָס מאָל מיט דיין פאָלק מיט דעם מדת החסד והרחמים! רויב פון זיי ניט אוועק זייער גייסטיגען פארגעניגען, נעהם פון זיי ניט אוועק זייער ליבעס און טייערעס אין לעבען. שיק דיינע מלאכים הקדושים זיי זאָלען מציל זיין די שיף מיט אתרוגים פון אונטערגאַנג. פארשטער ניט דאָס פאָלק ישראל זייער יום טוב!

אלע גוטע מלאכים זיינען נבהל ומשתומם געווארען דערפון, וואָס דער שטענדיגער קטיגור איז פּלוצלונג א סנגור געווארען, זיי האָבען איהם ליבליך די הענט געדריקט און האָבען איהם הערצליך געדאַנקט פאר זאָגען א גוט וואָרט פאר אידען.

אויפ'ן שטן'ס געזיכט האָט זיך א שעלמישער שמייכעל גע־וויזען.

און דער כביכול האָט די סצענע צוגעקוקט און האָט גע־לאַכט מיט א הייליגען, זאַנפטען געלעכטער.

— זאָג נאָר דו, מלך זקן וכסיל! — האָט דער רבונו של עולם געזאָגט צום שטן — זאָג נאָר דו אַלטער באַטריגער, דו אַל־טער אינטריגאַנט און אידען־פרעסער. וואָס ביזטו פּלוצלונג אַזא גוטער פריינד געוואָרען צו מיין פאָלק ישראל? ווי קומט עס צו דיר? ביזט דו ווירקליך אויף דער עלטער לייטישער געווארען?

דער שטן איז רויט געוואָרען און האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגען פאר בושה.

— רעד! זאָג! — האָט דער כביכול געדונערט — דו ווייסט דאָך, דו אַלטער נאַר, אַז איך בין א יודע מחשבות, אַז איך ווייס די פארבאָרגענים פון דיין שלעכטער הארץ, היינט פאר וועמען, דו אונפארשעהמטער, געהסטו פראַווען אַזעלכע שטיק? איך בין אויף דיר גוזר, אַז דו זאָלסט שוין באַלד פאר אַלע מלאכים הקדושים מודה זיין, וואָס דיין כונה איז מיט דיין רעדען גוטעס אויף אידען!

— יוצר ובוראי! — האָט דער שטן אָנגעפאַנגען מיט א פארשעהמט פנים — איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב ניט אויסען געווען די אידענ'ס טובה, נאָר מיין אייגענע טובה. איך מוז, בחרפתי, זאָגען דעם אמת, אַז איך בין גאָר ניט גערן, אַז אידען זאָלען מצוות טאָן, אָבער פון מיין לאַנג יעהריגער ערפאַהרונג ווייס

איך, אַז די מצוה פון אתרוג איז די אידען גורם צו טאָן פיל עבירות, און דאָס, רבונו של עולם, ווייסט דו דאָך, איז מיין שפייז, מיין חיונה.

די מלאכים טובים האָבען אויפ'ן מקטרג אַ בייזען בליק געוואָרפען און ער האָט ווייטער גערעדט:

— צור עולמים! דו ביזט דאָך אַ בוחן לבבות, ווייסט דו דען ניט, אַז פון דער מצוה פון אתרוג כאַפּ איך אַריין אַ היבש ביסעל סטאָק זינד, וועלכע איך גרייט צו צו זייער יום הדין? אָט וועל איך ערקלעהרען ווי אַזוי דאָס איז. לאָמיר טאַקע נעהמען אַמעריקא אלסביישפּיל.

— מיסטער יאַנקעל, למשל, געהט ערב סכות אין גאַס און באַגעגענט זיין פריינד, מיסטער שמעריל. ביידע, דאַכט זיך, פרומע, כשר'ע אידען, וואָס זוכען אַן אתרוג אַ הדר און זיי וואָלטען ווייס איך וואָס געטאָן פאַר דער מצוה פון אתרוג, סוכה אָ־ע־אירגענד וועלכע אַנדער מצוה, און וואָס רעדען זיי צווישען זיך?

פרעגט יאַנקעל שמערלען:

— שוין געקויפט אַן אתרוג?

ענטפערט שמעריל:

— יאָ, שוין געקויפט אַן אתרוג.

— ביי וועמען?

— ביי ר' שמואל'ן.

— ביי ר' שמואל'ן? אָט ביי דעם גנב, ביי דעם כל־בו'ניק? פאַר איהם איז דאָך רעכט צו פאַרקויפען אונגערקעס פאַר אתרוגים! אַזאַ מאַשעניק, אַזאַ בלאָפער, אַזאַ בייטעל־שניידער!

פרעגט שמעריל ביי יאַנקלען:

— און דו האָסט שוין אַן אתרוג?

ענטפערט יאַנקעל:

— יאָ, געקויפט בשותפות מיט בערלען.

— מיט בערלען בשותפות? אָט מיט דעם גנב, מיט דעם לא היה'ניק? דו קענסט איהם, בערלען? אין דער היים אַ פערד־גנב געוועזען, אודאי פון פריזאָן אַנטלאָפען און דאָ שטעהט ער אין שוהל אויבען־אָן און שאָקעלט אַן אתרוג! אַ שאַנדע פאַר דיר, דו זאָלסט זיך מיט איהם קאָמפּאַנירען.

גערעכט שמעריל און רעדט אויס אויפ'ן אתרוג הענדלער, ר'

שמואל, כל דבר האסור. ער לעגט נאָך צו אַ היבשע ביסעל צו דאָס, וואָס יאַנקעל האָט איהם דערצעהלט און מאַכט שמואל'ן צו אַש און בלאָטע. געהט ווידער יאַנקעל און פּלאַפּעלט אויף זיין שותף בערעל, אַז ער איז וואָס אין קאָורט שטעהט. דערוויסט זיך ר' שמואל, אַז שמעריל האָט אויף איהם שלעכטעס גערעדט און ער קעהרט אוים דעם פּעלץ אויף שמערלען. דערוויסט זיך ווידער בערעל, אַז יאַנקעל האָט אויף איהם עפּעס געזאָגט און ער בלייבט אויך ניט הינטערשטעליג און קעהרט אום דעם פּעלץ אויף יאַנקלען. אָט אַזוי פּאַרקאָכט זיך אַ קאַשע, וועלכע מאַכט מיך זאַט און פון וועלכע איך האָב שטאַרק הנאה.

און אין די שוהלען גופא געהט אויך די זאַך ניט אָפּ גלאַט. יאַנקעל איז מקנא שמערלען, וואָס ער ברענגט זיין אתרוג אין אַ זילבערנער קעסטעלע, וועהרענד ער פאַרמאָגט עס ניט, און ער ווערט איהם דערפאַר אַן אומזיסטער שונא. שמערלען פאַרדריסט, וואָרום יאַנקעל שפּאַרט זיך אַריין צו די הקפות דער ערשטער צום חזן, וועהרענד ער מוז זיך נאָך שלעפּען פון הינטען, און ער וואָלט איהם דערפאַר לעבעדיגערהייד איינגעשלונגען.

— אָט אַזוי, אָבינו שבשמים, איז עס. דיינע אידעלאך טוען דיר צוליב און בענשען אתרוג, פּראַווען נענועים און געהען הקפות און איך זאַמעל דערווייל גאַנצע זעק מיט רכילות, לשון הרע, שנאה און אַנדערע עבירות, גרעסערע און קלענערע.

— און וואָס איז טאַקע מכח דעם מסחר מיט אתרוגים? געהט עס צו אַזוי כשר? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! אַז איך זאָל וועלען נאָכזוכען קען איך אין דעם אויך פּגימות געפינען. פּאַרקויפען ניט דיינע שעהנע אידען קאַרפּירער אתרוגים און זאָגען, אַז זיי קומען פון ארץ ישראל? קאַרפּירער אתרוגים! מלך רם ונשא, איז פאַר דיר רעכט מען זאָל מאַכען אַ ברכה איבער אַן אתרוג וואָס אַזי געוואַקסען אין דער ארץ הדמים? אין דער לאַנד וואו די ערד איז אויסגעווייקט פון אידישעס בלוט? אויב דיר איז ליב, איז מיר ניחא. אָבער איך דענק, אַז דו האָסט דערפון קיין גרויסען נחת רוח, עס איז מעהר ניט, דו ביזט דאָך אַן אל ארך אפּים, פאַרשווייגסט דו זיי, וואַרטעסט דו זיי ביז אַ צייט.

— אָט דעריבער, חכם לבב ואמיץ כח, האָב איך מתפּלל געוועזן פאַר דיין הייליגען שטוהל, אַז דו זאָלסט די שיף מיט די אתרוגים

רעטען פון אונטערגעהן, און אצינד, אל גדול ונורא, טו ווי דיין הייליגער רצון איז.

א מורמלעריי פון האס און פאראכטונג האט זיך געהערט צווישען די גוטע מלאכים און דער כביכול האט מיט א דונער־שטימע אויסגעשריען:

— הס קטגור! שווייג דאָ שטן מקטרג! רעד קיין שלעכ־טעס אויף מיין פאָלק ישראל! זוך קיין שמוץ אין ריינע וואסער! ישראל עם קדושים הם, מיינע אידעלאך זיינען א הייליגעס פאָלק, די מצוה פון אתרוג וואס זיי זיינען מקים, איז ביי מיר זעהר חשוב ומקובל ומרוצה און זוך ניט קיינע פגימות און חסרונות אין דעם! דער העלער בליאסק פון דער גרויסער מצוה באלייכטעט די קליינע דונקעלע ווינקעלאך אין איהר און אלעס איז פאר מיר רעכט. שטן, שווייג! איך וויל מעהר דיין פאלפלעריי ניט הערען!

דער שטן איז אפגעטראָטען אָן א זייט בבושת פנים, און דער רבונו של עולם האט א וואונק געטאָן צום שר של ים, אז ער זאָל די וואסערען רוהיג מאכען.

אין יענעם מאָמענט איז דער שטורם אויפ'ן ים שטיל גע־וואָרען, די בייזע כוואליעס האבען אויפגעהערט ווארפען און די שיף מיט די אתרוגים איז בשלום אוועק איהר וועג.

מסכת ראש השנה נוסח אַמעריקאַ.

פרק א׳ — חזנים.

באחד בתמוז משמיעים על החזנים, ראש חודש תמוז הויבען שולען און חברות אָן אדוועטייזען פאר חזנים אויף די ימים הנוראים; ומתחילין בודקים אותם, און מען פאנגט זיי אָן פאר־הערען, שטעלען זיי צו׳ פּראָבע.

כל אחד מישראל כשר לחזנות, יעדער איד איז כשר צו זיין א חזן, אפילו משחקים ומשוררים בבתי תאטראות, אפילו אקטיאָרען און כאָריסטען פון טעאטערע; ואפילו אינם יודעים לכון המלות ופירושן, און אפילו די וואָס קענען נית קיין עברי און וויסען נית קיין טייטש וואָרט; ובלבד שיהיו בעלי גרון, אבי זיי זאָלען האָבען שטיקלאך העלדזער און קענען עטוואס זינגען.

בחוץ לארץ היו מדקדקים על החזנים שיהיו בעלי תריסין ויראי שמים, אין יוראָפּ איז מען געווען „פּריטיקלע", אז חזנים זאָלען זיין וואויל לערנער און גוטע און פרומע אידען; אבל באמע־ריקע אין משגיחין בזה, אָבער אין אמעריקא קוקט מען נית אויף אַזעלכע קליינינקייטען.

דרש מר. דץ, מר. דץ האָט געדרש׳נט: מאי דכתיב „אז ירננו עצי יער", דאָס וואָס עס שטעהט אין פּסוק: דאמאָלסט וועלען זינגען די בוימער פון וואלד; המקרא הזה לא נאמר אלא על אמעריקא, דיזער פּסוק איז נית געזאָגט געווארען נאָר אויף אמעריקא, וואו יעדער פלאָקען קען ימים הנוראים זיין א חזן; יודע אני באנשים שלא עברו לפני התבה מימיהם, איך קען מענ־שען, וואָס האָבען אין דערהיים קיינמאָל נית געדאייענט פאר׳ן עמוד; וכשבאו לאמעריקא נעשו חזנים, און אז זיי זיינען געקומען אין אמעריקא זיינען זיי געווארען חזנים.

אמר רבי לץ, האָט רבי לץ געזאָגט: דבר זה כתוב בתורה, די דאָזיגע זאך איז געשריבען אין דער תורה. משה רבינו כבד

פה היה וכשעבר את הים — אז ישיר משה, משה רבני איז געווען א שטאמלער, האט ניט געטויגט צו חזנות, און אז ער איז אריבער דעם ים, האט ער געזונגען און געפראוועט חזנות.

דרש רבי לאטוטא, רבי לאטוטא האט גע׳דרש׳גט: מי שיש לו מזלא מתברך בקול, דער וואס האט מזל ווערט געבענשט מיט א שטימע און ער קען ימים הנוראים מאכען עטליכע דאלאר פון חזנות. ומנין שקול ברכה היא? און פון וואנען ווייס איך, אז א קול, א שטימע איז א ברכה? שנאמר וד׳ ברך את אברהם בקול (בכל), ווייל אין פסוק שטעהט: און גאט האט געבענשט אברהם׳ען מיט א קול.

רבי פדת החזן אומר, רבי פדת דער חזן זאגט: אין זה ברכה אלא קללה, דאס איז ניט קיין ברכה נאר א קללה; שאין לך אומנות שפלה באמעריקא יותר מן החזנות, ווייל עס איז ניטא קיין נידעריגער טרייד אין אמעריקא ווי חזנות; שמחייבים החזנים להיות נכנעים לפני נשיאיהם ויתר השרים, ווייל די חזנים מוזען זיין אונטערטעניג זייערע פרעזידענטען און אנדערע באאמטע פון די קאנגרעגיישאנס, אפילו אויב יענע זיינען די גרעסטע גראבע יונגען, די גרעסטע בורים וואס די וועלט פארמאגט, ווען ניט, זיינען זיי ניט זיכער מיט זייער שטיקעל ברויט.

ענה ואמר רבי לאטוטא, האט רבי לאטוטא געענטפערט און געזאגט: הני מילי בחזנים של כל ימות השנה, אבל לא בחזני ראש השנה ויום הכפורים, ווען טויג ניט חזנות, ווען מען איז א שטענדיגער חזן, אבער ווען די חזנות איז בלויז א ביי־זאך און מען פארדינגט זיך נאר אויף ראש השנה און יום כפור, איז דאס גאנץ גוט, ווייל מען הערט די פרעזידענטען ווי די קאטערס און מען נעהמט טאקי אפ עטליכע דאלאר.

פרק ב׳ — כיצד בודקין.

כיצד בודקין את החזנים? ווי אזוי פארהערט מען, שטעלט מען צו פראבע די חזנים? הנשיא מזמינם לביתו או לבית מסחרו ואומר להם: „זמרו", דער פרעזידענט לאדעט זיי איין אין זיין הויז אדער געשעפט און ער הייסט זיי זינגען; אם הנשיא הוא בעל אורוות סוסים, מזמינם לאורותו, אויב דער פרעזידענט איז

א סטייבעל מאן, לאדעט ער איין די אפליקאנטען אויף חזנות אין זיין סטייבעל און די גוים וואס שמירען די רעדער זאגען אויך מבינות אויף זייער זינגען.

אחר הבדיקה הראשונה, נאך דער ערשטער פראבע, מזמינם לבית הכנסת או לבית המדרש שלו לירד לפני התבה בשבת, לאדעט זיי דער פרעזידענט איין זיי זאלען אין זיין שול דאווגען פאר׳ן עמוד אין א שבת. לפעמים בודקין ארבעה וחמשה חזנים בשבת אחד, אפטמאל פרובירט מען פיער אדער פינף חזנים אין איין שבת. הא כיצד? ווי אזוי איז דאס? אחד מתפלל קבלת שבת, אחד מעריב, אחד שחרית, אחד מוסף ואחד מנגן זמירות בסעודה שלישית, איינער איז מקבל שבת, איינער דאווענט מעריב, איינער שחרית, איינער מוסף און איינער זינגט זמירות צו שלש סעודות. ואחרי כל הבדיקות, את אשר יבחרו הנשיא והשרים הוא החזן, און נאך פילע פראבעס וואס מען הערט אוים, פארבלייבט חזן ז׳ער יעניגער וואס דער פרעזידענט און אנדערע מאכערס ווילען א׳ן ביי קהל פרעגט מען קיין דעה ניט.

נבחרי החזנים מעמידין תמונותיהם בחלוני החנויות ובכתבי עתים, די ערוועהלטע חזנים שטעלט מען אריין זייערע פיקטשורס אין פענסטער פון סטארס און מען דרוקט זיי אין די צייטונגען צוזאמען מיט די מודעות וועגען זיי. תמונותיהם למה? צו וואס דארף מען זייערע פיקטשורס? כדי להראות לכל — כזה ראו וקדשו, אום צו ציינען אלעמען אז הא גברא והא טראסק, אט דער וועט עס דאווגען, און טאמער וועט אייך ניט געפעלען ווערען, זאלט איהר נאכהער קיינע טענות ניט האבען.

כנסיה אחת יש בניו יארק רבתי שמפרסמה חזניה בקהל בלי תמונותיהם מפני מעשה שהיה, עס איז דא א קאנגרעגיישאן אין גרעיטער ניו יארק, וואס אדווערטייזט אלע פאר ראש השנה איהרע חזנים, אבער אהן זייערע פיקטשורס, צוליב א מעשה וואס האט פאסירט. פעם אחת שכרה הכנסיה חזן ופרסמה את שמו עם תמונתו, איינמאל האט יענע קאנגרעגיישאן געדונגען א חזן און זי האט איהם אדווערטייזט מיט זיין פיקטשור, בראש השנה באה אשה עגונה מעיר אחרת אשר הכירה אותו כי הוא בעלה יעכבה את תפלתו, ראש השנה איז געקומען א פרוי אן עגונה וואס האט דערקענט אן דער פיקטשור אז דער חזן איז איהר מאן און

זי האָט איהם ניט געלאָזט דאַוונען און די שול איז פארבליבען אָהן א בעל מוסף. באותה שעה התקינה להודיע בקהל את חזניה בלי תמונותיהם, אין יענער צייט האָט די קאָנגרעגיישאָן באשלאָסען ניט צו געברויכען די פּיקטשורס פון זייערע חזנים אין די אַנאָנסען.

רבי מענדעלע מגיד אומר, רבי מענדעלע דער מגיד זאָגט: מפני מה מראים צורותיהם של החזנים ולא צורות הרבנים? פאר וואָס שטעלט מען ארוים די צורות, די בילדער פון חזנים און ניט פון רבנים, וואָס דרש'ענען ימים הנוראים אין די שולען? מפני שהחזנות יש לה צורה באמעריקא, אבל לא הרבנות, ווייל די חזנות האָט נאָך עפּעס א שטיקעל צורה אין אמעריקא, אָבער די רבנות האָט שוין גאר קיין צורה ניט.

פרק ג' — מקום תפלה.

באיזו מקום מתפללים? אין וועלכען פלאַץ מעג מען דאַוונען ראש השנה און יום כפור? בכל מקום, אומעטום; אפילו בבתים ואפילו בחצרים, אפילו אין הייזער און אפילו אין יארדס.

באמעריקא מתירין להתפלל אפילו בבתי מחול ובתאטראות, ואפילו בבתי תפלה שלהם, אין אמעריקא איז מען זיך מתיר צו דאַווּ־נען אפילו אין טאַנץ־האָלס, אין טעאַטערע און אפילו אין קלויס־טערס. אחרים אומרים: אף במרתפות של גחלים, לקים מה שנאמר „ממעמקים קראתיך", אנדערע זאָגען אז מען מעג דאַוונען אין קויהלען סעלערם אויך, כדי מקים צו זיין וואָס אין פּסוק שטעהט: איך רוף דיך, גאָט, פון טיפעניש.

אמר רבי בונם, האָט רבי בונם געזאָגט: כמה מסעות נוסעת שכינה בראש השנה ויום כפור באמעריקא לקבל תפלותיהם של ישראל! אָה, וויפיל דארף עס דער כביכול אומוואַנדערען אין אמעריקא אויפצונעהמען די אידישע תפלות! וואו מען שטעהט און וואו מען געהט, רק אידעלאך דאַוונען, אפילו אין פּלעצער, וואו עס איז ניט רעכט א ברכה צו מאכען דאַווענט מען אויך. ומה עביד קודשא בריך הוא בהאי שעתא? און וואָס טוט דער רבונו של עולם, ווען ער זעהט, למשל, אידען דאַוונענדיג אין א קלויסטער? בחייך ומכריז ואומר: „ומי בעמי ישראל", ער לאַכט און שרייט אוים: ווער איז נאָך אזא פאָלק ווי מיין פאָלק ישראל; שכלם

מבטלים ממלאכתם, מפינאקעל ופאוקער שלשה ימים בשנה ומקלסים את שמי, וואָס אלע לעגען אוועק זייער ארבייט, דעם פינאָקעל און פאוקער דריי טעג אין יאָהר און לויבען מיין נאָמען. חביבה עלי טרחתי, מיין מיה איז מיר באליבט, אבי איך זעה, אז אידעלאך דערמאָנען זיך אָן מיר כאָטש דריי טעג אין יאָהר.

מנהג ישראל באמעריקא לקנות כרתיסי בית תפלה לראש השנה ויום הכפורים, עס איז א אידישער מנהג אין אמעריקא צו קויפען שול טיקעטס פאר ראש השנה און יום כפור, כדי לקים: כבד את ד׳ מהונך, כדי מקים צו זיין: גיב עהרע צו גאָט פון דיין פארמעגען. לפעמים מוכרים הכרתיסים בדמים יקרים, אָפט־מאָל קאָסטען שול טיקעטס גאנץ טייער, אפילו ביי א מנין אָ־ער וואו עס איז; ועניים ואביונים שאין ידם משגת, און קבצנים וואָס פארמאָגען ניט צו קויפען טיקעטס, מותר להם שיתפללו בשדה, מעגען זיי געהן דאווענען אין פעלד; כמו שנאמר ביצחק: „ויצא יצחק לשוח בשדה", אזוי ווי עס שטעהט געשריבען ביי יצחק׳ן: יצחק איז ארויסגעגאנגען דאווענען אין פעלד.

דרש רבי שמואל הנגיד, רבי שמואל דער אל־ראיטניק האָט גע׳דרש׳נט: בראש השנה נפקדו שרה, רחל וחנה, אום ראש השנה זיינען שרה, רחל און חנה אויפגעריכט געווארען; לפיכך מיחיב אינש לפקד את אשתו בראש השנה בבגדים נאים ותכשיטים, דעריבער דארף א מענש אויפריכטען זיין ווייב מיט שעהנע קליידער און דזשולערי אויף ראש השנה, כדי שיתקנאו בה אחרות, כדי אנדערע ווייבער זאָלען איהר מקנא זיין אין שול און ביי תשליך.

אמר רבי געטצעל, רבי געטצעל האָט געזאגט: אשריכם ישראל, וואויל איז אייך, אידען, וואָס איהר האָט א ראש השנה, ווען איהר קענט זיך אויספיינען אין שול מיט קויפען עליות און אייערע ווייבער מיט טייערע דרעסעס און דיימאָנדס.

דער גרויסער ויכוח.

פאר ראש השנה, אין א שאפע ביי אן אנגעזעהענעם בעל־הבית, וועל־כער איז אליין א תוקע, איז געלעגען א שופר. אונטער'ן באלקען איז געווען פארשטעקט א פאר־א־יאהריגער לולב. אויפ'ן שאפע זיינען גע־לעגען א פאר אפגעקלאפטע הושענות פון פאר־א־יאהרען, און אין קא־טוך איז געווען איינגעשפארט א ווייסער האהן, וועלכען מען האט גע־קארמעט פאר א כפרה. דיזע פיער זאכען וואס שפילען וויכטיגע ראלען אין אידישען גלויבען, האבען צווישען זיך געהאט פאלגענדען געשפרעך:

ש ו פ ר (מיט גאוה): דער בעל־הבית האט שוין מיט מיר פראבע געמאכט און מיך אין עסיג אויסגעווייקט, כדי מיין קול זאל זיין העלער און שטארקער, א פנים אז עס איז שוין באלד ראש השנה און איך וועל אין גיכען עולה לגדולה ווערען. עס טוט מיר זעהר הנאה, וואס מען מאכט פון מיר אזא וועזען. ווי מען דערהערט נור מיין קול, ווערט עפעס א גאנצע איבערקעהרעניש. די לופט ווערט פול מיט שרעק און א פחד און אן אימה פאלט אויף יעדען איינעם. עפעס א שפאס מיט וואס פאר א כונה מען זאגט דעם „למנצח" פאר תקיעות! מיט וואס פאר א יראה, מיט וואס פאר אן עהרע־פורכט דער תוקע מאכט די ברכה איבער מיר! מיט וואס פאר א שרעק דער מסדר התקיעות לייענט פאר די ווערטער: תקיעה, שברים, תרועה! וואס פאר אן אימה עס פאלט אויפ'ן עולם ווען עס טרעפט אמאל אז איך בין הייזעריג און גיב ניט ארויס קיין ריכטיגע קולות! היינט, ווער נאך האט אזא עהרע ווי איך? אבי ווען לאזט מען אום ראש השנה צו מיר ניט צו. דארף מען, דאכט זיך, א הייליגערע זאך ווי די תורה? פונדעסטוועגען רופט מען צו איהר אויך אויף אן אפיקורוס, א מחלל שבת, אבי נור ער באצאהלט געלד; אבער פון מיין כבוד וועגען קלייבט מען אויס גוטע און פרומע אידען און אבי ווער וואגט מיך ניט צו באריהרען. און אפילו א גאנץ חודש אלול, ווען מען שענקט מיר ניט אזא כבוד און יעדער אינגעל מעג מיט מיר בלאזען, שפיל איך אויך א וויכטיגע ראלע. איך ווירק מיט מיין

קול אויף די מענשען זיי זאָלען בעסער ווערען, זיי זאָלען זיך דער־מאָנען אָן דוד המלך׳ס תהלים און איהם אַ ביסעל דורכלופּטערען, — ווען ניט איך, וואָלט אפשר דער תהלים פאַרשימעלט געוואָרען.

ל ו ל ב: הער נאָר דו, נאַרישער באַראַן־האָרען, בלאָז נור ניט אזוי פון זיך. דו מיינסט אין אמת׳ן, אַז אַלֶע האָבען פאַר דיר מורא? פאַראַן, אויף נאמנות, אַ גאַנצע סך וואָס הערען דיך ווי דעם קאָטער. דו מיינסט הפּנים, אַז ווייל דו האָסט אַ געמבע ביזטו שוין אַ גאַנצער קנאַקער! פרעג מיך, וועל איך דיר זאָגען וואָס דו טוסט אויף מיט דיין רייסען זיך. עט! אפשר דאַמאָלסט ווען דו בייזערסט זיך, דאַמאָלסט ווען דו ליארעמסט, געפינט זיך איינער פון הונדערט וואָס דערשרעקט זיך פאַר דיר; קוים אָבער ווערסטו אנטשוויגען, לאַכט מען זיך אויס פון דיר.

ש ו פ ר: אזוי זאָגסטו, סובאָטניק דו? געה אדרבה ארוים אין גאַס, וועסטו זעהן וואָס פאַר אַן אויפצוג מען מאַכט פאַר מיר. באַלד ווי מען האָט דערהערט מיין קול, האָט מען אָנגעהויבען קויפען טליתים, יאַרמולקעס, ציצית, מחזורים, סליחות, תחינות און אַנדערע הייליגע מכשירים; קומסטו און זאָגסט, אַז מען האָט פאַר מיר קיין מורא ניט!

ל ו ל ב: ע־טיע־טיע! אַ געפעהרליכע מעשה! געה דו ארוים אין גאַס מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער, וועסטו זעהן וואָס פאַר אַן אויפצוג מען מאַכט פאַר מיר. אין די קליינע שטעדט־לעך פיליכט ניט אזוי פיל; אָבער אין די גרויסע שטעדט קעהרט זיך דאָך וועלטען! איך וועל וועטען, אַז מען רעדט ארום מיר מעהר ווי ארום דיר.

ש ו פ ר: כאַ־כאַ־כאַ, אויך מיר אַ לייט! זעהסטו, דיין חבר דער אתרוג שפּילט יאָ אַ שטיקעל ראָלע, אָבער ניט דו! אַ וואַזשנע ווערדע האָסטו, אַט לאָזט מען דיך שטעקען אונטער׳ן באַלקען אַ גאַנץ יאָהר.

ל ו ל ב (בייזלאַך): און דו וואַלגערסט זיך צעהנדליגע יאָה־רען, כאָטש דו ביזט אזא קנאַקער.

ש ו פ ר: אָבער נאָך אַלעמען פאַרבלייב איך פריש און געזונד און עס איז אויף מיר קיין שנוי ניטאָ, ווערענד דו ווערסט אויסגעדאַרט, אויסגעקוואַרט, געהסט אַראָפּ פון פנים און האָסט אַ צורה ווי אַ פאַרדאַרטער בעזים.

ה ו ש ע נ א (אויפגערעגט): באלײדיג נור קײנעם ניט, מאך נור ניט אזא אָנשטעל, האָב נור ניט אזא גרויסען פּיסק! שוין באלד אויסגעגאנגען די יאָהרען מען זאָל פאר דיר מורא האָבען, דאָס איז אַלעס אמאָל געווען; אָבער היינט ביזטו גאָר אַ קלײנער יחסן.

ש ו פ ר (בײז): ווער איז עס דאָרט? דו ארצע מחוצף פּנים אײנער, דו מײנסט, אז דו האָסט פאר־א־יאָהרען אָפּגעשמי־סען אַ סטענדער אין שוהל, וועסטו מיך אויך אָפּשמײסען? אויך מיר אַ לײט!

ה ו ש ע נ א: אזא לײט ווי דו! מיט וואָס ביזטו עס מעהר יחסן פון מיר? פון דיר, זאָגסטו, מאכט מען אַ גאנצען ווע־זען, און איך בין אויך ניט קײן צוריסענע לאַפּטשע! מיך נעהמט מען אויך אויף גאנץ פיין! פון מײן כבוד וועגען זיצט מען אַ גאנצע נאכט אין שוהל, מען זאָגט תיקון און תהלים, פונדעסט־וועגען נעהם איך מיך גאָר ניט איבער.

ה א ה ן (אויפ'ן קול): קוקוריקו! קוקוריקו! וואָס שפּאַרט איהר זיך דאָרט? ווער עס איז מעהר יחסן? צוליב וועמען מען מאכט אַ גרויסען אויפצוג? איך קען אײך זאָגען בנאמנות, אז אין דיזען הינזיכט בין איך מעהר יחסן פון אײך אַלע. אַזאַ גערודער ווי עס טוט זיך צו כפּרות, אזא טומעל ווי מיר פאראור־זאכען זײנט איהר קײנער ניט אימשטאנדע צו באוויזען.

ש ו פ ר: דו האַלסט זיך אויך פאר אַ כלי קודש'ניק? אויך מיר אַ מאכער! מען לאכט דאָך פון דיר אין די הויפענס.

ה אָ ה ן: מען לאכט פון דיר אויך.

ש ו פ ר: פון מיר? ניט אמת! איך מאך צום װײנען, ניט צום לאַכען.

ה אָ ה ן: באשר דײן פּנים איז באהאַלטען אונטער'ן טלית פון תוקע זעהסטו ניט; אָבער איך פארזיכער דיר, אז אַ סך לאַכען הינטער דײנע פּלײצעס און מאכען פון די חוזק.

ש ו פ ר (אויפגערעגט): פּאסקודניאַקעס וואָס איהר זײנט! איהר האָט אַלע געמעגט דרך ארץ האָבען פאר מיר! ווען איך זאָל ניט ערוועקען דעם עולם צו תשובה, וואָלט אויף אײך קײנער ניט אַ קוק געטאָן. נור מיר האָט איהר צו פאַרדאַנקען וואָס איהר שפּילט נאָך אַ שטיקעל ראָלע.

האהן (שפּאָטיש): קוקט איהם נור אַן, דעם פּלאָקען שיסער! ער מאכט דעם עולם פאר חוזרים בתשובה, ער פארטרייבט דעם שטן און נאָך אַלעמען פארבלייבט דער עולם זינדיג און איך דארף פאר אַלעמען זיין א כפרה!

שופר: רעדט אייך וואָס איהר ווילט, צו מיר קומט איהר קיינער ניט. מיך האַלטען נור חשוב'ע מענשען, לומדים, פרומע אידען; און ווער זייט איהר אַלע? ליאַד א פּראָסטאַק, ליאַד א קינד, ליאַד א יענטע טרייסעלט אייך, קלאַפּט אייך און דרעהט אייך ארום די קעפּ.

לולב: מען דארף אָהן זייטען בלייבען פון געלעכטער, נור שעהנע מענשען האַלטען איהם! אז אָך און וועה צו דיר, גולם'עוואַטער באַראַן! פון וואַנען ביזטו עס אזוי זיכער, אז דער, וואָס בלאָזט מיט דיר איז א שעהנער, פרומער און חשוב'ער איד? אזא פּסיכאָלאָג ביזטו עס און דו דערקענסט אָן פּנים וואָס ביי אימיצען אונטערען ארבע כנפות טוט זיך?

הושענא: אזא יאָהר מיר, ווי מיין פריינד לולב האָט רעכט.

לולב: וואָס ווייס ער, דער באַראַן האָרן? ער הערט, אז דער תוקע פּיעשצעט זיך, וויינט בלומרשט, מיינט ער, אז דאָס איז א צדיק גמור. איך ווייס אָבער פון פאַקטען, אז דאָס איז ניט קיין כלל. אָט האָט מיך פאר־א־יאָהרען א איד א תוקע, און מיר דאכט זיך אז א בעל תפלה אויך, פארקויפט צוזאַמען מיט אַן אתרוג און ער האָט טאַקע דעם בעל הבית אונזערען גוט אָפּגענאַרט. ער האָט איהם פארזיכערט, אז דער אתרוג קומט פון ארץ ישראל און אין אמת'ן איז ער געוועזן א קאָרפו'ער.

הושענא: א נייעס איז עס? איך האָב פאר־א־יאָהרען געהערט א סך אַזעלכע מעשיות.

שופר: איך גלויב עס ניט, דאָס איז א פארדאַמטער ליי־גען! איך בין זיכער, אז איך בין דעם עולם מחזיר למוטב, און איך פארטרייב דעם שטן, און איך בין שטאָלץ אויף מיין אויפ־גאַבע.

האָהן: דו פארטרייבסט אזוי דעם שטן, אַקוראַט ווי איך בין א כפרה פאר די זינד.

לולב: העי, העי, רייד נור ניט קיין אפּיקורסות!

ה אַ ה ן: אפיקורסות, זאָגסטו? הלואי וואָלט קיין גרע־סערע אפיקורסות ניט געווען. מען וועט מיך דרעהען ארום קאָפּ, מען וועט זאָגען „זה כפרתי"; אָבער איך גלויב ניט אויב איך וועל ווירקליך זיין א כפרה פאר אימיצענס זינד.

ל ו ל ב: פאר וואָס גלויבסטו עס ניט?

ה אַ ה ן (שטיל): פאַרוואָס גלויב איך ניט? ווייל א סך זיינען גאָרניט אויסען צו מאַכען אונז פאר כפּרות. דו ווייסט וואָס איך וועל דיר פאַרטרויען א סוד, צווישען אונז זאָל עס בלייבען, אז יום כפור, ווען פילע זיינען אין די שוהלען, מאַכען אַנדערע פון אונז כפרות סעודות אין דער היים און מען שפּילט דערביי אין קאָרטען. נור שאַ, דער שופר וועט נאָך דערהערען, וועט ער האָבען מיט וואָס צו שטאָלצירען געגען מיר.

ש ו פ ר: איך הער, איך הער, אהא! זעהסט שוין, דו בעל־גאווה'ניק וואָס פאר א ווערדע דו האָסט?

ה ו ש ע נ א: וואָס האָסטו זיך אזוי אָנגעכאַפּט, שטיק חכם? דו קריכסט דאָך זיך אליין אויפ'ן קאָפּ! דו באַריהמסט זיך דאָך, אז דו ערוועקסט צו תשובה און צוליב דיר עקזיסטירען מיר אלע אויף דער וועלט, נו, ערשט קענסטו זעהן, וואָס פאר א ווערט דו האָסט, ווי דו ווירקסט מיט דיין בלאָזען! דו ארבייטסט אויף די כלים א גאַנץ חודש; דו בלאָזסט און דער עולם פייפט דיר אָן.

ש ו פ ר: זאָג מיר נאָר, דו פאַרדאַרטע, אפּגעקלאַפּטע הושענא, וואָס טוסטו דאָרט אויפ'ן שאַפע? ווער האָט דיך דאָרט אוועקגעלייגט און צוליב וואָס פאר א צוועק?

ה ו ש ע נ א: וואָס איך טו דאָ? העי, העי! דו מיט דיין גאַנצען יחוס טויגסט נאָר אויפ'ן חודש אלול; אָבער איך קום צוניץ א גאַנץ יאָהר! מען האַלט מיך פאר א שמירה געגען א שרפה, פאר א סגולה צו קדחת און אנדערע חלאת'ן.

ש ו פ ר: עס קיצעלט מיך צום לאַכען. היינט, אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט זאָל מען גלויבען אין אזעלכע נאַרישקייטען!

ה ו ש ע נ א: נאָך ווי? אפילו אזעלכע אפּיקורסים וואָס לאַכען פון דיר און דיין בלאָזען; אפילו אזעלכע וואָס מאַכען חוזק פון אלע אידישע דינים און מנהגים, און לאַכען אין די חויפּענס

פון יעדען גגלויביגען, ווערען מאָדנע אבערגלויבער, ווען עס דריקט זיי עפּעס צו, ווען עס איז זיי עפּעס אויסען. דאן איז רעכט לייגען א הושענא צוקאָפּענס, קאָכען צודארטע הושענא־בלעטלעך און טרינקען די וואסער, ווייל זיי מיינען, די דאָזיגע כלומרשטע חכמים, אז דאָס קען עפּעס העלפען.

לולב: אמת טאקע, ווייבלעך, וואָס האלטען זיך פאר פאָרטגעשריטענע, פאר ראדיקאלע בייסען אָפּ די פּיטום׳ס פון מיינע ברידער אתרוגים ווייל זיי גלויבען אז דאָס איז א סגולה צו א גרינגערען שוואנגערען און צו א לייכטע ענטבינדונג.

שופר: מיך פרעהט עס זעהר צו הערען. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת אז לויט אייערע פריהערדיגע טענות האָב איך געמיינט אז מיר געהען חלילה אלע מכולה און איך בין טאקע שטארק אָפּהענגיג געווארען; אצינד אָבער אז עס האלט אזוי אז פארדארטע הושענא־בלעטלעך איז א רפואה און א פּיטום פון אן אתרוג א סגולה, איז צו האָפען, אז מיר וועלען איה״ש מאריך ימים ושנים זיין.

אלע צוזאמען: געוויס, געוויס האלט נאָך ניט דער־ביי אז מען זאָל אונז ח״ו אין גאנצען אוועקווארפען.

שופר: טו, טו, טו; אויב אזוי, טו לאָמיר ברידער שליסען שלום. לאָמיר געהן האנד אין האנד, כל זמן מיר זיינען ביי מענשען אנערקענט. איך וועל געבען סיגנאלען, מיט דיר האָהן זאָל מען שלאָגען כפּרות, דיך לולב זאָל מען טרייסלען און מיט דיר הושענא זאָל מען קלאַפּען.

האָהן: קוקוריקו! הורראה פאר די פיער אייניגקייט!

אַמעריקאַנישער מחזור.

(רעפאָרמירט און פארקירצט לויט דעם גייסט פון דער לעצטער צייט).

א תפלה פאר'ן חזן.

דער חזן געהמט דעם טלית איבער'ן קאָפּ, צושפּרייט די הענד אזוי ווי איינער וואָס פארמעסט זיך צו שווימען, די משוררים מאַכען זיך רעדי און דער חזן פאַנגט אָן:

הנני העני ממעש — איך בין אָרעם פון גוטע מעשים, אָרעם אויף דער עברי און נאָך מעהר ארעם אויף די טייטש-ווערטער...

כ אָ ר : יאַ—אַ—אַ—אַ...

ח ז ן : נרעש ונפחד — איך בין דערציטערט און צושראָקען פאר דעם פּחד פון דעם וואָס זיצט אין הימעל...

כ אָ ר : ע—ע—ע—ע—ע—ט.

ח ז ן : באתי לעמוד ולהתחנן — איך בין געקומען און זיך אוועקגעשטעלט בעטען פאר דאָס פאָלק ישראל, וועלכע האָבען מיך געשיקט...

כ אָ ר : גו—ו—ו—ו.

ח ז ן : אף על פי — כאָטש איך בין ניט ווערט און באַרעבטיגט דערצו...

כ אָ ר : יאַ—אַ—אַ—אַ, טאַ—אַ—אַ—קע.

ח ז ן : לכן אבקש ממך — דעריבער בעט איך דיר, גאָטעניו, היה נא מצליח דרכי — גיב מיר א שאָו, אז איך זאָל די קאָמעדיע גוט דורכפיהרען, אז איך זאָל קיין מיסטייק ניט מאכען, אז איך זאָל הייזעריג ניט ווערען, כדי מען זאָל פון מיר צופרידען זיין, ווייל זיי מיינען דאָך נאָר בזינעס און דאָס מיין איך אויך. אמן, כן יהי רצון, אמן ואמן.

דער חזן מיט'ן כאָר זינגען חצי קדיש מיט'ן סקאַרבאָווען ניגון. דער עולם זאָגט די שטילע שמונה-עשרה. דער חזן האָט דערווייל אַ „ליטל רעסט" און כאַפּט פון אונטער'ן טלית אַ שמועס מיט די משוררים און ווען דער שמש טוט אַ פּאַטש אין בימה, זאָגט מען ווייטער:

ובכן לך הכל יכתירו.

אז מען האָט שכל און מען ווייסט ווי אָנצוגעהן מיט לייטען,

ווערט מען באקרוינט און באשוינט, כאטש מען איז אין אמת׳ען א גארנישט שבגארנישטען.

ובכן מאני טאקס.

פותחין הארון — מען עפענט די קאסע און מען לאזט זיך סודי טודי געפינען; מען קויפט אן עליה, מען שנדר׳ט, מען ספענדט אזוי א דאלאר און מען ווערט א שעהנער מענש.

הדאלאר מלך, הדאלאר מלך, הדאלאר ימלך לעולם ועד.

דער וואס האט די מאה, דער האט די דעה —
הדאלאר מלך.
צו קריגען א שעהנעם מיטול, איז געלטעניו א מיטעל —
הדאלאר מלך.
כבוד מיט׳ן פולען הויפען, קען מען דערפאר קויפען —
הדאלאר מלך.
געלד פארדעקט חטאים, מאכט צדיקים פון רשעים —
הדאלאר מלך.
מען קען באקומען יחוס, דורכ׳ן דאלאר׳ס שליחות —
הדאלאר מלך.
א נאר קען דערפאר קריגען, א נאמען פאר קלוגען —
הדאלאר מלך.
ביים לעבען א מורנו, נאכ׳ן טויט א לויה א שעהנע —
הדאלאר מלך.

ובכן ויהי בישורון מלך.

אט אזוי ווערט מען ביי אידען א קנאקער:

א היימישער בעל עגלה איז דא א פרעזידענט אין א קהילה, וויל ער שפילט א געלטיגע ראלע, לעדי עד ימלך מלך הדאלאר.

א לאטוטניק, א פראסטאק, לעבט דא מיט׳ן קנאק, וויל ער איז געווארען א געלד־זאק, לעדי עד ימלך מלך הדאלאר.

א גראבער יונג, א חם, איז אריבערגעפאהרען דעם ים, און דא געוואו׳ען א יא טעבע דאם, לעדי עד ימלך מלך הדאלאר.

פון דער היים א מוסר, שטענדיג מעהר „מלא" ווי חסר, דא איז ער כשר וישר, לעדי עד ימלך מלך הלאדאר.

ובכן גדולים מעשי קאלומבוס.

די אונטערשטע שורה: אמעריקא האט א טרפה׳נע גבורה,

קאָלומבוס איז אַלל־דייט, ער מאכט פון מענשען לייט, פון קרום גלייך, פון פינסטער ליכטיג, פון אונריין ציכטיג, פון אַ קאַרליק אַ ריעז, פון אַ נאָדעל אַ שפיז, פון אַ פליג אַ טיגער, פון אַ שוואכען אַ זיגער, פון אַן עם הארץ אַ וואזשנעם פריץ.

אבל מלך אביון.

אָבער מען ליידעט דאָ אויך נויט, אַ סך האָבען נעבאך קיין ברויט, אזוי ווי אין דער תורה שטעהט: לעדי עד ימלך מלך אביון.

פאראן אַ סך שלים־מזלות, וואָס שפילען כלומר׳שט רייבע ראָליעס, כאָטש עס פייפט ביי זיי דער דלות, לעדי עד ימלך מלך אביון.

האוחז ביד — די בעסטע תפלה.

וכל מאמינים — אפילו אזעלכען וואָס אלע גלויבען, אַז ער איז גוט אָפּ, דאַרף מען היינטיגע צייטען זיך אויך ניט איילען צו באָרגען אַ גמילת חסד, ווייל עס קען זיין, אַז ער איז אַ פאַר־מאסקירטער קבצן. און ווער עס האנדלעט מיט איהם, איז גלייכער, אז ער זאָל פון איהם פאָדערען קעש, ווייל משכון בבית שלום בקעשענע.

וכל מאמינים — אזעלכען וואָס אלע גלויבען אַז ער איז אַן איש אמת און זיין וואָרט איז היילג, דאַרף מען היינטיגע צייטען אויך ניט גלויבען אויפ׳ן וואָרט, ווייל צוליב דרך שלום זאָגט מען אָפּט אַ ליגען.

ובכן אמרו לפאָליטישען: מה נורא מעשיך.

אמרו לפאָליטישענס: פאַר עלעקשאָן איז יעדער פון אייך וויך ווי פוטער, אזאַ רך לבב, אזאַ גוטער, אזוי ווי אַ קינד צו אַ מוטער, נאָכדעם ווערט איהר האַרט ווי שטיינער, איהר נעהמט פאַר זיך די פלייש און פאַר׳ן פאָלק די ביינער.

אמרו לפאָליטישענס: ווען איהר דאַרפט האָבען די וואוטס, זאָגט איהר צו אַל־דאָס־גוטס, איהר פאַרשפּרעכט אַלע־מען הילף און שוץ, נאָכדעם פאַרגעסט איהר אייערע הבטחות, איהר האָט אַלעס און דאָס פאָלק — קרחות.

מנויה וגמורה, בסוד חכמי תורה, אַז יעדער איינער איז אויסען זיין אייגענע טובה.

טענות פון א כפרה האָהן.

א ווייסער האָהן, וואָס איז געווען צוגעגרייט ביי א אידען פאר א כפרה, איז געקומען פאר'ן בית דין של מעלה מיט פאָלגענדע טענות:

איך, אייער אונטערטעניגער האָהן, בין געקומען אהער פאר'ן הימלישען בית דין אין שליחות פון מיינע טויזענדע ברידער און שוועסטער, העהנער און היהנער, וועלכע, ווי עס איז אייך באַקאַנט, זיינען איצט גרייט צו דער שחיטה, און איך בעט אז איהר זאָלט מיך אויסהערען.

איך ווייס אז דער גזר דין_וואָס איז אויף אונז נגזר געוואָרען נאָך מיט טויזענדע יאָהרען צוריק, אז מענשען זאָלען אונז קוילענען און עסען אונזער פלייש, וועט שוין ניט בטל ווערען. מען וועט אונז עסען כל זמן עופות און מענשען וועלען עקזיסטיר'ען אויף דער וועלט, כי לכך נוצרנו, ווייל פאר דיזען צוועק האָט דער בורא עולם אונז באשאַפען.

וואָס איך וויל אָבער פרעגען איז: ווארום האָבען אונז גאָט'ס געליבטע, די אידעלאך, געמאכט פאר כפרות? ווארום זאָלען מיר אומשולדיגע ברואים זיין א כפרה אויף זייערע זינד? זיינען אויף דער וועלט פאראן ווייניג שלעכטע מענשען וואָס מעגען זיין כפרות פאר'ן כלל? וואָס האָבען זיי זיך אָנגעזעצט אויף אונז בידנע העהנער און היהנער?

יאָ, אנטקעגען מענשען בין איך טאַקי א קליינע, שוואכע באַשעפעניש, אָבער שכל האָב איך אין א פרט אפשר מעהר פון דעם מענשען. די אידעלאך גופא, וואָס זיינען באַטיטולט מיט'ן נאָמען עם חכם ונבון, גיבען דאָס צו. זיי זאָגען אין זייערע תפלות: „הנותן לשכוי בינה להבחין בין יום ובין לילה". זיי דאנקען גאָט וואָס ער האָט דעם האָהן געגעבען פארשטאַנד אונטערצושיידען פון טאָג צו נאכט. דאָס איז א גרויסע זאַך, א וואזשנע אייגענ־שאַפט, וואָס א גרויסער טייל פון די מענשהייט באזיצט ניט. פרעגט

זיי בחרם וואָס עס איז טאָג און וואָס עס איז נאַכט, וואָס עס איז ליכטיג און וואָס עס איז פינסטער...

ווען אידעלאך וואָלטען געוואוסט דעם ריכטיגען חילוק צווי־שען ליכטיגקייט און פינסטערניש, וואָלטען זיי אפשר אויסגעקאָ־סירט דעם פינסטערען מנהג פון שלאָגען מיט אונז כפרות.

יאָ, ווען זיי וואָלטען געהאַט אָפענע אויגען, וואָלטען זיי ניט געזינדיגט און פאַרשפּאַרט זוכען כפרות אויף זייערע זינד. אויף כפרות וואָלטען זיי דאַן געדאַרפט די כפרות.

די צרה איז וואָס זיי ווייסען ניט אָדער ווילען ניט וויסען וואָס עס איז נאַכט און וואָס עס איז טאָג, וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט, וואָס עס איז ליכטיג און וואָס עס איז פינ־סטער. זיי פאַרקריכען דעריבער אָפטמאָל אין זומפּען און אַז עס קומט ערב יום כפור ווילען זיי אַרויסקריכען און אַלס סגולה דרע־הען זיי אונז, עופות, אַרום די קעפּ, זאָגען „זה חליפתנו" און זיי מיינען אַז זיי זיינען שוין פּטור.

די מענשעלאך מיינען, אַז גאָט האָט אונז נור געשענקט דעם געפּיהל צו שפּירען ווען דער מאָרגענשטערען געהט אויף און מעהר, דענקען זיי, באַגרייפען מיר ניט. זיי האַלטען אונז פאַר אונוויסענדע, פאַר איגנאָראַמוסען און אַז זיי ווילען באַצייכענען איינעם וואָס ווייס ניט, וואָס באַגרייפט ניט עפּעס אַ זאַך, דריקען זיי זיך אויס: „ער קוקט ווי אַ האָהן אין בני אָדם". יאָ, עס איז אמת, אַז אין די שוואַרצע פינטלאך האָבען מיר, העהנער, טאַקי קיין ידיעה ניט; אָבער זיינען דען ניטאָ בני אָדם, מענשען, וואָס פאַרשטעהען דעם „בני אדם" פון סידור ניט מעהר ווי מיר, העה־נער?...

און צווישען דיזע וואָס ווייסען אין „בני אדם" ניט מעהר פון אונז זיינען פאַראַן אַ סך וואָס שלאָגען ערב יום כפור כפרות. קענען זיי דאָס אליין ניט, שלאָגט אימיצער מיט זיי כפרות, ווייל זיי האַלטען דאָס פאַר אַ גרויסע מצוה.

עס זיינען אפילו דאָ מענשען, שלעכטע, פאַרדאַרבענע מענ־שען, וואָס וואָלטען געמעגט זיין אַ כפרה פאַר אונז העהנער, דאָך שלאָגען זיי מיט אונז כפרות. יאָ, דאָס איז אפשר טאַקי דערפאַר וואָס מיר ווייסען דעם חילוק פון טאָג צו נאַכט און מיר קרעהען

און מיר וועקען, אז מען זאָל עפענען די אויגען און זעהן די ליכ־טיגקייט...

ווארים דאָס איז שוין ביי א טייל אידען אן אלטע מחלה, א כראָנישע נארישע איינבילדונג, אז די וואָס וועקען זיי, די וואָס לערנען זיי וואָס טאָג און וואס נאכט איז, טויגען ביי זיי אויף כפרות...

מיך וואָלט שוין אפשר ניט אזוי פיל געארט, ווען איך זאָל וויסען אויף ריכטיג, אז מיר זיינען ווירקליך כפרות. וואָס האָט געזאָלט זיין א מענשען, איבערהויפט א אידיש קינד, זאָל אויס־געהן צו אונז העגער און הינער, שטארבען מוז מען דאָך פריהער אָדער שפעטער, און אז מען טוט מיט'ן טויט א טובה דעם בחיר כל היצורים, דעם אויסערוועהלטען פון אלע באשעפענישען, איז מה טוב, איז אפשר אפילו כדאי צו שטארבען פאר דער צייט; אָבער איך בין זיך מודה ומתודה, אז איך בין אין דעם א שטיקעל אפיקורוס און איך האָב קיין אמונה, אז דורך דרעהען אונז ארום קאָפּ און עסען אונזער בייליק זאָל מען ריינגעוואשען ווערען פון זינד.

און איך זאָג נאָך אמאָל, אז דאָס וואס מען קוילעט אונז און מען עסט סתם אונזער פלייש, קימערט מיך ניט פיל, ווייל דאָס מוז אזוי זיין. דאָס איז א נאטור געזעץ, אז שטארקערע עסען די שוואכערע, מיר עופות פיקען ווערימלאך און אינזעקטען און די מענשען ווידער פיקען אונז. אפילו צווישען די מענשען גופא איז אויך איינגעפיהרט, אז די שטארקע שלינגען איין די שוואכערע. אָבער אז מיר זאָלען נאָך זיין כפרות פאר די מענשען — דאָס איז שוין צופיל. פארלאנגען מיר אז די ווערימלאך וואָס מיר פרעסען אויף זאָלען זיין פאר אונז כפרות?

דעריבער גלויבט זיך מיר טאָקי די מעשה ניט. פאר וואָס, פאר ווען קומט עס זיי, אז זיי זאָלען סמאָטשקען אונזערע ביינער און מיר זאָלען נאָך זיין א כפרה אויף זייערע זינד?

אָבער אפילו צוגעבענדיג, אז דאָס איז אזוי, אז מיר זיינען טאָקי ווירקליך כפרות, איז דאָך דער פארדרוס נאָך א סך גרע־סער. אויב אזוי, אויב מיר זיינען מכפר אויף זייערע עבירות, אויב דאָס איז טאָקי, ווי די כפרות שלעגער זאָגען „נפש תחת נפש", וואס עס האָט געזאָלט זיין זיי, געהט אויס צו אונזערע קעפּ,

טאָ פאַרוואָס זשע האַלטען זיי אונז פאַר אזוי נידעריג און ווערט־לאָז? ווארום זאָגען זיי אויף יעדע זאַך וואָס איז ניט ווירדיג אין זייערע אויגען, אַז דאָס טויג אויף כפּרות? דאָס וועל איך זיי נימ מוחל זיין אפילו ווען דעם שוחט׳ס חלף וועט שוין ליגען איף מיין האַלדז.

איהר הערט א מעשה! מיר הענער און הינער זיינען זיי מאַריך די יאָהרען, מיר נעהמען אויף זיך זייערע עבירות און באַזאָרגען זיי מיט עולם הבא, און לסוף איז דאָס נאָך ביי זיי ניט אָנגעלעגט, און וואו עפּעס א זאַך וואָס טויג צו גאר ניט, וואָס האָט קיין ברעקעל ווערט, טויג עס אויף כפּרות!

עס איז דאָך א סך, א סך זאַכען אויף וועלכע אידען זאָגען, אַז עס טויג אויף כפּרות, טאָ ווארום שלאָגען זיי כפּרות דוקא מיט הענער און מיט הינער? וואָס איז עפּעס דער גורל געפאַלען נאָר אויף אונז בידנע עופות? זאָלען זיי שלאָגען כפּרות מיט מגיד׳ישע דרשות, חזנ׳ישע זינגאַכץ, מיט צייטונגס־אַרטיקלען, מיט שלעכטע ווייבער, מיט שווערס, מיט שוויגערס, מיט טאַטעס, מיט מאַמעס און מאַלע מיט וואָס נאָך, וואָס זיי זאָגען אַז עס טויג אויף כפּרות, אָדער זיי דאַרפען אויף כפּרות!

א טאַראַראַם זיי מאַכען דאָס ערב יום כפּור מיט די כפּרות! עס איז אונז הענער און הינער א שאַנדע און א חרפּה. זיינען מיר דען טאַקי די ערגסטע אויף דער וועלט, וואָס מיר זיינען פאַראור־טיילט צו אַזא מיאוס׳ען טויט און צו אַזעלכע חרפּות וביושים פאַר׳ן טויט?

בכן, וואָס זאָגען די אידען? היות אַזוי ווי אַמאָל פלעגט מען ערב יום כפּור אַוועקשיקען א שעיר לעזאזל, וואָס האָט מכפּר געוועזען אויף זיי, מאַכען זיי דאָס היינט אונז פאַר׳ן שעיר לעזאזל! אָבער וואָס פאַר א שכל איז דאָס? מילא דער שעיר לעזאזל האָט גאָט געהייסען; אבער ווער האָט זיי געהייסען שלאָגען כפּרות? און נאָך א זאַך: א שעיר לעזאזל איז געווען איין ציגעלע וואָס איז געווען א כפּרה פאַר אַלעמען, פאַר דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, און ווארום שלאַכטען זיי אונז היינט אויס אין די טויזענדער, אין די צעהנדליגע טויזענדער, אַלע אַלס כפּרות?

ניין, איך פּראָטעסטיר אין נאָמען פון מיינע אַלע ברידער און שוועסטער און איך פאָדער אויף אייך, הימעלשע ריכטער, אַז

איהר זאָלט פאר אונז זוכען גערעכטיגקייט. מיר ווילען ניט און מיר דארפען ניט זיין קיין כפרות און קיינער דארף גאר ניט דענ־קען אז מיר זיינען פאר אימיצען א כפרה. און אפקלער אביסעל, זיי זינדיגען און מיט אונזער בלוט ווילען זיי אפוואשען זייערע זינד! ...

אָבער, וואָס רייד איך? עס איז דאָך ערב יום כפור און מען טאָר אויף אידען קיין שלעכט וואָרט ניט זאָגען. זיי האָבען שוין דאָ אין הימעל און אויך אויף דער ערד גענוג מקטרגים אָהן מיר און צו וואָס זאָל איך נאָך זיין א מקטרג? זיי זיינען דאָך גאָט'ס באַליבטע קינדער און מען דארף זיי בעסער פארטיידיגען איידער פארלוימדען.

און איך און אלע וואָס באלאנגען צו די הענער און הינער משפחה זיינען דעריבער אויף אונז מצדיק את הדין און מיר גיבען אוועק אונזערע קעפ פאר'ן כלל ישראל. זאָלען אידעלאך שלאָגען מיט אונז כפרות און זאָלען מיר טאקי זיין זייער כפרה.

אָבער איין זאך ווי איך בעטען. אז עס איז אונז שוין יאָ אזוי באשערט, זאָלען מיר כאָטש אריינפאלען אין די הענט פון ריכטיגע, כשר'ע שוחטים. בעהיט אונז און באשירמט אונז פון געבלאָפטע שוחטים, פון סקעב שוחטים און פון אלע שוחטים וואָס זיינען נים ראוי צו זיין שוחטים.

חתמ'עט אָן די אידעלאך א גוט יאָהר. א שנת חיים ושלום, ברכה והצלחה און זאָלען זיי דערלעבען איבער־אַ־יאָהר אלע אין גאנצען און ווידער שלאָגען כפרות.

די פּתיחה דנעילה.

(א מעשה שהיה)

ר׳ בעריש דער סוחר האָט געהאַט א חזקה אויף דער פּתיחה דנעילה.

אלע יום כפור פלעגט ער קויפען דעם דאָזיגען כיבוד און פלעגט דערפאר באַצאָהלען גוטעם געלד.

ר׳ בעריש איז געווען איינער פון די שעהנסטע און אָנגעזע־הענסטע בעלי הבתים אין זיין שטעדטעל. ער איז געווען דאָס וואָס מען רופט „אַן עכט אידישער נגיד״. א למדן, א ירא שמים, א בעל טובה, א בעל צדקה, א מכניס אורח און סתם אזוי א גוטער און סימפּאַטישער מענש. ער איז אפילו געווען שטאָלץ ביי זיך, אָבער ניט שטרענג אדער גאוה׳דיג אזוי ווי אנדערע נגידים. ער איז מיט יעדען איינעם געווען א גוטער ברודער און ער האָט יעדען איינעם א טובה געטאָן, ווען נאָר ער האָט געקענט.

א הויז האָט ר׳ בעריש געפיהרט אויפ׳ן רייכען שטייגער, אלעם פון דער פולער האנד. ער האָט אויך ניט געקארגט אין צדקה זאכען און זיינע טירען און זיין האנד זיינען שטענדיג געווען אָפען פאר ארימע און נויטליידענדע.

ער איז דעריבער געווען א גרויסער חשוב אין שטעדטעל און ער האָט ביי אלעמען חן געהאַט. מען פלעגט איהם צוטיילען כבוד ניט דערפאר ווייל ער איז געווען א נגיד און מען האָט גע־דארפט אָנקומען צו זיינע טובות, זאָנדערן ווייל מען האָט איהם פשוט ליב געהאַט. ר׳ בעריש׳עס א ווארט איז ביי אלעמען געווען הייליג און קיינער האָט ניט געוואגט מעיז פנים זיין געגען איהם אָדער פארשאפען איהם דעם מינדעסטען אום־כבוד.

אויף דער פּתיחה דנעילה איז ר׳ בעריש געווארען א מוחזק באלד ווי ער איז אריין אין די פעדערען, באלד ווי עס האָט איהם אָנגעהויבען געהן גוט און ער איז געווארען א שטיקעל בעל

הבית. אָנפאנגס איז דאָס ביי איהם געווען א מין עקשנות, א מין קאפּריז, אדער גאר א שטיפעריי. עס האָט זיך איהם געוואָלט אויסכאפּען די דאָזיגע מצוה, צו וועלכע אנדערע בעלי־הבתים, עלטערע פון איהם, האָבען חשק געהאט און ער פלעגט עס דעריבער אויסדינגען. שפּעטער אָבער איז די פּתיחה דנעילה ביי איהם געוואָרען א מין חוב, א מין נויטווענדיגקייט און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען אז ער מוז עפענען דעם ארון הקודש פאר נעילה און ער טאָר דאָס פאר קיין פאַל ניט דורכלאָזען.

און יאָהר איין, יאָהר אויס איז ר׳ בעריש געווען דער סוחר פון דער דאָזיגער מצוה אין דעם גרויסען בית המדרש, וואו ער האָט געדאַווענט און קיין פּרייז איז פאר איהם ניט צופיל געווען צו באַצאָהלען דערפאר.

בעלי הבתים פון בית המדרש האָבען איהם געוואָלט אוועק־געבען די חזקה אויף דער פּתיחה דנעילה אויף שטענדיג פאר א באַשטימטען מקח און מען זאָל גאר דערויף קיינע „טאָרגעס" ניט מאכען; אָבער ר׳ בעריש האָט דאָס ניט געוואָלט. איך בין טאָקי א מוחזק — האָט ער געזאָגט — אָבער בע׳גזל׳נען דעם בית המדרש וויל איך ניט. אויב עס וועט זיך געפינען א איד וואָס וועט געבען מעהר פון מיר, איז יענער בילכער.

אָבער ווער האָט זיך דאָס געקענט אונטערשטעלען אויסצור־דינגען די פּתיחה פון ר׳ בעריש׳ן? ראשית, האָט מען פאר איהם גרויס דרך ארץ געהאט און מען האָט ניט געוואָלט אויסכאפּען פון איהם די מצוה; והשנית, האָט מען געדאַרפט האָבען ברייטע קעשענעס איבערצושטייגען איהם.

פון דעסטוועגען פלעגט עס ר׳ בעריש׳ן ניט אבגעהן אזוי גלאַט און ווען עס פלעגט פאַרקומען דער „טאָרג" אויף דער פּתיחה דנעילה, פלעגען בעלי הבתים שטייגען די פּרייזען, ניט ווייל זיי האָבען דאָס טאַקי געוואָלט קויפען, זאָנדערן כדי ארויסצוציהען פון ר׳ בעריש׳ן נאָך א פאַר רובעל. נישט־קשה — פלעגען זיי זאָגען — ער קען געבען, ער פאַרמאָגט, א איד א גביר, אָהן עין הרע, זאָל דער בית המדרש לייזען.

ער, ר׳ בעריש, האָט געוואוסט, אז דאָס שטייגט מען נאָר לפּנים, אבער קיינער מיינט עס ניט ערנסט. ער איז זיכער געווען, אז ווען אפילו ער זאָל זיך אבשטעלען ביי א געוויסען פּרייז און

ניט געבען מעהר, וועט די פּתיחה אלץ בלייבען ביי איהם, ווייל קיי־נער וועט ניט אויסכאפּען זיין חזקה, פון דעסטוועגען פלעגט ער אזוי לאנג שטייגען ביז די אנדערע פלעגען פארשטעהן, אז עס איז שוין געגנוג און זיך „אונטערגעבען".

— זיי ווילען מיר אויסברייגגען געלד, די יונגאטשעס — פלעגט ר' בעריש זאגען אין א שפּאס און מיט אן עכט ביסעל שטאָלץ — אבער איך האָב אויף זיי קיין פאריבעל ניט. מען זאָל דערלעבען איבער א יאָהר און זיי זאלען ווידער אזוי טאָן. דאָס געלד געהט דאָך אויף א דבר מצוה, אויף אויסהאלטען דעם בית־המדרש און דער גאָט וואָס וועט העלפען אויף אזוי פיעל, וועט העלפען אויף נאָך א פּאָר רובעל.

עס פלעגט פּאסירען, אז מען פלעגט די פּתיחה דנעילה אריינ־שטייגען אין פינף און צוואנציג רובעל און מעהר און דער קויפער איז שטענדיג געווען ר' בעריש.

און באצאָהלען פאר דער פּתיחה פלעגט ר' בעריש באלד מוצאי יום כפור, אפילו א טאָג ניט שפּעטער. אזוי האָט ער זיך נוהג געווען א יאָהר דרייסיג כסדר.

ויהי היום, ר' בעריש איז שוין דאמאָלט געווען א זקן אריי־בער זעכציג, איז ער געוואָרען א יורד. זיינע געשעפטען זיינען אוועק שלעכט און ער איז געפאלען פון טאָג צו טאָג אלץ ניעדעריי־גער און ניעדעריגער. אבער קיינער האָט דערפון ניט געוואוסט. דער געוועזענער שטאָלצער נגיד האָט געשטיקט דעם דלות און זיך און ער האָט אנגעווענדעט אלעס מעגליכעס, אז קיינער זאָל ניט ערפאהרען וואו ער האלט אין דער וועלט.

ער איז געקומען צו אזא מדרגה, אז ער האָט געמוזט משכנות פארזעצען, אום צו האָבען אויף חיונה. ער האָט די משכנות פארזעצט ביי באקאנטע פּריצים, אום די אידען אין שטעדטעל זאָלען זיך ניט דערוויסען פון זיין דלות.

עס איז געקומען אזוי ווייט, אז ער האָט געמוזט פאר'משכון'ען דעם זילבערנעם „שבת'ניק" און זיין ווייב שרה דבורה די נגידה האָט געמוזט בענשען ליכט אין אלטע מעשענע לייכטער.

ווען א שכנה האָט דאָס באמערקט און געפרעגט שרה דבורה'ן, וואו איהר זעלבערנער „שבת'ניק" איז? האָט זי געזאגט א תירוץ,

אז א רעהר האָט זיך אפּגעבראָכען און זי האָט איהם אוועקגעשיקט צו א גאָלד־שמיד פאַרריכטען.

עס איז שפּעטער געווארען נאָך ערגער און שרה דבורה האָט נעבאָך געמוזט פאַרזעצען איהרע פּערל. פּאר שכנות און באקאנטע האָט זי געזאגט א תירוץ, אז איהרע א שוועסטער איז געשטאָרבען און זי וויל ניט טראָגען קיין צירונג אין צייט ווען זי איז אין טרויער.

די געוועזענע עשירים האָבען זיך, ווי מען זאגט, געקנייפּט די באַקען, אום צו מאַכען א פאַרב, און זיי האָבען געשפּיעלט די זעלבע ראָלע, אזוי ווי אין די גוטע צייטען.

געקומען פאר יום־כפור איז ר׳ בעריש׳ן און זיין ווייב זעהר טרויעריג געווארען אויף די הערצער. זיי פלעגען זיך שטענדיג נוהג זיין צו שלאָגען כפּרות מיט אינדיקעס. אויסערדעם פלעגען זיי לאזען שעכטען היהנער און העהנער און עס אוועקגעבען אָרימע לייט און דאמאָלט האָבען זיי ניט געהאט קיין מראה מקום אפילו אויף א פּאָר ביליגע כפּרות פאר זיי אליין! הייגט פּאר נאַכט די „קערות" אין בית המדרש? ר׳ בעריש פלעגט אלע ערב יום כפּור אויסטיילען עטליכע רובעל אין זילבער און דאמאָלס האָט ער אפילו קיין קופּער געלד אויך ניט געהאט!

ארויסגעהן אין די עפענטליכקייט: איך בין א קבצן און איך דארף אליין אנקומען צו צדקה, דאס האָט ר׳ בעריש ניט געוואלט. דער טויט וואלט איהם ליבער געווען, איידער אזא זאַך. ער האָט געוואוסט, אז ר׳ משה דער שוחט, וועלכער קומט אלע יאהר ערב יום־כפּור בעלות הבקר צו איהם אין הויז קוילענען די כפּרות, אום צו מזכה זיין איהם, מיט דער מצוה פון „כסוי הדם", וועט דיזען ערב יום־כפּור אויך קומען, היינט ווי אזוי קען מען איהם זאגען: „ר׳ משה, מיר האָבען היינט קיין כפּרות!" דיזער געדאנק האָט ר׳ בעריש׳ן און זיין ווייב קיין רוה ניט געגעבען און זיי זייגען אומ־געגאנגען אזוי ווי אָהן קעפּ.

ענדליך האָט ר׳ בעריש אויפגעזוכט די לעצטע ביסעל זילבער, וואָס איז נאָך געווען אין הויז, האָט עס פאר׳משכון׳ט און איינ־געקויפט כפּרות אזוי ווי אלע יאהר, און עס איז נאָך אויך פאר־בליבען אביסעל געלד אויף טיילען אין די „קערות".

דער ערב יום כפור איז ביי ר׳ בעריש׳ן אוועק אזוי ווי אין די גוטע יאהרען און קיין זייטיגער מענש האָט ניט באמערקט איר־גענד וועלכע ענדערונג.

וואָס איז אבער מכח דער פּתיחה דנעילה? קען ער זיך אָפּ־זאָגען פון דיזער מצוה, אויף וועלכע ער האָט שוין דרייסיג יאהר חזקה? קען ער פּלוצלונג ארויסגעהן און זאגען: פארקויפט עס וועמען איהר ווילט, ווייל איך בין ניט פארמעגליך צו קויפען דאס? ער האָט זיך פארגעשטעלט, אז אויסרעדען די עטליכע ווערטער איז ביי איהם אזוי ווי איינגעמען סם המות און ער וועט באלד פאלען און שטארבען פון עגמת נפש.

אבער ער האָט קיין מיטעל און קיין האָפענונג געהאט אויס־צודרעהען זיך פון דער שרעקליכער פארלעגענהייט און ער האָט גאנץ יום כפור געוויינט און פארגאסען טייכען טרערען.

געקומען פאר נעילה, ווען מען האָט אנגעהויבען פארקויפען די פּתיחה, איז ר׳ בעריש געשטאַנען אויף זיין „שטאָדט" נעבען ארון הקודש מיט׳ן טלית איבער׳ן קאָפּ און מיט׳ן פּנים צום וואנד און האָט געוויינט אין דער שטיל. ער האָט געשלונגען די טרעהרען און קיינער האָט זיין געוויין ניט געהערט.

דער שמש האָט זיך געטאָן זיינס און אויסגערופען מיט א געצויגענעם טאָן:

— דריי רובעל פאר דער פּתיחה דנעילה!

— פינף רובעל פאר דער פּתיחה דנעילה!

— זעקס רובעל פאר דער פּתיחה דנעילה!

געהויבענע בעלי הבתים האָבען אזוי ווי אלע יום כפור גע־שטייגט, כדי ארויסצוציהען פון ר׳ בעריש׳ן נאָך א פּאָר רובעל. דער שמש האָט נאָר געוואָרפען בליקען אויף ר׳ בעריש׳ן, און אלעמענס אויגען זיינען אויך געווען געווענדעט אהין צום מזרח וואנד, וואו דער געמיינטער עושר איז געשטאַנען. אבער ר׳ בע־ריש האָט זיך ניט גערוהרט פון אָרט און איז געשטאַנען אונבאַ־וועגט אזוי ווי א סטאטוע.

— ער וועט מסתמא באלד ארויספאהרען מיט א גאנצען צעהנערעל — האָבען מאנכע בעלי הבתים נביאות געזאגט.

— און פאר וואס ניט מיט א פינף און צוואנציגער? — האָ־בען אנדערע באמערקט.

— ער רייצט זיך מיט זיי — האָבען נאָך אנדערע געזאגט — אבער ער וועט מיט אמאָל אויסשיסען אזא באמבע, אז זיי וועלען אלע צולויפען, וואו פעפער וואקסט. וואס דען, ר׳ בעריש וועט דורכלאזען די פתיחה?

די פתיחה האלט שוין צעהן רובעל, צוועלף רובעל, פופצעהן רובעל און ר׳ בעריש שווייגט אלץ. דער שמש קוקט, דער גאנצער עולם קוקט, אבער מען זעהט ניט און מען הערט ניט קיין ר׳ בעריש. ער שטעהט אלץ מיט׳ן טלית איבער׳ן קאָפּ און מיט׳ן פנים צום וואנד און איין קול ואין עונה.

ר׳ לייזער דער דין, וואס איז געזעסען נעבען ר׳ בעריש׳ן, האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען און ער האָט איהם א פרעג געטאָן:

— וואס שווייגט איהר, ר׳ בעריש?

— זאָל זיין הייגטיגס מאָל — האָט ר׳ בעריש געענטפערט מיט א האלב פארשטיקטען קול — זאל נאָך א איד פארזוכען דעם טעם.

— ער פראוועט קאטאוועס, דער אלטער — האָט ר׳ לייזער א זאָג געטאָן צו א בעל הבית.

— וואס דען? — האָט זיך יענער אבגערופען — ער וועט ארויספאהרען מיט אמאָל מיט א פינף און צוואנציגער און זיי וועלען זיך אלע אפטראגען.

— און אז עס זאל אפילו האלטען ביי פופציג, ביי הונדערט — האָט דער דין צוגעגעבען — וועט ער דען אבלאזען? וואס פאר א פראגע? מענשען מאכען זיך נאריש און שטייגען, ווייסען זיי דען ניט אז זיי וועלען ר׳ בעריש׳ן ניט אויסדינגען?

דער שמש שרייט ווייטער: פופצעהן רובעל פאר דער פתיחה דנעילה! זעכצעהן רובעל! זיעבצעהן רובעל! אבער ר׳ בעריש שטעהט אלץ מיט׳ן פנים צום וואנד און וואס ער טוט דאָרט ווייס קיינער ניט.

פלוצלונג האָט זיך דער אלטער אויפגעכאפּט אזוי ווי פון שלאָף. עפּעס א גליקליכער געדאנק איז איהם אריינגעפאלען אין

מח. ער האָט ארונטערגערוקט דעם טלית פון קאָפּ, האָט זיך אומ־געקערט מיט׳ן פּנים צום עולם, האָט געוואָרפען א פרעהליכען בליק אויפ׳ן שמש און א זאג געטאָן בקול רם:

— א ווילנער ש״ס, ראַגאַל, מכורך עור!

דער שמש האָט אויסגערופען מיט א געצויגענעם טאָן:

— א ווילנער ש״ס, ראַגאַל, מכורך עור פאר דער פתיחה דנעילה!

— איהר הערט, א ווילנער ש״ס, א ווילנער ש״ס! — האָט זיך דער עולם אנגעהויבען שושקען צווישען זיך.

דער שמש האָט דאס זעלבע אויסגערופען נאָך א פּאָר מאָל. קיינער האָט שוין אבער מעהר ניט געבאָטען און די פתיחה איז פארבליבען ביי ר׳ בעריש׳ן.

אויף מארגען, מוצאי יום כפור האָט מען דעם ש״ס אריינגע־טראָגען אין בית־המדרש מיט גרוים פאראד. ר׳ בעריש און זיין ווייב זיינען געגאנגען א קאזאצקע און זיך משמח געווען אויפ׳ן העכסטען שטייגער.

קיינער האָט ניט געוואוסט, אז דער ש״ס איז געווען דאס לעצטע, וואס איז ר׳ בעריש׳ן פארבליבען פון זיין אמאָליגען רייכטום.

סוכה,
אתרוג
און שמחת תורה

קהל אָהן אן אתרוג.

איין יאָהר איז געווען א יקרות אויף אתרוגים. ניט נאָר א יקרות, נאָר טאַקע א דוחק, א געוואַלדיגער דוחק, ממש פאַר געלד ניט צו קריגען.

אין ארץ ישראל און אין אנדערע מדינות, וואו אתרוגים וואַק־סען, איז יענעם יאָהר געווען זעהר א קליינע גערעטעניש אויף די דאָזיגע פּירות, און די ביסעל וואָס זיינען יא אויסגעוואַקסען, זיי־נען געווען פאַרפלעקטע, פאַרדאַרבנע און צוגעפוילטע.

פון מהודרים איז יענעם יאָהר געווען אָפּגערעדט.

עפּעס אזוי ווי דער ימח שמו'ניק דער שטן, זאָל עס האָבען אונטערגעשטעלט א פּיסעל, אז אידען זאָלען ניט קענען מקיים זיין די גרויסע מצוה פון אתרוג ווי געהעריג איז.

אין לאַפּינישאַק, א קליין שטעדטעל אין דער ליטא, האָט דער דוחק אויף אתרוגים געמאַכט א געוואַלדיגען רושם — א רושם וואָס קען עד היום ניט פאַרגעסען ווערען.

ווי די אידישע געמיינדע פון לאַפּינישאַק איז קליין און אָרעם, דאָך האָט זי אַלע יאָהר געהאַט עטליכע אתרוגים. אין גוטע יאָה־רען, ווען דיזער מין איז געווען ביליג, האָט די שטעדטעל אויף סכות געהאַט מינדסטענס א צעהנדליג אתרוגים. בסדר: דער רב, אפילו א גרויסער קבצן געווען, פון דעסטוועגען האָט ער שטענדיג געקויפט אַן אתרוג פאַר זיך. דער דין מיט זיינע איידעמס האָבען ווידער געהאַט אַן אייגענעם אתרוג. ר' יאָסיע דער שענקער, איי־נער פון די שעהנסטע בעלי הבתים און זעהר אַן אָנגענומענער מענש אין שטאָדט, פלעגט זיך אויך נוהג זיין צו קויפען אליין אַן אתרוג. שמחה פּיפּאַטש, א רייכער, געוועזענער בעל עגלה, האָט אויך אַלע יאָהר אויסגעגעבען א רובעל אָדער צוויי אויף אַן אתרוג, פיליכט ניט אזוי צוליב דער מצוה, ווי כדי צו ציינען אין בית המדרש זיין זילבערנע אתרוג־פושקע און דערצעהלען אַלעמען, אז ער האָט זי געקויפט אין סאַמע וואַרשא און פאַר איהר באַצאָהלט אזוי פיל און אזוי פיל. היינט פלעגען אָרימערע בעלי הבתים

קויפען אתרוגים בשותפות, און חוץ דעם האָט דער בית המדרש, וועלכער איז געווען דער איינציגער אין שטעדטעל, שטענדיג גע־האָט אַ קהל'שען אתרוג.

אין יענעם יקרות־יאָהר אָבער האָט זיך אזוי געמאַכט, אַז לאַ־פּינישאַק'ער קהל איז אין גאַנצען פאַרבליבען אָהן אַן אתרוג.

ברוך דער סופר, וועלכער פלעגט אַלע יאָהר צושטעלען אתרוגים פאַר'ן שטעדטעל און פאַר די ישוב'ניקעס פון די ארומיגע דער־פער, האָט נאָך פאַר ראש השנה געוואוסט פון דעם גוואַלדיגען יקרות. ער האָט געשריבען צו זיין סוחר קיין ווילנא, אַז ער זאָל פאַר איהם אָפּלעגען אַ געוויסע צאָהל אתרוגים מהודרים, און יענער האָט איהם געענטפערט, אַז אויב ער וויל האָבען סחורה פון ער־שטען זאָרט, וועט עס איהם אַליין קאָסטען ניט ווענינער ווי פופ־צעהן רובעל אַ שטיק. וויפיל אתרוגים אזוי פיל פופצעהנער רו־בעלס, און דאָס אויך, מוז ער דאָס געלד ארויסשיקען פאָראויס, טאַקע באַלד; ווען ניט וועט ער גאָר קיין סחורה ניט קריגען.

פופצעהן רובעל אַ שטיק! ניט פאַר ברוך דעם סופר גע־דאַכט און ניט פאַר גאַנץ לאַפּינישאַק געדאַכט.

ברוך דער סופר איז געווען פון די, וואָס האָבען אַ סך מלאכות און ווענינ ברכות. ער איז געווען אי אַ סופר, אי אַ שדכן, אי אַ שטיקעל מגיד; האָט פאַרקויפט ציצית, „בענטשערלאַך", הבדלות, „שיר המעלות'ן" און האָט אויך צוגעהאַנדעלט מיט לאָטערי צעט־לאַך. אָבער פון די אַלע פּרנסות איז ער געווען אַן עני ואביון. וויפיל פּרנסות ער האָט געהאַט, אזוי פיל מאָל אין טאָג איז ער פון הונגער געשטאָרבען. די בעסטע שטיקעל צייט האָט ער געהאַט סכות פון די אתרוגים. פון דיזען מסחר פלעגט איהם אראָפּפאַלען אויף יום טוב הוצאות, אויף אַ שטיקעל ווינטערדיגען בגד פאַר איהם, פאַר זיין ווייב אָדער פאַר אַ קינד און אָפטמאָל אויף אַ ווע־געלע האָלץ אויך. די תשובה פון דעם ווילנע'ר סוחר האָט איהם דארום שטאַרק וועה געטאָן און ער איז זעהר פאַרצווייפעלט געווען.

ברוך האָט דעם בריף פון ווילנא געבראַכט אין בית המדרש און עס געצייגט דעם רב און בעלי חבתים. געוועהנליך, האָבען מאַנכע געענטפערט דעם סקאַרבאָווען תירוץ: „אַז עס איז ניטאָ קיין אתרוג, בענשט מען ניט". אַנדערע האָבען אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנד: „וואָס עס וועט זיין מיט כל ישראל, וועט זיין מיט ר'

ישׂראל״. אַ פּאָר בעלי הבתים ווידער, וואָס האָבען געהאַט אַ ידיעה אין מסחר, האָבען ערקלערט, אַז די גאַנצע מעשה מיט דעם יקרות אויף אתרוגים איז אַ ליגען, אַז דאָס סטראַשען נאָר די גרויסע סוחרים, כדי צו ציהען אַ הויכען פּרייז און זיי וועלען זיך נאָך שפּעטער בעטען מען זאָל ביי זיי די סחורה צונעהמען.

די זאַך איז פאַרבליבען ביים אַלטען און קיינער האָט זיך וועגען דעם ניט געקימערט.

ברוך דעם סופר איז עס אָבער גוט געלעגען אין קאָפּ. ער האָט געוואוסט, אַז אָן דעם פאַרקויף פון אתרוגים הענגט אָפּ אַ טייל פון זיין חיונה און ער האָט ניט געקענט רוהען. ער האָט פּרובירט שרייבען צו אַן אַנדער אתרוג־הענדלער און יענער האָט איהם געענטפערט, אַז קיין מובחרים וועט ער ניט קריגען, אפילו ווען ער צאָהלט צו הונדערט רובעל אַ שטיק. אויב ער וויל סתם אתרוגים, וועט ער ביי איהם קריגען אַ קליינע צאָהל, ווען ער וועט באַצאָהלען מזומן צו צוועלף רובעל אַ שטיק.

האָט ער געשריבען צו נאָך אַ פּאָר סוחרים אין אַנדערע שטעדט און יענע האָבען איהם אויך אַן עהנליכען אַנטוואָרט געגעבען, מיט אַ באַמערקונג אַז זיי האָבען זעהר ווייניג סחורה, וכל הקודם זכה — ווער עס וועט אַריינכאַפּען וועט האָבען.

דערווייל איז שוין ערב יום כפור און קיין אָנפאַנג פון אתרוגים איז נאָך ניטאָ.

דער אָרימער סופר איז געקומען צום רב און איהם דערצעהלט וואו עס האַלט.

דער רב האָט פאַררופען אַן אספה און ערקלערט פאַר די בעלי הבתים, אַז מען טאָר אין דעם ניט שלאָפען אַז מען טאָר ניט אוועק־מאַכען מיט דער האַנד אזא מצוה, אָן וועלכע אַלע תרי״ג מצוות זיינען אָנגעהאַנגען, און מען דאַרף זעהן, אַז קהל זאָל חלילה ניט פאַרבלייבען אָהן אַן אתרוג.

אייניגע פון די בעלי הבתים גבוהים האָבען געשלאָסען שותפות אויף איין אתרוג מען האָט אויך באַשטימט צו קויפען נאָך אַן אתרוג פאַר׳ן גאַנצען קהל און ברוך דער סופר האָט געקראָגען אַן אָרדער, אַז תיכף מוצאי יום כפור זאָל ער פאָהרען אין דער נעהנט־סטער גרויסער שטאָדט און איינקויפען די צוויי אתרוגים, אויב ניט קיין מהודרים, זאָלען זיי כאָטש זיין אזוי כשר׳ע.

ברוך איז געפֿאָהרען, אָבער ביז ער איז אַהין געקומען, האָט ער שוין קיין אתרוג ניט געקענט קריגען אפילו אויף אַ רפואה, און ער איז צוריקגעקומען מיט לעדיגען.

דערווייל איז שוין אַ טאָג פֿאַר ערב סכות און דער חלף ליגט שוין ממש אויפ'ן האַלז.

האָט מען זיך אין לאַפּינישאַק דערוואוסט, אַז אין טאַרבאַ־נאַווקע, אַ פּיצינקע שטעדטעלע און אַ נאָהענטע שכנה פון לאַפּי־נישאַק, זיינען פאַראַן צוויי אתרוגים. איינעם האָט קהל געקויפט און דעם צווייטען האָט מען אַ בעל הבית צוגעשיקט פון סאַמע מקום, פון ארץ ישראל גופא. זיינען זיך מיישב דער רב מיט בעלי הבתים און מען שיקט אוועק אַ שליח מיוחד קיין טאַרבאַנאַווקע צום דאָרטיגען רב, אַז ער זאָל דאָרט זעהן פּועל'ן ביי'ם בעל הבית, אַז ער זאָל זיין אתרוג אָפּלאָזען פאַר'ן לאַפּינישאַקער קהל און זיי וועלען דאָרט אויסקומען מיט איין אתרוג. אידען דאַרפען ניט פֿאַרלאָזען איינע די אַנדערע און בשעת הדחק דאַרף מען זיך מיטלען ווי מען קען.

איז אָבער יענער טאַרבאַנאַווקער בעל הבית מיט'ן אתרוג געווען אַ מלוה, אַ פּראָצענטניק און אַ גרויסער ליבהאָבער אויף געלד. האָט ער זיך ניט געפּוילט צו זינגען פאַר זיין אתרוג פופ־ציג רובעל. ער האָט געוואוסט, דער איד, אַז מען מוז צו איהם אָנקומען, אַז מען האָט קיין אַנדער ברירה ניט און ער האָט גע־וואָלט „רייסען אַ פּאַס". ער האָט אריינגעלעגט די טומאה אין דער יראה. ער האָט ערקלערט, אַז די ערשטע ברכה אויפ'ן אתרוג, די נענועים און די הקפות, זיינען ביי איהם פאַרשאַצט אין הונ־דערטער, אָבער אַזוי ווי עס איז אַן עת צרה און אַן עדה אידען קען, חס ושלום, פאַרבלייבען גאָר אָהן אַן אתרוג, וועט ער אַ טובה טאָן דער שטאָדט און וועט זיין אתרוג אַוועקגעבען פאַר אַ פופ־ציגער.

דער שליח האָט געבראַכט די דאָזיגע תשובה און אין שטאָדט איז געוואָרען חושך. פופציג רובעל פאַר לאַפּינישאַק, איז אַן עולם ומלואו! וואו וועט עס לאַפּינישאַק נעהמען אַזאַ גרובע געלד?

דערווייל איז שוין ערב סכות און מען קען שוין דעם ענין מעהר ניט אָפּלעגען. דער רב האָט ווידער פאַררופען אַן אספה

און מען האָט זיך אָנגעהויבן בּאראַטען וואו צו נעהמען געלד אויפ'ן אתרוג.

און עס איז באשלאָסען געוואָרען, אז מען זאָל פאַרקויפען כיבודים. דער רב אליין האָט זיך מתחיב געווען צו געבען גאנצע דריי רובעל פאַר דער ערשטער ברכה אויפ'ן אתרוג. יאָסיע דער שענקער האָט געגעבען א דרייערעל פאַר די נענועים פון ערשטען טאָג סכות. שמחה פּיפּאַטש האָט אָפּגעקויפט די ערשטע הקפה. ווייטער האָט מען פאַרקויפט די נענועים מיט די הקפות פון די איבעריגע טעג, וועלכע האָבען אויך אריינגעבראַכט עטליכע רובעל, און ועל כולם האָט מען פאַר'ן פּיטום אפּגעלייזט א גאנצען צעה־נעריל.

חנה דבורה די שניט קרעמערקע האָט דעם פּיטום אפּגעקויפט פאַר איהר בת יחידה צירעלע, וועלכע איז געווען „אויף דער צייט" מיט איהר ערשטען קינד. צוויי טעכטער זיינען ביי חנה דבורה'ן, ניט פאַר קיינעם גערדאכט, געשטאָרבען פון „שווערע האָבענס" און צירעלע איז ביי איהר פאַרבליבען איין אויג אין קאָפּ. זי האָט שטאַרק מורא געהאַט אז מיט דער „ערשטלינג" זאָל חלילה אויך אַן אונגליק ניט טרעפען און זי האָט זיך באַווארענט מיט קמעות און סגולות, און ווער ווייס עס ניט, אז אפּבייסען דעם פּיטום פון אַן אתרוג איז א סגולה בדוקה ומנוסה צו א „גרינג האָבען"? חנה דבורה האָט דאָרום דעם פּיטום פאַראויס אָפּגעקויפט, ווייל ער וועט דאָך זיין דער איינציגער אין שטאָדט און זי האָט מורא געהאַט, אז אימיצער זאָל איהם ניט אויסכאַפּען.

ביז די אַלע מסחרים זיינען אָפּגעמאַכט געוואָרען איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבען טאָג. מען האָט די עטליכע רובעל צו־זאמענגענומען און די איבעריגע וואס האָט נאָך געפעהלט האָט דערווייל א בעל הבית אויסגעליגט און מען האָט עס צוזאַמען מיט א בריוועלע אוועקגעשיקט דורך א גוי צום טאַרבאַנאָווקער מלוה, ער זאָל מיט'ן שליח שיקען דעם אתרוג. קיין אידען האָט מען ניט געקענט שיקען, ווייל עס וואלט איהם שוין אויסגעקומען צו מחלל יום טוב זיין צוריקוועגס.

נאָך מעריב האָט זיך אַן עולם פאַרזאַמעלט צום רב און מען האָט געוואַרט ביז דער גוי וועט ברייננען דעם אתרוג. אבער דער שליח האָט זיך פאַרשפּעטיגט און דער עולם איז שטאַרק אומרוהיג

געווארען. א גוי א חזיר, איז אפשר ערגיץ אריין אין א קרעטש־מע שכור'ן, און ער האט דעם אתרוג פארלארען! אדער אפשר האט עס אימיצער ביי איהם גע'גנבע'ט! ווער וויים, וואס עס קען פא־סירען?

ענדליך איז דער שליח געקומען. דער רב האט מיט ציטערנ־ענדע הענד גענומען פאנאנדער בינדען דאס פעקעלע וואס דער שליח האט געבראכט און אלע האבען אונגעדולדיג אויסגעקוקט צו זעהן וואס פאר א מין הדר דער פערציג רובעלדיגער אתרוג איז אבער א קלאג א יאמער! מען האט דעם אתרוג געפונען א צו־דריקטען, ממש צושפאלטען אויף צווייען. מאכט מען דאך קולות: „מיכאלקא, וואס איז דאס?" ענטפערט ער, אז ער איז געווען צי־קאווע צו וויסען וואס דער איד פון טארבאנאווקע האט מיט איהם געשיקט, האט ער אויפגעבונדען דאס פעקעלע און די „זאך" א טאפ געטאן — א שעהנער טאפ איז עס געווען!

טענה'ט מען מיט איהם: „סטייטש, גזלן, רוצח, דו האסט דאך אפגעקוילעט א שטאדט מיט מענשען!" לייגט ער א צלם אויף א צלם, אז ער האט די „זאך" ניט פארזוכט, אפילו א לעק ניט געטאן און אויף זיינע הענד איז קיין חזיר ניט געווען און עס איז „קאשיר" (כשר). היינט געה טענה זיך אוים מיט א גוי'אישען קאפ! געה גיב צו פארשטעהן א בורילא וואס אידישקייט איז!

שריי היינט, שריי מארגען, פארפאלען!

און קהל איז געבליבען אהן אן אתרוג, ברוך דער סופר אהן א פארדינסטעל, דער רב אהן דער ערשטער ברכה, יאסיע דער שענקער אהן נענועים, שמחה פיפאטש אהן הקפות און צירעלע חנה דבורה'ס אהן א פיטום...

געקידנעפּט אין סוכה.

דאָס איז געווען דעם ערשטען טאָג סכות פאַרטאָג, ווען שמואל דער מלמד איז פארשוואונדען געווארען פון סוכה, וואו ער איז גע־שלאָפען, און דאָס האָט פאראורזאכט א גרויסע מהומה אין לאַ־פּינישאק.

שמואל דער מלמד איז געווען באקאנט אין שטעדטעל אונ־טער די נעמען „שמואל הקטן" אדער „שמואל טל ומטר". מען האָט איהם אזוי גערופען, ווייל ער איז געווען זעהר א קליין גע־וויקסיגער, א מין קארליק.

אויסערדעם וואס ער איז געווען נידעריג אין וואוקס, איז ער אויך געווען מאָגער, אויסגעדארט אזוי ווי א שפּאָן, ממש הויט און ביינער. ער איז געווען ניט נאָר דער קלענסטער איד אין לאַ־פּישינאק, זאָנדערן פאר צעהנדליגע מיילען ארום האָט מען אזא קליין אידעלע ניט געזעהן. פרעמדע מענשען, וואס פלעגען קו־מען אין לאפּישינאק, פלעגען אויף חידושים געהן אָנקוקען דעם טשיקאַווען מלמד'ל, וועלכער איז כמעט ניט געווען גרעסער פון זיינע דרדקי תלמידים.

ער איז שוין געווען א מאַן אין יאָהרען, אבער דאס האָט מען נאָר געקענט דערקענען, ווען מען האָט געזעהן זיין האַלב גראָהע פּיצינקע און שמאָלע בערדיל. האָט מען אָבער אויף איהם געקוקט פון הינטען, האָט ער אויסגעזעהן ווי א קינד, ווי א אינ־געלע וואס לערענט ביי זיין ערשטען מלמד. עס האָט דאריבער מעהרערע מאָל פּאסירט, אז א בעל הבית האָט איהם אין בית המדרש הינטען ארום אָנגעדרעהט פאר'ן אויער פאר ניט ענטפערען „ברוך הוא וברוך שמו" און „אמן" אויפ'ן קול, ווייל ער האָט איהם אָנגענומען פאר א חדר אינגעל, פאר א ווייסען חברה'ניק, וואס וויל ניט ענטפערען „ברוך הוא וברוך שמו" און „אמן" ווי געהעריג איז.

„שמואל הקטן", פלעגט מען דערצעהלען, האָט דוקא ניט גע־שטאַמט פון קליין געוויקסיגע עלטערען. זיין מאַמע איז גראדע גע־

ווען א הויכע אידענע און מען האָט זי גערופען „פּעסיע די לאַנגע". דער פאָטער זיינער איז אויך געווען א איד פון העכערען וואוקס. ווי אזוי זשע איז דאָס געקומען וואס שמואל איז געווען אזא קליינ־טשיגס? האָט מען דערצעהלט אזא מעשה: אזוי ווי פריהער האַ־בען זיך ביי פּעסיע דער לאַנגער, ניט פאר קיינעם גערדאכט, ניט געהאָדעוועט קיין קינדער, איז בעת זי איז מעוברת געווארען מיט איהם, מיט שמואל'ן, איז זי געפאהרען צו א גרויסען בעל שם ער זאל איהר בענשען אז איהר קינד וואס דארף געבארען ווערען זאל זיך אויסהאָדעווען בשלום. האָט אָבער דער בעל שם מיט זיינע ליכטיגע אויגען געזעהן, אז דאָס קינד וואס ליגט ביי איהר אונטער'ן הארצען האָט א שייכות מיט'ן מזל מאדים און וועט זיין א גזלן. האָט ער דארויף מתפלל געווען און עס איז ארויס־געקומען א „שמואל הקטן" אדער „שמואל טל ומטר", און ווי האָט אזא קליינע און שוואכע בריאה'לע געקענט זיין א גזלן? איז ער טאקע געווען א דרדקי מלמד.

חוץ זיין קליין געוויקסיגקייט, מאָגערקייט און שוואכקייט האָט „שמואל הקטן" געהאט נאָך א מעלה: ער איז געווען א װעלטענער „פּעפּער" און ער פלעגט אפטמאָל אנטשלאָפען ווערען אין מיטען דאוונען, אין מיטען עסען און אין מיטען לערנען מיט די קינדער. און א הארטען שלאָף האָט ער געהאט, זאל ער שומר ומציל זיין. ווען ער איז געשלאָפען האָט מען איהם געקענט טרו־בען אין אויער, שיסען מיט הארמאטען האָט ער ניט געהערט, און ווען מען זאל איהם ניט אויפרייסען פון שלאָף, האָט ער געקענט אָפּשלאָפען דריי מעת לעת נאָכאנאַד, אזא טבע האָט ער געהאט.

ביי זיין ווייב, צירעל די געלע, איז „שמואל הקטן" געווען זעהר טייער. אין די אויגען און אונטער די אויגען פלעגט זי איהם רופען „מיין שמואלקע" און זי פלעגט איהם אָפּהיטען אזוי ווי אן אויג אין קאָפּ. ווען עס פלעגט קומען צו רייד, פלעגט צירעל זא־גען: „איך וואלט מיין קליינטשיקען ניט געביטען אויף צעהן גרויסע. א דימענט איז קליין אָבער ער איז טייער. וואס ווייסט איהר וואס פאר א טייערער מענש ער איז, אָט דער טל ומטר'ל, ווי איהר רופט איהם! מיר זאָלען זיך נאָר, רבונו של עולם, עלטערען אין א גוטען אופן."

„שמואל הקטן" איז געווען א פרומער איד, א גרויסער מדקדק

במצוות און פלעגט אָפּהיטען אַלע דינים און מנהגים מיט אַלע פּישצעווקעס. א שטיקעל כאַלופּקע האָט ער געהאַט, פלעגט ער ביים כאַלופּקע אַלע פאַר סכות אויפשטעלען א סוכּה פון אַלטע ברעטער. דאָס פלעגט איהם אפילו זעהר שווער אָנקומען, אָבער ער האָט שטענדיג געוואָלט האָבען אַן אייגענע סוכּה, אום מקיים צו זיין די מצוה ווי געהעריג איז. אין א פרעמדע סוכּה קען מען ניט אויספיהרען אַלעס וואָס מען וויל, אָבער ביי זיך אין דער היים קען טאַקע די סוכּה זיין א דירה קבע. מען קען דאָרט שלאָפען, אומשפּאַצירען און טאָן אַלעס ווי דער דין איז. און ער פלעגט טאַקע שטענדיג שלאָפען אין סוכּה, סיידען ווען עס איז געווען א רעגען, וואָס מען איז על פּי דין פּטור פון סוכּה.

יענע ערשטע נאַכט פון סכות, ווען אונזער געשיכטע האָט פּאַסירט, איז געווען זעהר א קאַלטע. צירעל די גאַלע האָט פאַר איהר „שמואל'קען" געמאַכט א גוטען געלעגער אין סוכּה און איהם געגעבען א פּערענע אויף צודעקען זיך. פאַרטאָג האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, האָט גענומען אויף זיך א פּאַטשיילע און איז געגאַנגען אין סוכּה זעהן ווי איהר מאַן שלאָפט. ער האָט דאָך א האַרטען שלאָף, קען אפשר זיין אַז ער האָט זיך אָפּגעדעקט און ער קען זיך נאָך חס ושלום פאַרקיהלען. ווען זי איז אריין אין סוכּה האָט זי דערזעהן, אַז עס איז דאָרט ניטאָ, ניט „שמואל'קע", ניט זיין הלבשה און ניט די פּערענע, מיט וועלכע ער האָט זיך צוגעדעקט, און נים די קישען וואָס ער האָט געהאַט צוקאָפּענס. זי איז געוואָרען אַן אויפגעציטערטע און האָט געמאַכט א געוואַלד. שכנים זיינען צוזאַמענגעלאָפען און עס איז געוואָרען א גרויסע מהומה.

עס איז באַלד געוואָרען א גאַנצע טרעוואָגע אין שטעדטיל. מען איז געלאָפען מען האָט געזוכט, מען האָט זיך נאָכגעפרעגט, אָבער מען האָט קיין שפּור געפונען צום פאַרשוואונדענעם און צו די בעטגעוואַנד וואָס זיינען מיט איהם צוזאַמען פאַרשוואונדען געוואָרען. צירעל האָט געיאָמערט: „מיין טייערער שמואל'קע", די קינדער האָבען געוויינט: „טייערער טאַטעלע" און זיי האָבען זיך געריסען די האָר און זיך געקלאַפּט קאָפּ אָן וואַנט און עס האָט זיך געטאָן חושך.

דאָס פאַרשווינדען פון „שמואל הקטן" אום יום טוב און צוזאַמען מיט די בעטגעוואַנד איז געווען א זאָנדערבאַרע, אונ־

ערקלעהרליכע רעטענים, און דאָס גאנצע שטעדטיל איז געגאנגען באָדאָרם. פיעלע אידען זיינען גאר יענעם ערשטען סכות אין דער פריה ניט געגאנגען אין בית המדרש דאווענען, ווייל זיי זיינען אומגעלאָפען אין שטאָדט און אויסער'ן שטאָדט זוכען דעם פאר־שוואונדענעם. די וואס זיינען געקומען אין בית המדרש האָבען געהאלטען אין איין רעדען, אין איין דעבאטירען, אין איין זאָגען השערות וועגען די זאָנדערבארע פאסירונג און וועגען דאווענען האָט מען גאָר ניט געטראכט ביז דער רב האָט אָנגעהויבען שרייען, אז מען מוז זיך שטעלען דאווענען, ווייל מען וועט עובר קריאת שמע זיין.

אצינד וועלען מיר לאזען „שמואל הקטן" וואו ער איז געווען און מיר וועלען אייך באקאנט מאכען מיט נאָך צוויי פארשוינען, וואס האָבען געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין דער געשיכטע, דיזע צוויי פארשוינען זיינען געווען, להבדיל אלף הבדלות, איוואנקא זלאָדעי (גנב) און מיכאלקא דער מילנער.

* * *

איוואנקא זלאָדעי איז געווען אן אויסגעדינטער ניקאָלאיעוו־סקי סאלדאט. ער איז געווען פּונקט דער היפוך פון „שמואל הקטן" להבדיל. אקוראט אזוי ווי דער ערשטער איז געווען בא־ריהמט מיט זיין קליינעם געוואוקס, איז דער צווייטער געווען בא־ריהמט מיט זיין הויכען און גרויסען וואוקס. „שמואל הקטן" איז געווען דער קלענסטער אידעלע אין דער סביבה און איוואנקא, להבדיל איז געווען דער גרעסטער גוי אין לאפּינישאָק און אומ־געגענד.

איוואנקא זלאָדעי איז ניט געווען פון די ריכטיגע גרויסע גנבים. זיין הויפּט עובדא איז געווען צו הייצען די באָד און דינגען די אידען פון לאפּינישאָק אלס שבת גוי. דערצו פלעגט ער אָפּט־מאָל צוהאקען א וועגעלע האָלץ ביי א בעל הבית און פארדינען עטליכע כשר'ע קאָפּיקעס, נאָר אז עס פלעגט זיך איהם מאכען צו דער האנד, פלעגט ער גנב'ענען. קיין איינברעכער איז ער ניט גע־ווען. קיין פערד פון שטאלען פלעגט ער אויך ניט גנב'ענען, ווייל ער איז ניט געווען קיין קינסטלער אין דיזען פאך, ניט קיין ריזי־קאנט און ער האָט זיך ניט געוואָלט איינשטעלען אין סכנה.

זיין „ספעציאליטעט" איז געווען אין ארונטערנעהמען שטיק־

לאך וועש, וואס באַלעבאסטעס פלעגען ארויסהענגען צום טרו־קענען; „צוציהען" עפּעס א כלי אדער אן אנדער זאך וואס מען פלעגט פאַרגעסען דרויסען, אוועק׳לקח׳ענען א לעפעל, א מעסער אין די הייזער וואו ער פלעגט קומען הייצען די רהובע און דאס גלייכען. מעהר ווי דאָס האָט ער ניט געקענט.

סכות פלעגט איוואנקא אלע נאכט מאכען א שפּאציר איבער די סכות, און האָט ער ערגעץ געפונען א טישטוך אויף א טיש אָדער אן אַנדער חפץ, האָט ער עס צוגענומען. קיין לייכטער פלעגט מען ניט איבערלאָזען אין סוכה, און האָט ווער פארגעסען א לייכטער אין סוכה, איז געווען איוואנקא׳ס מזל און ער פלעגט עס שוין אויפראַמען.

פון זיינע גנבות פלעגט איוואנקא קיין קרן ניט מאכען. ער פלעגט זיי פארקויפען פאַר א קלייניגקייט און דאָס געלד פאַר־שכור׳ען. אדער ער פלעגט זיי איבערלאזען אין שענק גופא פאר א טרונק בראַנפען.

עד כאן איז מכח איוואַנקא זלאָדעי. אצינד וועלען מיר אייך אפמעלדען מיכאלקא דעם מילנער.

מיכאלקא דער מילנער האָט געהאלטען א ווינט־מיהל הינטערן שטעדטיל. ער איז געווען רייך און געפיהרט די ראלע פון א שטי־קעל פּריץ, אבוואהל ער איז געווען א פּראסטאק און האָט געשטאמט פון איינפאכע דארפישע פּויערים. מיכאלקא איז ניט געווארען קיין עושר פון די מיהל וואס ער האָט געהאלטען, נאָר דערפון וואס ער פלעגט האנדלען מיט גנבות. די מיהל איז ביי איהם גע־ווען א ביי־זאך אדער ער האָט זי געהאלטען בלויז לפּנים, אום זיי־נע גנבה׳שע עסקים זאלען זיך ניט אזוי ווארפען אין די אויגען.

מען פלעגט דערצעהלען, אז אונטער זיין וואהנונג און אונ־טערן מיהל זיינען פאראן הייהלען און סקליעפּעס, וואו ער באהאלט די גנבות וואס מען ברייננט איהם פון פיעלע מיילען ווייט. מען האָט איהם שוין אפילו אמאָל ארעסטירט און מען האָט געמאכט אן אונטערזוכונג אין זיין הויז, אבער מען האָט קיין זאך געפונען און מען האָט איהם פריי געלאָזען. געזאגט האָט מען, אז דער אוריאדניק מיט׳ן פריסטאוו זיינען געווען „פארשטאָכען", דערי־בער האָבען זיי ניט גוט געזוכט; ווען אבער זיי וואלטען ריכ־טיג געזוכט, וואלטען זיי געפונען א סך גנבות און אויך די חפצים

וואס מען האָט טאַקע אין יענער צייט גע׳גנב׳עט פון לאַפּינישאַקער קלויסטער.

אצינד, אז איהר ווייסט שוין אויך ווער מיכאלקא איז געווען, קעהרען מיר זיך צוריק אום צו אונזער געשיכטע.

* * *

ווען מען האָט אין בית המדרש געהאַלטען הלל פּונקט ביי די נענועים, איז יואל דער שניידער, „שמואל הקטן׳ס״ א נאָהענטער קרוב, וועלכער איז ניט געגאַנגען דאַווענען, ווייל ער איז ארומגעלאָפען זוכען דעם פארשוואונדענעם, אריינגעלאָפען אין בית המדרש א פארסאָפּעטער, קוים כאַפּענדיג דעם אָטעם, און האָט דערצעהלט אזא מעשה:

„מיין שמואל איז שוין דאָ, אָבער ניט קיין לעבעדיגער, נאָר א טויטער. איוואַנקא זלאָדעי האָט איהם גע׳הרג׳עט און אונטערגעוואָרפען דעם בר־מנן הינטער מיכאלקא דעם מילנער׳ס הויז. מיכאלקא האָט עס געמעלדעט צום פּריסטאַוו און מען האָט שוין אי־וואַנקא זלאָדעי געכאַפּט און מען פיהרט איהם אהין געשמידט אין קייטען.״

דערהערענדיג אזא מעשה, איז אין בית המדרש געוואָרען א געוואַלדיגער גערודער. וואו הלל? וואָס הלל? וואו נענועים? וואָס נענועים? דער עולם האָט פון זיך ארונטערגעוואָרפען די טליתים, מען האָט אוועקגעלייגט די אתרוגים מיט די לולבים און מען האָט זיך אלע ווי איין מענש געלאָזט לויפען הינטער׳ן שטאָדט צו מיכאלקא׳ס מיהל. אלע ווייבער פון עזרת נשים האָבען אויך אוועקגעלייגט זייערע מחזורים, סדורים און תחינות און האָבען זיך געלאָזט לויפען נאָך די מענער. בלויז די אלטע און שוואַכע וואָס האָבען קיין כח ניט געהאַט צו לויפען זיינען ניט מיטגעלאָפען, אָבער זיי זיינען אויך ניט פארבליבען אין בית המדרש און זיי זיינען ארויס אין גאַס, פיליכט וועלען זיי כאָטש זעהען ווי מען פיהרט דעם גזלן.

צירעל די נעלע מיט די קינדער האָבען אלעמען איבערגעיאָגט און זיינען געלאָפען פאראויס. זיי האָבען געוויינט, געשריען, און זייערע קולות האָבען דערגרייכט עד לב השמים.

נישטאָ שוין מיין שמואל׳קע! — האָט די פרוי פארצווייפעלט געשריען — מיין קרוין פון מיין קאָפּ האָב איך פארלאָרען!

א קלאָג איז מיר, א בראָך איז מיר, וואס וועל איך איצט, אן עלענ־דע, וויסטע אלמנה טאָן ?

— טאַטעלע, טאַטעלע ! — האָבען די קינדער געיאָמערט — מען האָט דיך גע׳הרג׳עט, ניכאַי וואלט מען בעסער אונז גע׳הרג׳עט איידער דיר !

און זייטיגע מענשען האָבען, קוקענדיג אויף זיי, געבראָכען די הענד און מיטגעוויינט און שטאַרק באַדויערט די נייע אלמנה און יתומים.

— ער, זאל ער מוחל זיין — האָט איינער לויפענדיג געזאָגט צו אן אנדערען — האָט עפּעס פיל געדאַרפט האָבען ? מיט איין קלאַפּ האָט דאָך איהם דער גזלן דער׳הרג׳עט. א שפּאַס איז עס, אזא געזונטעניש, אזעלכע לאַפּעס ווי קלעצער וואס ער האָט ? מיט איין פינגער קען ער דאָך צוקוועטשען אזעלכע צעהן שמואל הקטן׳ס.

— שמואל, עליו השלום, איז דאָך אנטקעגען דעם גזלן געווען אזוי ווי א פליג אנטקעגען א העלפאַנד — האָט אן אנדערער באַ־מערקט — איך גלויב, אז ער האָט געהאַט א לייכטען טויט.

— מילא, איהם איז שוין איצט געווים לייכטער. א סוף, גע׳פּטור׳ט די נארישע וועלט ; אבער וואס וועלען נעבאָך די אלמנה און די יתומים טאָן ? — האָט זיך א פּרוי אָפּגערופען.

— אזוי גוט איז איהם, אזוי וואויל איז איהם — האָט אן אנדער אידענע באַמערקט — ער האָט געהאַט די זכיה צו שטאַר־בען אין סוכּה.

— מען האָט דעם מערדער, דעם איוואַנקא זלאָדעי, געדאַרפט צורייסען אויף שטיקער ! — האָט א דריטע אויסגעשריען — וואָס האָט ער געהאַט צו דעם אָרימען שוואַכען שמואל נעבאָך ?

— אָדערען האָט מען איהם געדאַרפט ציהען איינציגווייז — האָבען איינינע מיט אמאָל אָפּגעענטפערט.

מיט אזעלכע און ענליכע שמועסען איז דער עולם געקומען צום פּלאַץ. דער אוריאַדניק, דער פּריסטאַוו און עטליכע דעסיאַט־ניקעס וואס האָבען געפיהרט איוואַנקא זלאָדעי די הענד געבונ־דען אויף הינטען, זיינען אויך אהין אָנגעקומען. אלע האָבען זיך געלאָזט לויפען צום פּלאַץ וואו מיכאַלקא האָט אָנגעצייגט אז דער הרוג ליגט דאָרט. צירעל איז די ערשטע צוגעלאָפען און געפונען

איהר מאן ליגענדיג איינגעדרעהט אין די בעטגעוואנד, אין וועלכע ער איז געשלאָפען. זי איז צו איהם צוגעלאָפען מיט שרעקליכע קולות און דער „הרוג" האָט זיך אויפגעכאפּט, האָט אויסגעווישט די אויגען און זיך אוועקגעזעצט.

— צירעלע קרוין, וואו בין איך? וואס איז מיט מיר, און וואס לויפען עפּעס אזוי פיל מענשען? — איז געווען שמואל הקטן'ס ערשטע פראגע.

— דו לעבסט, שמואל'קע? דו לעבסט, טאטעלע? — האָבען צירעל און די קינדער אויסגעשריען און זיי האָבען ניט געוואוסט וואס צו טאָן פון גרויס שמחה און איבערראשונג.

באלד זיינען צוגעקומען דער פּריסטאוו, דער אוריאדניק, און דער גאנצער עולם און אלע זיינען העכסט איבערראשט געווארען ווען זיי האָבען געזעהן אז דער „הרוג" לעבט.

נאָך א קורצע חקירה ודרישה האָט זי ארויסגעוויזען, אז איוואנקא זלאָדעי האָט אפילו ניט אָנגעריהרט דעם קליין אידעלע. ער האָט פארקוקט ביי „שמואל הקטן" אין סוכה און ער האָט דארט דערזעהן בעטגעוואנד, האָט ער עס צוגענומען צוזאמען מיט די בגדים וואס ער האָט געפונען אין סוכה און אוועקגעטראגען צו מיכאלקא דעם מילנער צו פארשאכערען די גנבה. אבער ער האָט נאר ניט געוואוסט, אז אין די בעטגעוואנד געפינט זיך א לעבעדיגער נפש. ער האָט דעם פּעקעל אוועקגעלייגט ביי מיכאלקא'ן אונטער'ן פענסטער און איהם אָנגעזאָגט אז ער האָט געבראכט „סחורה". ווען מיכאלקא איז שפּעטער געגאנגען ארייננעהמען די „סחורה" האָט ער אָנגעטאפּט דעם קליין מלמד'ל און מיינענדיג אז ער איז א טויטער, האָט ער וועגען דעם געמעלדעט די פּאָליציי.

ווען „שמואל הקטן" האָט ערפאהרען וואס מיט איהם איז געשעהן, איז ער בייז געווארען אויף זיך אליין וואס ער האָט אזא הארטען שלאָף.

לייבעלע דעם יתום׳ס סוכה.

לייבעלע איז געווען א יתום. זיין פאטער, רב׳ איצעלע דער סופר, איז מיט עטליכע חדשים צוריק אפגעשטארבען, איבערלאזענדיג איהם, זיין מוטער און נאָך דריי קינדער אין עלענד און נויט.

א כאלופקע האָט ער געהאט אן אייגענע, אפילו אן אלטע חורבה געווען, אבער פארט אייגענע פיער ווינקעלאך און מען האָט פארשפארט צאָהלען דירה געלד. דאָס איז דער ארימער פאמיליע געווען א שטיקעל הילף, ווייל ווען זיי וואָלטען נאָך געדארפט צאָהלען דירה געלד, וואלטען זיי אפילו קיין חיונה בצמצום אויך ניט געהאט.

ווען ר׳ איצעלע איז אפגעשטארבען איז דער יאָך פון חיונה געפאלען אויף זיין אלמנה, ציפע די לאנגע האָט זי געהייסען. איז זי געווארען אן איינגעהערין אין רייכערע הייזער, וואו זי פלעגט אמאָל פארקנעטען א דייזשע ברויט, אמאָל וואשען וועש אדער טאן אנדערע שטוב ארבייט און האָט קוים מיט צרות פארדינט אויף ברויט מיט קרופניק פאר איהר און איהרע יתומים׳לאך.

לייבעלע איז געווען דער עלטסטער פון אלע קינדער, האָט געלערענט אין תלמוד תורה און איז געווען ציפע׳ס קידוש און הבדלה מאכער. שבת אדער יום טוב איז ער געווען ביים טיש מעשה בעל הבית, פלעגט אויסטיילען המוציא׳ס צו די קלענערע קינדער און האָט אויפגעפאסט אויף זייער דרך ארץ. ער האָט שוין אפילו א פסח אליין געפראוועט די סדרים און א קלענרער ברודערעל האָט איהם געפרעגט די פיער קשיות.

צווישען ראש השנה און יום כפור מאכט לייבעלע צו זיין מוטער:

„דו ווייסט, מאמע, אויף סכות וועל איך מאכען א סוכה, אזא סוכה ווי דער טאטע, עליו השלום, פלעגט מאכען״.

ציפע האָט א שווערען זיפץ געטאָן און אָנגעהויבען איבערטראכטען ביי זיך וועגען דעם ענין א סוכה.

זי האָט זעהר געוואלט האָבען אן אייגענע סוכה. זי האָט אפילו

נעוואוסט אז ווייבער זיינען פּטור פון סוכה און די קליינע קינדער אַז אַז איך קיין אחריות אַז זיי וועלן סכות עסן אין שטוב, אבער לייבעלע איז דאָך שוין בר מצוה און ער דאַרף זיצען אין סוכה. אמת, ער איז נאָך קיין דרייצעהן יאָהר ניט אַלט, נאָר וויל ער איז א יתום האָט ער אָנגעהויבען לעגען תפילין מיט א יאָהר פריהער, אָבער וויבאַלד ער לעגט שוין תפילין און פאַסט תעניתים איז ער שוין א פאָלנער איד, און ווי עסט עס א איד חוץ לסוכה?

געהן בעטען ביי א שכן לאסקעס מען זאָל איהר לייבעלען לאָזען עסען אין סוכה האָט זי ניט געוואָלט. ביי זיך אַליין, האָט זי געטראַכט, קומט מען אוים ווי עס מאַכט זיך, ווי גאָט גיט. איז ניטאָ קיין פליישׁ, קומט מען איבער א יום טוב מיט א שטיקעל לונג און לעבער, מיט דראָביאַזקעס אדער מיט וואס עס איז — אין דער פרעמד אבער מוז מען שוין א קינד געבען א שענערען חלק און וואס טוט מען אַז עס איז ניטאָ? אגב האָט זי ניט קיין לייטישע געפעס און געהן מבזה זיין א פרעמדע סוכה מיט ניט שעהנע כלים פאַסט ניט און עס איז טאַקי ניט רעכט אויך.

אויסערדעם, אַז לייבעלע וועט עסען ערגיץ אין א סוכה וועלען דאָך די אַנדערע קינדער אויך וועלען, און ווי קען מען דאָס דאָ־קוטשען לייטע׳ אויף אַזוי פיל? דעריבער איז זי זעהר גערן געווען צו האָבען אן אייגענע סוכה אַזוי ווי אמאָל, ווען איהר מאַן האָט געלעבט. אבער וואו נעמט מען עס? געהן דינגען אימיצען מען זאָל איהר אויפשטעלען א סוכה פּאַרמאָגט זי ניט, אַליין האָט זי קיין צייט דאַרויף און אגב איז זי דאָך ניט מעהר ווי א אידענע און זי טויג ניט צו אַזא מלאכה, פאַרבלייבט טאַקי, אַז לייבעלע זאָל מאַכען די סוכה. אָבער וועט ער דאָס קענען אויספיהרען? ער איז אפילו ניט קיין שלים־מזל׳ניק א אינגעל, אבער פאָרט א קינד, טאָ ווי קען מען זיך אויף איהם פאַרלאַזען, אַז ער זאָל אויפ־בויען א גאַנצען בנין?

„קינד מיינס״ — זאָגט זי צו איהם — „ווי קומסטו צו מאַכען א סוכה? דו וועסט דאָך ניט קענען״.

„וואס אַרט דיך, מאַמע״ — ענטפערט לייבעלע — „איך וועל קענען. דו וועסט זעהן אַז איך וועל קענען. איך האָב פאַר־אַ־יאָהרען געהאָלפען דעם טאַטען, עליו השלום, מאַכען די סוכה און איך ווייס ווי מען מאַכט עס.״

און ציפע האָט איינגעשטימט טראַכטענדיג ביי זיך, אז זי וועט זעהן אפרייסען עטוואס צייט צו העלפען איהם ווי ווייט מעג־ ליך און עס וועט אפשר טאַקי ארויסקומען א סוכה.

לייבעלע האָט גוט געוואוסט, אז ער וועט ניט קענען אויפ־ שטעלען א סוכה אזוי שנעל ווי די „גרויסע אידען" טוען דאָס. ער האָט פאַר'שטאַנען אז ביי איהם דאַרף עס נעהמען צייט און ער האָט דאריבער באלד אָנגעהויבען צוגרייטען מאַטעריאַלען, ברעטער, פלעקער, שטאַנגען, וועלכע זיין טאַטע פלעגט באַהאַלטען פון יאהר צו יאהר פאר דער סוכה און ער האָט דעם ערשטען פלעקעל אריינגעשלאָגען נאָך פאר מוצאי יום כפור. „בין הזמנים", איז דער שטייגער, געהט מען ניט אויף א גאנצען טאג אין חדר, האָט דער יתום'על אין זיינע פרייע שטונדען זיך בים־ לעכווייז געפּאָרקעט ארום דער סוכה.

איין פאר נאכט איז לייבעלע געווען שטארק פארטאָן מיט דער סוכה און ער האָט זיך דערמאָנט אז מען דאַרף געהן אין בית המדרש דאווגען מנחה און קדיש זאגען, ווען עס איז שוין געווען שפּעטלאך. אן אָנגעמאַטערטער, א פאַרהאָרעוועטער איז ער נעבאך געלאָפען אין בית המדרש און ווען ער איז אהין געקומען א פאר־ שוויצטער און פאררויטיגטער, האָט מען שוין געהאלטען ביי „עלינו". געהט איהם אָנטקעגען בערקע דער קרעמער, וועלכער איז פון מצוה וועגען געווען דער גבאי אדער דער משגי׳ח פון דער תלמוד תורה.

„שעהנער מענש" — נעהמט איהם בערקע דרעהען פאר'ן אויער — „פארשטיפט זיך, הא? געבושעוועט ערגיץ מיט שקצים און פארשפעטיגט מנחה."

„איך האָב ניט געשטיפט און ניט געבושעוועט" — פאר־ ענטפערט זיך דער יתום'ל — „איך מאך א סוכה."

„קוקט איהם נאָר אן דעם נפש" — רופט זיך אפ דער משגיח — „א סוכה מאכט ער! א קלאָג צו די יאהרען ווער עס מאכט שוין א סוכה!" און רעדענדיג אזוי דרעהט ער נאָך שטאר־ קער פאר'ן אויער.

קומט אָן ר' שמואל דער פרוש, א בית המדרש איד, וואס האָט געהאט א טבע צו דרעהען אינגלאך פאר די אויערען, כדי זיי זא־ לען גוט און פרום זיין און ענטפערען „אמן יהא שמיה רבא" און

זאָגען קדושה מיט כונה, און זעהענדיג אז בערקע דרעהט לייבעלען פאר'ן רעכטען אויער, פרעגט ער ניט קיין שאלות און דרעהט פאר'ן לינקען. א יתום, האָט דער פרוש געהאלטען, שאדט געוויס ניט אז מען דרעהט אָן פאר'ן אויער. אז קיין טאטען, וואס זאל איהם דרעהען פאר די אויערען האָט ער ניט, דארפען דאס אלע גוטע און פרומע לייט טאָן.

לייבעלע צאפעלט זיך נעבאך פון וועהטאג און זאגט קדיש וויינענדיג.

אָבער דאָס האָט ניט אפגעשוואכט זיין חשק צו בויען א סוכה און ער איז ווייטער אָנגעגאנגען מיט זיין ארבייט.

מאכט זיך ווידער אויף מאָרגען, אז פאַרקענדיג זיך מיט דער סוכה טוט ער זיך א רייב אָן א ניט גלאטע שטיק האָלץ און צודראפעט זיך דעם פנים. איז ער אזוי געקומען אין בית המדרש שוין דוקא פאר מנחה און ר'מענדעל דער דין האָט איהם געגעבען אזא מין קבלת פנים:

„שייגאָץ, איינער, שוין גֶעשלאָגען זיך מיט אימיצען, הא? זעהט נאָר ס'ארא צורה דאָס האָט! יונגאטש דו, דער טאטע ליגט אין דר'ערד און דו הוליעסט!" און רעדענדיג אזוי נעהמט ער איהם אָן פארביידע אויערען און טרייסעלט איהם ווי א לולב.

„אויף מיינע נאמנות, איך האָב זיך מיט קיינעם ניט גע־שלאָגען" — שווערט זיך לייבעלע און טוט זיך א קלאפ מיט'ן קור־לאק אין הארצען — „איך מאך א סוכה, האָב איך צודראפעט דעם פנים אָן א שטיק האָלץ."

„ווי דאָס האָט שכל אויף שמד־שטיק" — מאכט דער דין — „א נייער תירוץ גאר, ער מאכט א סוכה!"

„מען דארף איהם מאכען א סוכה" — מישט זיך אריין אזוי א בעל הבית — „מען דארף איהם אריבערנעהמען די קאפאטקעלע איבער'ן קאפ און גוט ארייננפיצקען, וועט ער שוין ווייטער וויסען ווי צו מאכען מלחמות מיט ווייסע חברה'ניקעס!"

און בערקע דער קרעמער און ר' שמואל דער פרוש קומען אָן אויף די רייד און זיי זיינען מסכים אז עס איז א מצוה צו טאָן דאָס, אבער אזוי ווי עס פאסט ניט צו מאכען אין בית המדרש אנטקעגען ארון הקודש אזא מין „סוכה", דרעהט מען דעם יתומ'ל אָן פאר די אויערען, מען שענקט איהם דערצו א פאר פעטשלאך

און מען גיט איהם אן התראה, אז אויב ער וועט ווייטער ניט זיין קיין סטאטעק, וועט ער שוין קריגען דעם ריכטיגען פסק.

דאס קינד וויינט און כליפעט און שווערט זיך מיט כל־ערליי־שבועות אז ער מאכט א סוכה, אבער מען גלויבט איהם ניט.

און לייבעלע וויינט זיך איבער, פארגעסט שנעל וואס עס איז געווען און טוט ווייטער זיינס און בויט אלץ די סוכה.

מאכט זיך איהם נאכהער אן אנדער סבה. ער פארטשעפעט זיך אן א טשוואק און מאכט א געוואלד־רים אין די הויזקעס וואס די חברה מלביש ערומים האט איהם געשענקט אויף שבועות.

קומט ער אין בית המדרש מיט'ן געוואלד־רים און ער קריגט אזא מין ברוך הבא:

„באד־יונג, שייגעץ, אויסוואורף, געקראכען מסתמא ערגיץ איבער א פארקאן אדער געקלעטערט ערגיץ אויף א בוים און צו־ריסען די הויזקעס! מען געהט טרייסלען פושקעס פון דיינטוועגען און מען באקליידט דיך און דו צופליקסט די בגדים!

און מען דרעהט ווידער פאר די אויערען און מען פאטשט און מען שטורכעט, און לייבעלע'ס תחנונים און שבועות, אז ער האט די הויזקעס צוריסען מאכענדיג א סוכה, העלפען ניט.

און דער יתום'ל טראגט איבער אלעם און דערציהלט אפילו ניט זיין מוטער אוים מורא טאמער וועט זי איהם הייסען אויפגע־בען די גאנצע ארבייט.

גאט האט געהאלפען און א ביסעל מיט דער הילף פון זיין מו־טער און די קלענערע קינדער, האט לייבעלע אויפגעשטעלט די גאנ־צע סוכה. אבער עס האט נאך געפעהלט סכך.

האט ער געזעהן ווי גוים פיהרען וועגען סכך צו פארקויפען און ער האט זיך מישב געווען ארויסצוציהען פון הינטען צו עטלי־כע צווייגלאך פון א וואגען און ער וועט האבען מיט וואס צו צו־דעקען זיין סוכה.

לייבעלע האט גאנץ גוט געוואוסט אז גנב'ענען טאר מען ניט, אפילו ביי א גוי אויך ניט. אבער דאס האט ער ניט באטראכט פאר א גנבה. ווארום וואס פאר א שאדען וועט דער גוי האבען אז ער וועט פארקויפען מיט א פאר צווייגלאך ווייניגער? דעם זעל־בען מקח וועט ער נעהמען אהן די פאר צווייגלאך ווי מיט די פאר צווייגלאך.

אַט אזוי האָט ער זיך געפונען א היתר און האָט טאקע גע־נומען ציהען סכך פון א וואגען. האָט אָבער דער גוי דערזעהן און איהם מכבד געווען מיט'ן בייטש און איהם שיעור די אויגען ארויסגענומען.

און אידען און אידענעס וואס האָבען דאס געזעהן האָבען מיט באדויערונג גערעדט צווישען זיך: „אַט אזוי איז דאָס אז א קינד האָדעוועט זיך אָהן א טאטען. איצט גנב'עט ער צוויינלאך סכך און שפּעטער וועט ער גנב'ענען פערד פון די שטאלען." און לשם מצוה, אום צו פארהיטען אז דער יתום זאל ניט אויסוואקסען א גנב, כאפּט מען איהם און מען גיט איהם נאָך צו פארבייסען קלעפּ און בוכטשעס גאָר אָהן רחמנות. אבער לייבעלע וויינט זיך גאנץ גוט אוס און טראכט ווייטער פלענער וואו צו קריגען סכך פאר זיין סוכה.

ענדליך האָט ער זיך ארויסגעלאָזט צו נאָהענטע און אויך ווייטערע שכנים וועלכע האָבען געדעקט זייערע סכות, האָט ביי יעדען אויסגעבעטעלט צו פּאָר צווייגעלאך סכך און ער האָט גע־האט גענוג צו באדעקען זיין סוכה.

און דער יתום'ל האָט זיינס אויסגעפיהרט און ער, זיין מו־מער און די קלענערע קינדער זיינען סכות געזעסען אין אן איי־גענע סוכה.

דער לולב און די ערבה.

אין אַ ווינקעל פון פראָנט רום אין אַ אידישע הויז, איז ערב סוכות געשטאַנען אַ פארטיגער, צוזאַמענגעבונדענער לולב און אויפ'ן מענטעלפיס איז געשטאַנען אַ זילבענרע פושקע, אין וועלכער עס איז געלעגען אַן אתרוג. דער ווירט פון הויז, אַ שעהנער בעל הבית, האָט עס געקויפט און צוגעגרייט אויף סכות.

צווישען לולב און די ערבה ריטלאך איז פאָרגעקומען פאָלגענדער געשפרעך:

לולב (בייז): וואָס וויל פון מיר די צוטשעפעניש, די ערבה? אזא קליינע בריאה, אזא שוואכע זאך, אזא נידעריגע זאך, וואָס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט ערגיץ אין אַ זומפּ, אין אַ בלאָטע, טשעפּעט זיך צו מיר צו און איז מיט מיר אַ גאנצע מחותנת'טע! די הדסים זיינען אויך ניט קיין קליינע צוטשעפּענישען אויף מיר. זיי זיינען אויך ניט מיין גלייכען, וואָרים ווי קומט אַ הדס־ריטעל צו מיר? דאָך פאַרדריסט מיר ניט אויף זיי אזוי פיל. ווי די מעשה אז, איז עפּעס אַ הדס אַ חשוב'ע זאך. הדסים־בוימלאך פלאנצט מען אין בלומען־טעפּ און מען האַלט עס אין באָטאַנישע גערטנער און אין הייזער פון שעהנקייט וועגען, אָבער די ערבה, ווער איז זי און ווער בין איך!

ערבה (שפּאָטיש): ענטשולדיגט, גרויסער הערר, אז איהר ווילט זיך מיט מיר פאַרהערען אין יחוס, וועל איך אייך אויך פרעגען: טאַקע, ווער זיינט איהר און ווער בין איך? שטאַמט איהר פון רבנים און איך, חלילה, פון משומדים?

לולב (אויפגערעגט): דו אונפאַרשעהמטע! דו ווילסט זיך מיט מיר אין יחוס פאַרהערען? דו פאַרגעסט גאָר, אז איך שטאַם פון אזא שטאָלצען אדעל? דו ווייסט דען ניט, אז איך בין אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אויף די בערג פון יהודה? אויפ'ן הר הכרמל און אויפ'ן הר הזיתים? און וואו ביזט דו געבאָרען און ערצויגען געוואָרען? אין זומפּען, צווישען זשאַבעס! אַ חוצפּה דאָס

איז! אזא גארנישט טשעפעט זיך צו מיר צו אזוי ווי א סמאלע און איז מיט מיר א גאנצע חבר־לאפ׳ניצע!

ע ר ב ה (מיט א געלעכטער): דאס אלעס? גרויסער גולם וואס דו ביזט! וואס מאכט עס אויס וואו מיר זיינען געבארען געווארען? אבער איין טאטען האבען מיר ביידע? זיי נען מיר די זעלבע יחסנים!

ל ו ל ב (מיט כעס): דו קליינער קאקרוטש דו! דו דער־גרייכסט דאך קוים ביז מיינע קניע, געהסט דו מיר דערצעהלען, אז מיר זיינען די זעלבע יחסנים! א בריאה וואס האט מורא פאר דער זון, וואס ציטערט פאר א ווינטעלע, וואס זייענדיג א פאר טעג ניט אין דער היים, ווערט זי שוואך און פגר׳ט אוועק — אט אזא בריאה וויל זיך גלייכען צו מיר! זוך זיך דיין גלייכען און טשעפע זיך פון מיר אפ!

ע ר ב ה (מיט א מילדען טאן): שוטה, וואס שרייסט דו, וואס? עס וועט דיר עפעס העלפען דיין שרייען? גאט, אונזער פאטער האט געהייסען מיר זאלען זיין צוזאמענגעבונדען און דו מוזט זיין היילינגען רצון ממלא זיין.

ל ו ל ב (מיט פאראכטונג): וואס הייסט, גאט האט געהיי־סען? בע, מע, פע! האט איהר געהערט א מעשה? גאט האט געהייסען אז מיר, די שעהנע בלעטער פון א טייטעל בוים, זאלען זיין גלייך מיט פארדארטע ערבה ריטלאך! ניטא ווער עס זאל לאכען, איך זאל אזוי געזונד זיין! בע, מע, פע! איך גלויב ניט אין אזעלכע זאכען.

ע ר ב ה (שפאטיש): דו גלויבסט ניט אין אזעלכע זאכען? וואס הייסט דו גלויבסט ניט? זעהסט דאך אבער, אז עס איז אזוי! דו קענסט זיך עפעס העלפען הא? רוף מיך צוטשעפעניש, רוף מיך ווי דו ווילסט, אבער צוזאמענגעבונדען מוזען מיר זיין.

ל ו ל ב (בייז): קליינער קאקרוטש!

ע ר ב ה (שמייכלענד): לאנגער דראנג!

ל ו ל ב: מיר פאסט ניט, מיר שטעהט ניט אן צו האבען מיט דיר עסקים, אבער איך וועל דיך פרעגען מיט גוטען: ביזט דו גלייך צו מיר?

ע ר ב ה: אויב אזוי, וועל איך מיט דיר אויך ריידען ערנסט.

זאָג מיר נאָר, צו וואָס טויג דיר די נאַרישע גאוה? צו דען, אַז איך בין באַשאַפען געוואָרען קלענער און שוואַכער פון דיר, דאַרפסט דו זיך מיט מיר שעהמען? בין איך דען ניט אַ קינד פון דער נאַטור אַזוי ווי דו? און בין איך דען ניט בארעכטיגט צו לעבען און געניסען פון דער וועלט גלייך מיט אַנדערע?

לולב (מיט אַ געלעכטער): כאַ, כאַ, כאַ! אַ גאַנצע סאָציאַליסטקע! וואָס זאָגט מען פּאַרט ניט צו איהר קאָפּ? אַלע דאַרפען זיין גלייך! זעהסט דאָך טאַקע ווי דו ביזט גלייך צו מיר! אויף וועמען וועט אונזער בעל הבית מאַכען אַ ברכה? אויף מיר צי אויף דיר? ווי וועט ער זאָגען: על נטילת ערבה, אָדער על נטילת לולב? וואָס טויג מיר די קונצען? איבער מיר וועט מען טאַקע מאַכען אַ ברכה אַלע טאָג אַ גאַנץ סכות און דיינע ברידער און שוועסטער וועט מען הושענא רבה קלאַפּען און ברעכען די ביינער, אַז עס וועט אַזש געהן אַ רויך! כאַ, כאַ, כאַ!

ערבה (בייז): לאָך נאָר ניט פון געשלאָגענע און מיין ניט, אַז דו ביזט שוין אַלעס. זיי וויסען, אַז כאָטש מען דערמאָנט נאָר דיך ביי דער ברכה, פון דעסטוועגען מיינט מען עס מיך אויך. אָהן מיר ביזט דו אַ קנאָפּער קנאַקער. אָהן מיר קען מען אויף דיר קיין ברכה ניט מאַכען. דו, איך, די הדסים און דער אתרוג שטעלען צוזאַמען אַ גאַנצע זאַך, אָבער דו אַליין ביזט קיין יחסן ניט. פאַרשטאַנדען, העדר לולב?

לולב (אויפגערעגט): שווייג שטיל! אַ חוצפה דאָס איז! דיין גליק וואָס איך בין געבונדען, זאָנסט וואָלט איך באַלד דיינע אַלע פאַרדאַרטע בלעטלאַך אַראָפּגעקלאַפּט.

ערבה (מיט אַ טאָן פון טריאומף): עהע! דאָס איז דאָך די מעשה וואָס דו ביזט געבונדען! שוטה, וואָס דאַרפסט דו זיך פּלאַקערען? לאָמיר זיך בעסער דורכריידען מיט גוטען. ווייסט דו פון דעם סוד, אַז דעריבער האָט גאָט געהייסען מיר זאָלען זיין צוזאַמענגעפּאָרט, כדי צו צייגען זיינע קינדער, די אידען, אַ ביישפּיל, אַז גרעסערע און קלענערע, שטאַרקערע און שוואַכערע, זאָלען לעבען בשלום און אחדות זאָל צווישען זיי עקזיסטירען? — ווייסט דו דערפון? דאָס פאָלק ישראל איז אויך צוזאַמענגעשטעלט פון לולבים און ערבות — פון שטאַרקע און שוואַכע, פון גרויסע און

קליינע, און גאָט וויל אַז זיי זאָלען אַלע זיין פאַראייניגט, אַז זיי זאָלען אַלע לעבען ברידערליך, אַז זיי זאָלען זיין צוזאַמענגעקניפּט, צוזאַמענגעבונדען. גאָט האָט פיינד גאוה, גאָט קען ניט ליידען קיין קאַפּריזען. ער פאַרלאַנגט, אַז זיינע קינדער זאָלען צווישען זיך לעבען גוט און ניט זיין קידער־ווידער איינע מיט די אַנדערע. מיר אַלע, די פיר מינים וואָס די אידישע גזונט־געבער האָבען צו־זאַמענגעפּאָרט, זיינען דער סימבאָל פון דעם יסוד פון דער אידי־שער אמונה — ואהבת לרעך כמוך, זאָלסט ליב האָבען דיין חבר אַזוי ווי זיך אַליין, ווען אפילו דו ביזט מעכטיגער, שטאַרקער און מעהר מיוחס פאַר איהם. טו א קוק אויפ'ן שעהנעם אתרוג וואָס שטעהט דאָרט. באַטראַכט נאָר דעם קראַסאַוועץ, ווי ער שיינט אַרויס פון פושקע, איהם האָט מען אויך צוזאַמענגעפּאָרט מיט אונז, טרוקענע בלעטער! ווייסט דו וואָרום דאָס איז אַזוי? כדי צו צייגען, אַז מיט שעהנקייט דאַרף מען אויך ניט שטאָלצירען און אַלע דאַרפען זיין גלייך.

לולב (גוטמוטיג): זעהסט דו? דאָס איז שוין אַ שטיקעל חקירה. אָבער זאָג מיר נאָר, ווייסען עס די אידעלאַך, פאַרשטעהען זיי עס? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! זיי שאָקלען אונז אַלע צו־זאַמען און שרייען: „אנא ד' הושיעה נא" — ביטע, גאָטעניו, העלף! הייסט עס, אַז זיי ניבען אפילו צו, אַז זיי דאַרפען אַלע אָנקומען צו גאָט'ס הילף, און אַז עס קומט צו עפּעס פאַרגעסען זיי גאָר, אַז זיי זיינען אַלע גאָט'ס קינדער און יעדער איינער וויל כבוד, יעדער איינער וויל זיין גרעסער פון דעם אַנדערען, יעדער איינער איז ביי זיך שטאָלץ און קנאה, שנאה קומט ביי זיי אַרויס אויף יעדען שריט און טריט. ביי די מענשען האַלט זיך אויך דער לולב גרעסער פון דער ערבה. אָט נעהם, למשל, אונזער בעל הבית, וועט ער געוויס וועלען געהן מיט דער הקפה דער ערשטער נאָכ'ן חזן, ווייל ער איז אַ נגיד און אַ שעהנער איד; טאָמער וועט זיך אימיצער אַרויסכאַפּען אויף פריהער, וועט ער יענעם ווערען אַ דם שונא און עס איז רעכט מען זאָל זיך דערפאַר צופּאַטשען אויך. שוועסטעריל ערבה, וואָס קענען מיר, שטומע בלעטער, לערנען דאָס פאָלק? זיי האָבען שוין געהאַט בעסערע לעהרער און מען האָט זיי ניט אויסגעלערענט...

ע ר ב ה (זיפצענד): יא, יא, דאָס ביזט דו גערעכט, ברודער לולב. קיין גרויסע אחדות איז ביי אידען ניטאָ, אפילו סכות אין שול, ווען זיי זעהען אונז פאַר די אויגען, ווען זיי שאָקלען אונז מיט כונה. אָבער וואָס קענען מיר העלפען?

אין די רייד איז אריינגעקומען דער ווירט פון הויז מיט נאָך אַ אידען און ער האָט יענעם געצייגט דעם אתרוג מיט'ן לולב וואָס ער האָט איינגעהאַנדעלט.

— איאָ פיינע סחורה? — האָט דער ווירט געזאָגט צום אַנדערען — אַן אתרוג'ל, אַן אמת'ער הדר, אַ לולב — פּרימאַ שבפּרימאַ. אַ חלאת וועט מיין שכן שמעלקע האָבען אַזאַ אתרוג! אַ שניידער יונג קען! באַשר ער איז געוואָרען אַן אַלרייטניק אין אַמעריקאַ, שטעכט ער מיר אַלע סכות די אויגען מיט זיין שעהנעם אתרוג! און מאָרגען חמישי וועט ער האָבען? ניט דערלעבען וועלען מיינע שונאים! בלוט וועט פאַרגאָסען ווערען און ער וועט חמישי ניט קריגען.

ל ו ל ב: אָט האָסט דו דיר דיין סימבאָל, אָט האָסטו דיר דיינע אחדות!

די ערבה ריטלאַך, די הדסים און אויך דער אתרוג פון טענטעלפּים לאָזען ארויס אַ שווערען זיפץ.

בילדער פון ערב סכות און סכות.

א.

א צו קליינער פיטום.

נעבען א טישעל ביי א סטופ אין לודלאָו סטריט איז ערב סכות געשטאַנען א איד מיט אתרוגים, לולבים, הדסים און ערבות. א פאַר קאַסטאָמער זיינען געשטאַנען ביים טישעל, אבער געקויפט האָבען זיי ניט, ווייל זיי האָבען ניט געוואלט געבען דעם פרייז וואס דער פארקויפער האָט געפאדערט. א הויכער, דיקער מאַן מיט א רויטע צורה, קענטיג א דייטשער יהודי, איז צוגעגאַנגען.

— האבען זיי איינען גוטען אתרוג? — האָט דער מאַן געפרעגט.

— שור — האָט דער איד געענטפערט — מובחרים שבמובחרים, פרימא שבפרימא, ארץ ישראל אתרוגים פערווי סארט, ווי איהר זעהט מיך א אידען.

דער איד האָט ארויסגענומען אַן אתרוג, איהם געהאַלטען פארזיכטיג צווישען די ערשטע צוויי פינגער און געדרעהט אין אלע זייטען.

— זעהט איהר — האָט ער געזאָגט — איהר זאָלט אָפילו זיפען און זוכען אין גאַנץ ניו יארק, וועט איהר אזא אתרוג׳ל ניט געפינען . קיין שפרינקעלע איז דאָך אויף איהם ניטאָ. א צאַצקע, איך זאָל אזוי געזונד זיין.

— וויפיל קאָסט עס? — האָט דער יאהודי געפרעגט.

— איהר וועט זיך ניט דינגען? צוויי דאָלער.

— דאס איזט, מיין ליבער יודע, צו טייער.

— טייער, זאָגט איהר? זאל איך אזוי, רבונו של עולם, האָבען א גמר חתימה טובה, ווי אפשר צעהן סענט מאַך איך אַן איהם. עס איז מעהר ניט עס ווילט זיך לייזען.

— אבער איזט עס זיכער די ריכטיגע, וועלכע מאן גע־ברויכט?

— קשיות פרעגט איהר נאך! איהר זעהט דאך, אז דאס איז אן אמת׳ער הדר.

דער יאהודי האט ארויסגענומען א צוויי דאלער ביל און באַצאהלט. דער פארקויפער האט אויף דער אסיגנאציע אנגעשפיגען און אריינגעלייגט אין טייסטעריל.

— נו, א לולב? — האט דער איד געפרעגט, אנצייגענדיג אויף א לולב — איהר זעהט א לולב׳ל, א ירוק, נאר וואס פון בוים.

— וואצו נאך דיזע בלעטער? — האט דער סוחר צוריק געפרעגט — וויר געברויכען עס ניט. — ער האט צוגענומען דעם אתרוג און איז אוועקגעגאנגען.

מיט א שטונדע שפעטער איז דער דייטשער יאהודי געקומען צולויפען א פארסאפעטער.

— זי זינד א שופט, א באטריגער! — האט ער געליארעמט, אוועקלייגענדיג דעם אתרוג אויפ׳ן טישעל — דאס איז ניכטס ווערטה! מיין געלד צוריק אדער איך ווערדע איהנען פערהאפ־טען לאסען!

— וואס איז, א מיאוס׳ער אתרוג? — האט דער איד פאַר־וואונדערט געפרעגט.

— געמיינער קערל! — האט דער דייטש געדונערט — מיין פרוי איזט אויס ליטא, זי וייסט וואס אן אתרוג איזט. זי זאגט, דאס אן אתרוג מוזט איינען גרויסען פיטום האבען. זי געברויכט עס עטוואס צו שוואנגערשאפט אונד דיזער האבט עס ניכט! ניכטס ווערטה.

— גאט איז מיט אייך — האט זיך דער איד געבעטען — ארץ ישראל אתרוגים האבען ניט קיין גרויסע פיטום׳ס.

— איך וויל ניכטס וויסען! — האט דער סוחר געשריען — מיין געלד צוריק, שנעל.

דער איד האט זיך דערשראקען, ארויסגענומען פון טייסטעריל די צוויי דאלער און איהם דערלאנגט.

ווען דער מאן איז אוועקגעגאנגען, האט דער איד באמערקט:
קרענקען זאל איך, אויב איך האב פארשטאנען אלעס וואס ער האט

דאָ אָנגערעדט. אַלע צרות אויף זיין קאָפּ. ס'אַרא רציחה ער האָט באוויזען! עס ווייזט אויס, אז דאָס איז גאר א גוי. בעסער צו האנדלען מיט צעהן אידען, איידער מיט איין גוי.

ב.

טו סענטס איי פיעס.

אן איטאַליענער האָט ערב יום טוב אין דער פריה געפּעדעלט מיט לעמאָנס אין קאנעל סטריט. אויפ'ן פּלייצע האָט ער געטראָגען א פולען זעקעל מיט די דאזיגע פרוכט און אין האנד האָט ער גע־האַלטען א צוויי דריי לעמאָנס און געשריען: „נייסי לימאָני טשיפּ, וואָן סענט ע פּיס". אבער קיין קונים זיינען ניט געווען.

דער איטאַליענער איז צוגעגאַנגען צו א טישעל ביי וועלכען מען האָט פאַרקויפט אתרוגים. אייניגע אידען זיינען גראדע גע־שטאַנען און געקליבען אתרוגים און דער פּעדלער האָט געמיינט, אז דאָס זיינען לעמאָנס. „פרעש לימאָני, טשיפּ" — האָט דער איטאַליענער זיך געווענדעט צו א אידען, מיינענדיג דערמיט אויס־צוכאַפּען א קאַסטאָמער פון אתרוג הענדלער; אבער דער איד האָט זיך צום מאָל ניט אומגעקוקט און געהאַלטען אין איין דינגען זיך מיט'ן אתרוג פאַרקויפער.

„לוק דזשאַני" — האָט דער איטאַליענער ווידער געזאָגט צום אידען — „נייסי לימאָני, וואָן סענט ע פּיס"; אבער דער איד האָט זיך אַלץ ניט אומגעקוקט.

דער איטאַליענער איז געבליבען שטעהן און געקוקט מיט באַ־ניידענדע בליקען אויפ'ן אתרוג פאַרקויפער, וואס ער האָט קאַסטאָ־מער ארום זיך.

א איד האָט געקויפט אן אתרוג און באַצאָהלט א דאָלער. דער פּעדלער האָט א שמייכעל געטאָן, ווי איינער רעדט: נארישער מענש, צו וואס דאַרפסטו געבען א דאָלער, אז דו קענסט עס ביי מיר קריגען פאַר א פּעני?

„ביג לימאָני, אָנלי וואָן פּעני ע פּיס" — האָט דער איטאַ־ליענער ווידער געפּרובט צו ציהען קאַסטאָמער; אָבער קיינער האָט איהם ניט געוואָלט הערען און זעהן. א היבשע צייט איז ער געשטאַנען נעבען טישעל און געזעהן ווי אידען צאָהלען צו דאָלער

און צו דאָלער א האלב פאר „לעמאָנס" און ער האָט פשוט גע־שלונגען די שפּייעכץ.

ער איז אוועק צו אן אנדער טישעל און אויך דארט האָט ער דאָס זעלבע געזעהן. ער האָט צוגעשמייכעלט, זיך געוואונדערט און אין דער זעלבער צייט אויך שטארק מקנא געווען דעם גליק־ליכען „שיני", וואס לייזט אזוי פיל געלד און איז געווען בייז אויף די קונים, וואס זיי קויפען ביי איהם ניט.

דער איטאַליענער האָט זיך געפּרובט ווענדען צום אידען וואס פארקויפט די „לעמאָנס" און געוואלט מאכען מיט איהם א האָל־סייל ביזנעס.

„יו וואָנט ביי לימאָני באָס?" — האָט ער איהם א שושקע געטאָן אין אויער — „נייס לימאָני, טשיפּ". דער איד האָט א דרעה געטאָן מיט'ן קאָפּ „ניין" און דער איטאַליענער איז אוועק־געגאנגען.

ער האָט זיך אפּגעשטעלט ביי נאָך א פּאָר טישלאך מיט אתרוגים און זיך גוט צוגעקוקט צו די סחורה און ווי אזוי דער מסחר געהט אָן. צולעצט האָט ער געמאכט א צופרידענע מינע. א פרעהליכער שמייכעל האָט זיך געצייגט אויף זיין געזיכט, אזוי ווי א מענש וואס קומט פּלוצלונג ארויף אויף א גליקליכען גע־דאנק, און ער איז אוועק מיט שנעלע טריט.

אין א שטונדע ארום איז דער איטאַליענער געקומען מיט א פול פארפּאקטען באסקעט און זיך אוועקגעשטעלט אויף א קארנער.

„טשיפּ" — האָט ער געשריען רייסענדיג פארבייגעהער ביי די פּאָלעס — „„העף דאָלער ע פּיס, גוד סטאָף."

א רעדעל מענשען האָבען זיך ארומגעקליבען און דער איטאַ־ליענער האָט גענומען אויספּאקען זיין סחורה. דאָס איז געווען לעמאָנס פארפּאקט אין וואטע און איינגעוויקעלט אין טישע פּיי־פּער.

„סי, נייסי לימאָני, פרעש לימאָני, פיעפטי סענט ע פּיס" — האָט ער איינגערעדט די פארביישטעהענדע. דער עולם האָט פאר־שטאנען, אז דער איטאַליענער וויל עם קאָנקורירען מיט די אתרוגים פארקויפער און מען האָט געקייכט פון געלעכטער.

„קוואָדער ע פּיס" — האָט זיך דער איטאַליענער ארונטער־געלאָזט, און דער עולם האָט געלאכט.

— טוּועננזי סענט.
— פיפעטין.
— טען.
— פּייוו.
— טו — האָט ער ענדליך געצייגט מיט די פינגער; אבער קיינער האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט.

א לאַנגע צייט איז דער איטאַליענער געשטאַנען אויפ'ן קאָר־נער און האָט א סענט ניט געלייזט און ער איז אוועק מיט א צו־בראכען הארץ — ער איז דאָך ניט דערגאַנגען דעם סוד, ווי אזוי מען לייזט פאר „לעמאָנס” הויכע פרייזעס.

ג.

פּייוו סענטס איי בענש.

דורך נאָרפאלק סטריט איז געלאָפען א באָיטשיק מיט אן אתרוג און לולב אין האנד. ער האָט פארקוקט אין דער הויך און וואו ער האָט געזעהן א קאָפּ ארויסגעשטעקט פון א פענסטער, האָט ער אויפגעהויבען זיין הענטעל און אויסגעשריען: „יו וואָנט בענש? פּייוו סענטס איי בענש”. א פרוי פון א דריטען פלאָר האָט צו איהם א וואונק געטאָן. דער באָיטשיק האָט זיך אפּגע־שטעלט.

„פּייוו סענטס!” — האָט ער אויסגעשריען. די פרוי האָט איהם געצייגט צוויי פינגער.

„פאָור!” — האָט דער באָיטשיק אויסגעשריען, צייגענדיג פיער פינגער. די פרוי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, „ניין”.

דער אתרוג טרעגער האָט א ווייל געוואַרט און ארונטער־געלאָזט איין פינגער. די פרוי האָט איהם אלץ געצייגט די זעלבע צוויי.

ענדליך איז דער באָיטשיק אריין אין הויז. א ביסעל שפּע־טער איז ער ארונטערגעגאַנגען און ווידער געלאָפען אין סטריט קוקענדיג אין דער הויך און אויסשרייענדיג דעם זעלבען פזמון: „יו וואָנט איי בענש? פּייוו סענטס.” אין איין בלאָס האָט ער גע־קעטשט א זיבען־אכט קאסטאָמער.

מסכת סוכה למדינת קאָלומבוס.

פרק א׳.

סוכה שהיא גבוהה, א סוכה וואָס מען מאַכט אין דער הויך, אויפ׳ן רוף, איז אויב דער לענדלאָרד ערלויבט עס און די טאָפּ־פלאָרינג קאָמפּליינען ניט, אַז מען קלאַפּט זיי אין קאָפּ, כשרה, איז זי כשר.

בראשונה היו נוהגין, פאַרצייטען האָט מען זיך נוהג געווען, שהיו עושין סוכתן בחצרות, אַז זיי פלעגען מאַכען די סוכות דוקא אין די יאַרדס. משקלקלו הנשים, אַז די מיסיסען האָבען אָנגע־מאַכט צרות דערמיט וואָס זיי וואַרפען אַלערליי שמוץ דורך די פענסטער; התחילו, האָבען אַנדערע אָנגעהויבען צו מאַכען סוכות אויף די רופס.

מעשה, עס איז געווען אַ מעשה מיט אַ פּאָטשאָטנעם בעל הבית, שהיה יושב ואוכל, וואָס איז געזעסען און געגעסען אין סוכה, ושפכה אשה אחת, האָט אַ פרוי אַ פליוך געטאָן אַ טעפּיל נעכ־טיגע וועטשערע דורכ׳ן פענסטער און איהם באַגאָסען פון קאָפּ ביז די פיס.

אם אין דיורין בעליונות, אויב אפּסטעירז וואוינט קיינער ניט, מותר, מעג מען מאַכען אַ סוכה אין יאַרד לכל הדעות.

בית שדרים בה ערלים, אַ הויז וואו גוים וואוינען, אסור לעשות סוכה, טאָר מען דאָרט קיין סוכה ניט מאַכען, מפני מעשה שהיה, צוליב אַ געשיכטע וואָס האָט פּאַסירט:

בחצר, אין יאַרד פון אַ טענעמענט הויז, וואו עס האָבען גע־וואוינט אַ פּאָר איירישע, האָבען די אידישע איינוואוינער געמאַכט אַ סוכה. מה עשו? וואָס האָבען די איירישע געטאָן? זיי האָ־בען אריינגעוואָרפען אַ קאַץ דורכ׳ן סכך פונקט ווען מען האָט גע־געבען וועטשערע און זי איז אריינגעפאַלען אין שיסעל.

פרק ב׳.

אלו דברים כשרים לסוכה, די דאָזיגע זאַכען זיינען כשר צו מאַכען דערפון אַ סוכה: לאַנדזשעס ישנים, אַלטע לאַנדזשעס,

לאקשען ברעטער, ביגעל ברעטער און סתב העלצער און פלעקער, וואס וואלגערען זיך אין די סעלערס און מען האט דערפון קיין נוצען ניט.

זה הכלל, דאס איז דער כלל, כל דבר, יעדע זאך, וואס קען נוצען פאר די לאופערס צו מאכען א פייער אין עלעקשאן דעי, כשרים לסוכה, מעג מען דערפון מאכען א סוכה.

סוכה של שותפין יוצאין בה, מיט א שותפות'דיגע סוכה איז מען אויך יוצא. לפיכך, דעריבער, שומרי הבתים, די הויז־קיפערס מאספין חצי שקלים, קאלעקטען האלבע דאלארס פון די טענאנטס און מאכען איין סוכה פאר אלעמען.

מי שאין לו סוכה כלל, דער וואס האט גאר קיין סוכה ניט, מותר לקדש, מעג ער מאכען קידוש ביי א גוטען ברודער אין סוכה, אי דער הויזקיפער פארדרעהט די נאז און די איבריגע פארטנערס קיקען, זאלען זיי קיקען, וועמען ארט עס?

אוכלין בסוכה חבורות, חבורות, אזוי ווי די סוכה איז מעהר ניט דלד על דלד און אלע פארטנער קענען דארט מיט אמאל ניט עסען, עסט מען פא אטשערעדנע; פריהער עסט אפ איין פארטי, נאכדעם די צווייטע, די דריטע, וכו', און אזוי ווייטער.

ירדו גשמים, אז עס געהט א רעגען, מותר לפנות, מעג מען זיך ארויסקלייבען פון סוכה און עסען אין הויז, דברי ר' קלונימוס, אזוי זאגט ר' קלונימוס. ר' שלומיאל אומר, ר' שלומיאל זאגט, מי שאשתו ארורה, וועמעס ווייב עס איז א חנה פעסיל און רעגענט מיט קללות, איז אלץ איינס, אויב ער זיצט אין סוכה און עס רינט איהם אונטער'ן קאלנער אדער ער זיצט אין הויז און הערט איהרע קללות, כמה דכתיב, אזוי ווי אין פסוק שטעהט: דלף טורד ביום סגריר ואשת מדנים נשתוה, זיך ווייקען אונטער'ן רעגען און הערען דעם מענה לשון פון דער אידענע, איז איין שווארץ יאהר.

פרק ג'.

הכל חיבין בסוכה, אלע זיינען מחויב צו זיצען אין סוכה. חוץ מנשים ועבדים, חוץ ווייבער און קנעכט, דארפען אין סוכה ניט זיצען.

נשים מאי טעמא? פאר וואס דארפען ווייבער ניט זיצען אין סוכה? אמר ר' ליץ, האט ר' ליץ געזאגט, דכתיב, עס שטעהט אין

פסוק ושמחת בחגך, דו זאָלסט זיך אין דיזען יום טוב פרעהען, און אז די ארורה אָדער די שוויגער זיצט ביי דער זייט, איז די שמחה קיין שמחה ניט. ויש אומרים, און אַנדערע זאָגען, מפני דזשעליסי, ווייל אויב די ווייבער וואָלטען אויך זיצען אין סוכה, וואָלטען זיי געווען אייפערזיכטיג אויף זייערע מענער.

מעשה, עס איז געווען אַ מעשה מיט אַ מיסעס וואָס האָט שטענדיג געגעסען מיט איהר מאַן אין סוכה, אמרו לו חבריו, האָבען צו איהם חברה געזאָגט: לא קימת מצות סוכה מימיך, דו האָסט קיין מאָל די מצות סוכה ריכטיג ניט מקיים געווען.

עניים פטורין מסוכה, אָרימע ארבייטער זיינען פטור פון סוכה. מה טעמא? וואס איז דער טעם? מפני שנקראים עבדים, ווייל זיי ווערען אָנגערופען שקלאַפען צו זייערע באָסעס און שקלאַפען זיינען פטור פון סוכה.

מי שמתה לו חמותו, ביי וועמען די שוויגער איז געשטאָרבען, פטור מסוכה, איז ער פטור פון סוכה. משום שאין מערבין שמחה בשמחה, ווייל מען טאָר ניט צוזאמענמישען איין שמחה מיט די אַנדערע.

באָרדערס פטורין מסוכה, באָרדערס זיינען אויך פטור פון סוכה, ווייל וואו דער באָרדער זאָל ניט זיין, האָט ער אַלץ ניט די ארורה ביי דער זייט און ער איז שטענדיג יוצא מיטן ושמחת בחגך. ר' יקטן אומר, ר' יקטן זאגט: חיבין, באָרדערס דארפען דוקא יאָ זיצען אין סוכה, כדי שלא להטיל קנאה, ווייל אויב דער באָרדער פארבלייט אין הויז, ווערט דער מיסטער דזשעלים. ומניין, און פון וואנען ווייס איך, אז מען טאָר אויף זיך קיין חשד ניט ארויפציהען? דכתיב, ווייל אין פסוק שטעהט: והיתם נקיים מד' ומישראל מען דארף זיין ריין אי פאר גאָט אי פאר לייטען.

פרק ד'.

מי שראשו ורבו בסוכה, ווער עס זיצט אין סוכה ושלחנו בתוך הבית, און די פלונית'טע זיינע פראַוועט אַ טיש אין שטוב כיד המלך און איהם גיט זי קדחת מיט כשר'ע פאַדים, איז אף על פי, כאָטש ער איז מקים די מצוה פון ושמחת בחגך, דערמיט וואָס די ווייב איז נעבען איהם ניטאַ, פונדעסטוועגען, לא יצא, איז ער ניט

יוצא, ווייל מאַגען פריידי איז איבער אַלע פרייד און א טאַנץ געהט ניט פאַר קיין עסען.

האשה יורדת במעלות, די אידענע דאַרף קריכען די שטיגען אַראָפּ און אַרויף און ברענגען דעם מאַן אין סוכה צו עסען פון דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע, כדי שלא לבישו, כדי ניט צו שטעלען איהם אין ביוש, ומי שלבו נוקפו, און אויב ער האָט מורא אַז זי בלאָפט איהם אונטער און לאָזט פאַר זיך א בעסערען חלק, מוטב, איז בעסער, אַז ער זאָל עסען אין הויז מיט איהר צוזאַמען, כמו דכתיב, אַזוי ווי עס שטעהט אין פּסוק: הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו, דער וואָס האָט מורא זאָל געהן אין הויז.

חסידים ואנשי מעשה, חסידים און סתם מענער, וואָס האָבען ליב דעם ביטערען טראָפּען, עושים שמחת בית השאבה כל שבעה, כוסה'ן גוט אַריין אַלע זיבען טעג פון סוכות, ווייל די אַרורות זיינען ביים טיש ניטאָ און קיינער שטערט זיי ניט.

אמרו עליו על ר' טבי, מען דערצעהלט אויף ר' טוביה'לע חסיד, שהיה זהיר בנסוך המים בחג, וואָס ער פלעגט אין סוכה מאַכען א קבר אין פלעשיל און דערגיסען מיט וואַסער כדי די חסידה זיינע זאָל ניט דערקענען, ופעם אחת נכשל. און איין מאָל איז ער געשטרויכעלט געוואָרען. ומעשה שהיה כך היה, די גע־שיכטע איז אַזוי געווען:

ר' טוביה'לע האָט אַמאָל אַרונטערגענומען אין סוכה' א פולע באַטעלקע און זי ביסלעכווייז אויסגעזופּט. אום ניט צו מעורר זיין דער אידינעס צאָרן, האָט ער זי שטילערהייד אָנגעגאָסען מיט וואַ־סער און אוועקגעשטעלט אויף איהר פּלאַץ. ווען ר' טוביה'לע איז אין הויז ניט געווען, זיינען צו איהם געקומען אורחים הגונים, טוביה'כע האָט זיי מכבד געווען מיט איהר מאַנ'ס פלעשעלע און איז געבליבען בחרפּה. דער חסיד שוטה האָט נאָכדעם געכאַפּט א פּאַרציע אַז עס איז איהם געווען פינסטער און ביטער.

באותה שעה, אין יענער צייט האָט מען גוזר געווען, אַז מיט נסוך המים זאָלען נור האָבען צו טאָן סאַלון־קיפּערס און מילך־לייט, וועלכע קענען זיך איינהיטען אַז זיי זאָלען חס ושלום ניט נכשל ווערען.

אויסגעכאפּט די „חתן תורה".

ר' יאָשע שלמה'לעס, דער תבואה־הענדלער און יאָסיל שלמה'קעס, דער שניידער זיינען אין זייער שטעדטיל אין דער אַלטער היים אין דער ליטא, געווען צוויי וויכטיגע פּערזאָנען וועמען אַלע האָבען געקענט.

ר' יאָשע איז געווען אַ איד אַ נגיד, כמעט דער רייכסטער אין שטעדטיל, איז געווען אַ איד אַן אָסאָבע, מיט אַ שעהנער באָרד און אַ קיילעכדיגען בייכעל; דערצו אויך אַ בר אורין, וואָס האָט געקענט לערנען אַ פּרק משניות און אַמאָל אויך אַ בלעטעלע גמרא. ער האָט געהאַט אַ ברייטע דעה אין שטאָדט און אַלע האָבען איהם צוגעטיילט כבוד. זיין אָרט אין בית המדרש איז געווען אין מזרח וואנד נעבען רב און די שעהנסטע עליות און כבודים פלעגט ער קריגען.

יאָסעל דער שניידער איז געווען פּונקט דער היפוך פון ר' אָשע'ן. ער איז געווען אַ גרויסער קבצן, אַ מאָגערער אידעל מיט אַ ציגענע בערדיל, מען האָט איהם געהאלטען פאר אַ פּראָסטאַק וואָס קען קוים דאַווענען. קיין דעה האָט ער אין שטעדטיל ניט געהאט אויף אַ האָר, קיין כבוד האָט איהם קיינער ניט צוגעטיילט, זיין אָרט אין בית המדרש איז געווען ווייט הינטער'ן באַלעמער און אויפרופען צו דער תורה פלעגט מען איהם איינס פאר אחרון, צו אַ לייטישער עליה האָט ער זיך ניט געקענט צושלאָגען.

ר' יאָשע שלמה'לעס איז מטבעו געווען אַ שטאָלצער און אַ קאפּריזנער איד. פאר די מינדעסטע זאך פלעגט ער ברוגז ווערען און זעהר אָפּט אָנזידלען דעם יעניגען וואָס האָט פוגע בכבודו געווען. ער איז פון שטענדיג אָן געווען אַ שטיקעל רודף אחר הכבוד און קוים האָט אימיצער געטאָן אָדער געזאָגט אַ זאך וואָס איז איהם ניט געווען לרצון, איז ער געווען מלא חימה.

אויף יאָסיל שלמה'קעס האָט ר' יאָשע צייטענווייז געטראָגען אַ פאַרבאָרגענע שנאה. ער פלעגט אָפּט אויף איהם קוקען אַזוי

ווי אויף אַ שפּין און ווען ער זאָל געווען קענען, וואָלט ער איהם אפשר דערשטאכען.

יאָסיל איז בעצם געווען אַ שטילער מענש. ער האָט קיינעם נים אָנגעטראָטען; בפרט מיט דעם נגיד ר׳ יאָשע האָט ער געוויס קיינע עסקים געהאט, קיין מאָל אַ וואָרט ניט גערעדט און דאָך האָט איהם אָפּט יענער פיינט געהאט שנאת מות.

און ר׳ יאָשע׳ס שנאה צו יאָסיל דעם שניידער איז געווען אַזעלכע וואָס ער האָט געמוזט שטיקען אין זיך. זידלען איהם אָדער אויסריידען איהם האָט ר׳ יאָשע׳ן ניט געפּאַסט. ער פלעגט דארום אָפּט קראַנק ווערען פון פאַרדרוס און ער האָט געמוזט ליי־דען און שווייגען.

ר׳ יאָשע דער נגיד פלעגט אָפּט אום־כבוד האָבען דורך יאָסיל ־עם קבצן, אַבוואָהל ער, יאָסיל, האָט גאָר ניט אויסען געווען און ער האָט גאָר ניט געמיינט צו שטעלען איהם אין ביוש.

און שולדיג זיינען אין דעם געווען זייערע גלייכע נעמען.

צו דער תורה האָט מען זיי ביידען אויפגערופען מיט דעם זעל־בען נאָמען: ר׳ יוסף בר׳ שלמה. עס פלעגט דארום זעהר אפט ־רעפען, אַז מען פלעגט אויפרופען ר׳ יאָשע׳ן און יאָסיל פלעגט זיך ארויפקריכען אויפ׳ן באַלעמער און זיי פלעגען ביידע ווארטען ־יז דער שמש האָט אָנגעציינט מיט׳ן פינגער וועלכען יוסף בר׳ שלמה מען מיינט.

יאָסעל דער שניידער איז אפילו געווען אַ מענש המכיר את ־קומו. ער האָט גוט געוואוסט, אַז שישי אָדער שלישי באַלאַנגט ־יט צו איהם; אויסער דעם האָט מען ר׳ יאָשע׳ן אויפגערופען אַ ביסעל מיט אַן אנדער נוסח: יעמוד מורנו ר׳ יוסף בר׳ שלמה״, ־עהרענד איהם, יאָסלען, האָט מען אויפגערופען אָהן אַ „מורנו״; אָבער אַ מענש איז מען, אַמאָל פאַרטראַכט מען זיך ביי קריאת ־תורה, אַמאָל פאַרשמועסט מען זיך, פלעגט זעהר אָפּט טרעפען אַז ־אָסעל פלעגט פאַרהערען דעם „מורנו״, אָדער ניט וויסען ביי וועלכע עליה מען האַלט און ער פלעגט זיך צוזאַמענקומען מיט׳ן גביר ־ויפ׳ן באַלעמער אָדער אויף די טרעפּלאַך.

מאַנכעס מאָל פלעגט טרעפען, אַז לצים פלעגען אַבזיכטליך ־ונטערשיקען יאָסעל דעם שניידער דאַמאָלס ווען מען האָט אויפ־גערופען ר׳ יאָשע דעם תבואה־הענדלער, כדי צו האָבען אַ ביסעל

שפאס. נאָר יאָסלען האָט עס געארט ווי די וואנד. „איז ניט עפּידעלט" — פלעגט ער זאָגען און זיך אומקעהרען צוריק אויף זיין פּלאַץ, און אז דער עולם האָט געלאכט, האָט ער אויך מיט־געלאכט. ר' יאָשע'ן אָבער האָט עס שרעקליך געקריינקט און איהם וואָלט ליבער געווען צו באַגעגענען זיך מיט אַ לייב איידער מיט'ן אָרימען שניידער אויפ'ן באלעמער.

ר' יאָשע פלעגט זיך צואיילען, שטעלען גרויסע טריט, ווען מען פלעגט איהם אויפרופען צו דער תורה, אָבוואָהל דאָס איז ניט מעשה שעהנער איד; אָבער ער האָט עס געטאָן אום ניט צו באַ־געגענען זיך מיט זיין „בן־זוג", מיט יאָסעל שלמה'קעס. מעשה שטן פלעגט זיך אָבער יאָסעל אויסקירעווען גלייך מיט איהם און ר' יאָשע פלעגט רויט ווערען פון שאנדע.

דער רייכער ר' יאָשע האָט יאָהרען לאנג געהאט אַ חזקה אויף „חתן תורה" און קיין פרייז איז איהם ניט צופיל געווען צו באַצאָהלען פאר דיזען כבוד. שמחת תורה נאָכ'ן דאווענען האָט ער זיך נוהג געווען צו פאררופען בעל הבתים צו זיך און מען פלעגט הוליען ביז סאמע נאכט.

איין מאָל שמחת תורה צום לייענען האָט יאָסעל דער שניי־דער אריינגעכאפט אַ פּאָר טרונק בראָנפען און איז געוואָרען פרעה־ליך. איהם האָט זיך פארגלוסט אַ ביסעל אַ שטיף טאָן „לכבוד התורה" און ווען דער שמש האָט אויסגעשריען אויפ'ן הויכען קול: „יעמוד מורנו ר' יוסף בר' שלמה חתן תורה, חזק" און ר' יאָשע איז מיט גאוה און שטאָלץ ארויף אויף באלעמער, איז יאָסעל ארויף פון צווייטען זייט און מאכט צו איהם אזוי:

ר' יאָשע, פון וואנען ווייסט איהר אז מען מיינט עס אייך? איך הייס אויך ר' יוסף בר' שלמה". דער עולם האָט אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער און ר' יאָשע האָט זיך אָנגעצונדען ווי אַ פייער. — דאָס מאָל האָט ער דאָך געזעהן, אז דער שניידער טוט עס איהם צו להכעים.

„שניידערונג, שייגעץ, יונגאטש!" — האָט זיך דער שטאָלצער נגיד צופלאַקערט — „איך בין עפּעס דיין גלייכען וואָס דו פּראַ־ווּעסט מיט מיר קאַטאָוועס? גראָבער יונג, קבצן'יוק, שלעפּער, איך וועל דיר די מאָרדע דייגע צופּראַסקען!" און טאַקי תוך כדי

דבור האָט ר׳ יאָשע מכבד געווען זיין „בן־זוג" מיט אַ פּאָר שמחת־תורה׳דיגע פּעטש.

דער אָרימער שניידער האָט אָפּגעווישט די ליפּען און גע־שוויגען און פון דאַמאָלס אָן האָט ער זיך געהיט ניט אַריינצופאַלען מעהר אין ר׳ יאָשע׳ס הענד.

* * *

מיט עטליכע יאָהר שפּעטער האָט דער שיקזאל זיי ביידען, אי ר׳ יאָשע׳ן, אי יאָסעל דעם שניידער, געבראַכט קיין אַמעריקאַ. ר׳ יאָשע איז דאָ אויך געווען ר׳ יאָשע, אַפילו ניט רייך, אָבער ער האָט געפיהרט אַ שטאָט פון אַ שעהנעם אידען און איז געווען אַן אָנגעזעהענער בעל הבית אין דער חברה פון זיינע לאַנדסלייט. דאָ, אַזוי ווי אין דער היים, האָט ער אָנגעהאַלטען די חזקה אויף „חתן תורה" און שמחת תורה׳דיגען טאָג פלעגען ביי איהם די חברה ברידער הוליען אויף וואָס די וועלט שטעהט.

יאָסעל דער שניידער איז דאָ אויך געווען יאָסעל דער שניי־דער; אָבער ער איז געשטאַנען אין אַ העכערע מדרגה ווי ער איז געשטאַנען אין דער היים. ער איז ניט שלעכט אָפּ געווען און האָט זיך אויסגעמענשעלט.

איין שמחת תורה איז יאָסעל געקומען דאַווענען צו זיינע לאַנדסלייט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף ר׳ יאָשע׳ן, וועלכער איז געשטאַנען ביים אָרון הקדוש אין סטאַף פּייפ, מעשה נגיד און שעהנער איד און ער האָט זיך דערמאָנט אָן די אַמאָליגע פּעטש וואָס ער האָט פון איהם געלייזט. היינט דאַרף מען זיך מיט איהם אָפּרעכענען — האָט יאָסעל ביי זיך געטראַכט — און טאַקע אויס־כאַפּען זיין „חתן תורה" אויף אַן אמת און זאָל ער וויסען.

מען פאַרקויפט שוין עליות און עס האַלט שוין ביי פאַר־קויפען חתן תורה.

— צוואַנציג שילינג פאַר חתן תורה — שרייט אויס דער שמש.

— פינף און צוואַנציג.

— דרייסיג.

— פערציג — הערען זיך קולות פון אַלע זייטען און דער שמש חזר׳ט עס איבער בקול רם.

און פייגע חיה, ר׳ יאָשע׳ס ווייב, זיצט אין עזרת נשים און

קליבט נחת. זי ווייס, אז דאָס געהט אימיצער אין „רייסעס" מיט איהר מאַן און געווינען וועט ער דאָך געוויס.

עס האַלט שוין ביי זיבעציג שילינג. „ער האָט זיך צוקאָכט, מיין אַלטער" — האָט פייגע חיה געזאָגט מיט שטאָלץ צו די ווייבער וואָס זיינען געשטאַנען נעבען איהר — „אָה, מיינער וועט עס ניט אַרויסלאָזען. שוין אפשר דרייסיג יאָהר, אַז ער האָט חזקה אויף „חתן תורה".

— אכציג שילינג פאַר חתן תורה! — שרייט ווייטער דער שמש.

— נײַנציג.

— הונדערט.

עטליכע מאָל האָט דער שמש אויסגעשריען: „הונדערט שילינג פאַר חתן תורה" און דערביי איז עס פאַרבליבען.

מען האָט שוין אָפּגעלייענט און עס האַלט שוין ביי חתן תורה. דער בעל קורא זינגט „מרשות" מיט אַ פרעהליכען ניגון און פייגע חיה קוקט נאָך אין מחזור יעדעס וואָרט און שמעלצט זיך פון שמחה.

„לתת חיים וחסד ונזר ועטרה לרבי יוסף בר' שלמה הנבחר להשלים התורה" — זינגט דער בעל קורא און דרעהט אביסעל צו אויפ'ן אויבער.

„הערט איהר?" — זאָגט פייגע חיה צו די ווייבער — „פיל מען גיט דערפאַר איז ווערט. דאָס באַזינגט דאָך אַלעס דעם חתן, מיין אַלטען, זאָל געזונד זיין!" און בשעת מעשה קוקט זי די ווייבער אין די אויגען צו זעהן וואָס פאַר אַ מינע זיי מאַכען, אויב זיי זיינען איהר מקנא די גדולה וואָס זי האָט.

און פאַרשמועסענדיג זיך מיט ווייבער זעהט ניט פייגע חיה ווען מען רופט אויף צו דער תורה, הערט ניט די ברכות און איז האַלב צומישט פון איבערראַשונג. אַזוי זיצט זי און פרעגעלט זיך אין נחת און אין כבוד ביז ענדע דאַווענען.

נאָכ'ן דאַווענען מאַכט פייגע חיה צו עטליכע פּאַטשאַטנע אי־דענעס: „אייערע ווועלען דאָך געהן צו מיר אויף קידוש, אָט קומט אויך. ניט צו פאַרזינדיגען. איך האָב אָנגעגרייט גענוג און עס וועט זיין מיט וואָס איבעררייבען די צייהן."

זי איז אַרויס פון שוהל צוזאַמען מיט נאָך עטליכע ווייבער.

באַלד נאָך זיי איז ר׳ יאָשע אַרויסגעגאַנגען. די ווייבער האָבן איהם אָפּגעגעבן אַ ברייטען גוט יום טוב.

— וואָס שטעהסטו דאָ? — מאַכט ר׳ יאָשע צו זיין אידענע אַ שלעפּ טוענדיג איהר פאַר׳ן אַרבעל — קום אהיים.

— מען דאַרף וואַרטען אויפ׳ן עולם — ענטפערט זי מיט גדלות.

— עולם, שמוילאָם! — רופט זיך אָפּ ר׳ יאָשע מיט רוגזא — אַ מדינה אַמעריקאַ, שניידרוקעס זיינען דאָ בעלי הבתים, חתן תורה רופט מען זיי אויף! יאָסעל שלמה׳קעס איז דאָ אויך אַ לייט, טפו! אהיים קום, זאָג איך.

ר׳ יאָשע מיט זיין ווייב זיינען אַוועק אהיים מיט צובראָכענע הערצער און דער עולם איז אַוועק צו יאָסעל דעם שניידער אויף כיבוד.

חנוכה,
חמשה עשר
און ניי־יאָהר

פארשפּילט דעם רבי'ס חנוכה־געלט

א.

דערצעהלט מיר א פריינד פאָלגענדע מעשה'לע:

דער טעם פון די שמיץ, וואָס איך האָב יענעם חנוכה אריינ־געכאפּט פון מיין טאַטען אין חדר פאר די אויגען פון מיינע חברים, ליגט מיר נאָך איצט אין מויל און איך וועל עס קיינמאָל ניט פארגעסען.

געטאָן האָב איך גראדע א קליינינקייט. איך האָב פאר־שפּילט די חנוכה־געלט וואָס מיין מאמע האָט מיט מיר געשיקט פאר מיין רבי'ן. אָבער עס איז דערפון ארויסגעקומען גרויסע צרות. איך וועל אייך דערצעהלען די מעשה כסדר. אָבער פריהער וועל איך אייך פארשטעלען מיין טאַטען, מיין מאַמען און מיין רבי'ן.

מיין טאַטע האָט געהייסען איטשע בער דער סוחר. ער איז ניט געווען קיין גרויסער נגיד, אָבער א פיינער בעל הבית און זעהר אן אָנגעזעהענער מענש אין שטעדטעל.

געהאַנדעלט האָט ער ניט אין גאנצען מיט אייגענעם קאפּי־טאל און איז שטענדיג געווען פארדרעהט מיט חובות. ער פלעגט באָרגען גמילות חסדים און האָט אויך געהאַלטען פרעמדע געלט אויף פּראָצענט און האָט געפיהרט פיינע געשעפטען.

א בטוח איז ער געווען א גרויסער, אפשר דער גרעסטער אין אונזער שטעדטעל, און מען פלעגט צו איהם טראָגען געלט גאָר ניט געבעטענערהייד. האָט אן אָרימער בעל מלאכה געוואָלט אָפּ־שפּאָרען געלט אויף א כאַלופּקע אָדער אויף קויפען א קוה, פלעגט ער זיינע אפּגעשפּאָרטע גילדענס אָדער רובעלס טראָגען צו מיין טאַטען. דינסטמיידלאך פלעגען קלייבען זייערע נדן ביי מיין טאַטען, און האָט איינער א שידוך געטאָן מיט א קינד און האָט געדאַרפט איינלעגען דעם נדן, האָט ער קיין בעסערען און זיכערען פלאַץ ווי ביי מיין טאַטען ניט געפונען.

מען פלעגט פון איהם ניט פאָדערען קיין פארמאַלנעם וועקס־

סעל. אַ פּשוט'ער אידישען שטר חוב'ל איז גענוג געווען. איטשע בער'ס אַ שטר חוב'ל אָדער אפילו אַ ווארט איז געווען אזוי ווי אַ מזומנ'ע אסיגנאַציע. יעדער איינער אין שטעדטעל האָט גע־וואוסט אַז איטשע בער דער סוחר איז אַן עהרליכער מאַן, אַ וואָרטסמאַן און מען האָט איהם שטענדיג געטרויט.

די מאַמע מיינע איז געווען אַן אשה חשובה און האָט אויך געהאַט אַ גוטען נאָמען אין שטעדטעל. מען פלעגט פון איהר קריגען אַ טובה, אַ נדבה, ווען מען האָט געדאַרפט, און מען האָט פון איהר זעהר שטאַרק געהאַלטען.

אַ שניידער, אַ שוסטער אָדער אירגענד וועלכער בעל מלאכה, וואָס האָט פאַר איהר עפּעס געטאָן, פלעגט באַלד אויפ'ן אָרט קריגען באַצאָהלט אויפ'ן פיינסטען אופן. עס האָט קיינמאָל ניט פּאַסירט אַז מען זאָל ביי איהר דאַרפען מאָנען אַ חוב. שכר לימוד פלעגט זי אָפּהיטען צו צאָהלען פּינקטליכער ווי די גרעסטע גביר'טע. היינט איז ביי איהר געווען אַ חק ולא יעבר צו שיקען דעם רבי'ן ראש חודש געלט, ל"ג בעומר געלט, חנוכה געלט און דאָס גלייכען.

אין דער הינזיכט פון צאָהלען, האָט מען מיין מאַמע געהאַל־טען פאַר דער בעסטער באַלעבאָסטע אין שטעדטעל. זי האָט איהרע חובות שטענדיג געהאַלטען אויפ'ן קאָפּ און מען האָט עס איהר קיינ־מאָל ניט געדאַרפט דערמאָנען. אין די הוצאות פון שטוב און אפילו זייטיגע הוצאות האָט זיך דער טאַטע ניט געמישט. דאָס איז אַלץ געלעגען אויף דער מאַמע'ס קאָפּ און מען האָט זיך אויף איהר געקענט פאַרלאָזען.

אָט דאָס איז מיין סדר היחוס. אַצינד לאָמיר געהן צו מיין רבי'ן.

דער רבי מיינער האָט געהייסען חיים שמעיה ברוגז. „ברוגז" איז געווען זיין צונאָמען. מען האָט איהם אזוי גערופען, ווייל ער איז געווען עפּעס אַן אָנגעבלאָזענער איד, שטענדיג אַ ברוגז'ער און האָט אויף אַלעמען געקוקט קרום אזוי ווי ער זאָל די גאַנצע וועלט זיין אַ שונא, אפילו זיך אליין אויך.

ער איז געווען עפּעס אַן אומגעלומפּערטער איד. אַ גרויסער, אַ לאַנגער, מיט אַ רויטע באָרד, רויטע אויגען און רויטע ברעמען. איך ווייס ניט אויב אימיצער האָט ווען געזעהן דעם אידען שמייכ־לענדיג. עפּעס אַ מאָדנער מר נפש'ניק געווען, שטענדיג פאַרטרוי־

ערט, שטענדיג פאַרזאָרגט און שטענדיג אָנגעבלאָזען אזוי ווי אן אינדיק.

איך ווייס ניט אויב ער איז טאַקי געווען אזא רשע, אָבער עס האָט אויסגעזעהן אז ער האָט די גאַנצע וועלט פיינט גע־האַט. אפילו זיינע אייגענע קינדער, האָט אויסזעהן, האָט ער אויך פיינט געהאַט. ער האָט זיי געהאט עפּעס זיבען אדער אכט שטיקלאך, איינס קלענער פון דאָס אנדערע. פלעגען אומגעהן כמעט מיט די הוילע פּופּקעס, ווייל זיי האָבען קיין גאַנץ בגד׳ל אויף זייער לייב ניט געהאט. פלעגט ער, דער רבי, הייסט עס, זיך אויף זיי בייזערען, פלעגט זיי שילטען און אויך ניט זשאַלעווען א קלאַפּ. און מיינט איהר פאַרוואס? דערפאַר וואס זיי פלעגען בעטען נאָך א שטיקעל ברויט אָדער נאָך א ביסעל קרופּניק.

„פרעסערס, זוילפערס!״ — פלעגט ער אויף זיי שרייען — „דעם מלך׳ס אוצרות קענען דאָך ניט קלעקען אָנצוקאָרמענען אייך. וואו וועט מען אייך נעהמען נאָך? א דאַנק גאָט דערפאַר. וואו שטעהט עס געשריבען אין דער תורה אז מען דאַרף פרעסען דריי מאָל א טאָג?״

דער רביצין, זיין ווייב, הייסט עס, האָט אויך ווי עס האָט אויסגעזעהן, חיים שמעיה ברוגז פיינט געהאט. זי איז געווען א דאַרע אידענע מיט איינגעפאַלענע באַקען, וואָס פלעגט מעהר פאַסטען ווי עסען. אויף איהר פלעגט ער זיך אָפטמאָל אויך ביי־זערען, ווען זי פלעגט זיך באַקלאָגען אז זי האָט ניט אויף שבת הוצאות אָדער אין מיטען וואָך אויף גרויפּען פאַר וועטשערע.
„דרעה מיר ניט קיין קאָפּ״ — פלעגט ער אויף איהר שרייען — „ניטאָ, דאַרף מען ניט! וואָס טוט קהל אָהן אן אתרוג? בענשט מען ניט!״

און ווי ער האָט די גאַנצע וועלט פיינט געהאט, האָט ער אָבער זעהר ליב געהאט געלד. א מאָדנער אוהב ממון געווען. פלעגט ער דערזעהן א רובעל אָדער א האַלבען רובעל שכר לימוד, פלעגט ער גאָר ווערען אן אנדער מענש. דאַן פלעגט ער שוין ניט שרייען ניט אויף די קינדער, ניט אויף דער רביצין און אפילו צו אונז, תלמידים פלעגט ער אויך זיין גאָר ניט דער ערך בעסער.

ווער שמועסט יענער אינגעל וואָס פלעגט איהם ברענגען געלד, פלעגט שוין יענעם טאָג זיין זיכער פון קלעפּ, פּעטש און בוכט־

שעס. אז מען פלעגט איהם ברענגען אַ זייטיגע מטבע, ווי אַ שטייגער, ראש חודש געלד, ל"ג בעומר־געלד, אָדער חנוכה־געלד, פלעגט ער צו יענעם אינגעל זיין אזוי גוט און קלעפּען זיך צו איהם פשוט אזוי ווי אַ האָניג טייגעל צו אַ געשוויר.

יעדער אינגעל האָט געוואוסט, אז דעם טאָג וואָס ער ברייגנט דעם רבי געלד איז ער אַ תקיף און דעם רבי'ן'ס האנד וועט אויף איהם ניט קומען, אפילו אז ער וועט ניט וויסען דעם ישיעור, אפילו ווען ער וועט זיך ניט איינקוקען איז חומש אָדער אין גמרא, אפילו ווען ער וועט זיך שפּילען אין מיטען לערנען, אפילו ווען ער וועט שטיפען און „איבערקעהרען די וועלט".

איך בין געווען דער רייכסטער אינגעל אין חדר און דער בעסטער צאָהלער. מיין מאַמע, האָב איך אייך שוין דערצעהלט, האָט געהאט אַ טבע אָפצוהיטען צו צאָהלען שכר לימוד אין צייט, אַקוראַט אזוי ווי זי פלעגט אָפּהיטען ליכט בענשען, ברכה זאָגען אָדער קריאת שמע לייענען. ראש חודש געלד פאַר אַ מלמד איז ביי איהר געווען אַ פּרייז אַ גאַנצער גילדען. חנוכה געלד פלעגט זי שיקען גאַנצע צוויי גילדען און פורים פלעגט זי זיך נוהג זיין צו שיקען אַ פיינע שלח־מנה.

די בעסטע טעג האָב איך געהאַט אין חדר, ווען איך פלעג ברייגנען שכר לימוד אָדער ראש חודש און חנוכה־געלד. אזוי פלעגט מיך דער רבי רופען „יאָשקע גוי" אָדער „יאָשקע שייגעץ" און פלעגט ניט מורא האָבען צו הויבען אויף מיר אַ האַנד און טאַקי ארונטערלאָזען אויך, כאָטש איך בין געווען דער רייכסטער אינגעל אין חדר און דער בעסטער צאָהלער; דעם טאָג אָבער, ווען איך פלעג ברייגנען געלד אָדער אַפילו ווען ער האָט זיך גע־ריכט, אַז איך וועל ברענגען, פלעג איך ביי איהם הייסען „יאָסעלע" און איך פלעג כמעט גאָר ניט פיהלען אַז איך האָב אויף זיך דעם יאָך פון אַ חדר מיט אַ רבי'ן.

אצינד, אז איהר זייט שוין באַקאַנט מיט אַלעס, געהען מיר צום עיקר המעשה.

ב.

דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר פערציג צוריק, ווען איך בין געווען אַ אינגעל פון אַ יאָהר אכט אָדער ניין. איך האָב דאמאָלס

געלערענט התחלת גמרא ביי דעם חיים שמעיה ברוגז וואָס איך האָב אייך דערצעהלט. דאָס איז ניט געווען דער ערשטער זמן וואָס איך האָב ביי איהם געלערענט, נור דער פינפטער, און ער האָט שוין געוואוסט ווי מיין מאמע היט אָפּ פּינקטליך צו שיקען איהם ראש חודש געלד און חנוכה געלד.

יענעם חנוכה, וואָס איך וויל אייך דערצעהלען, האָט מיר די מאמע באַלד צו דער ערשטער ליכטעל געגעבען צוויי זילבערנע גילדענס פאַר׳ן רבי׳ן חנוכה געלד. אַ שטיקעל קונדס בין איך גע־ווען און דער יצר הרע, ימח שמו זאָל ער ווערען, האָט מיך אָנ־געריידט, אַז איך זאָל די צוויי גילדען ניט אָוועקגעבען דעם רבי׳ן. ער, דער ימח־שמו׳ניק, האָט מיר איינגערויבעט אין מיין קינדערשען מח, אַז איך זאָל מיט׳ן געלד שפּילען „למד אלף״ און ער האָט מיר פאַרגעשטעלט גליקען אַז איך וועל געווינען אַ סך געלד. איהר ווייסט דאָך, אַז ווען דער יצר הרע טשעפּעט זיך צו צו אַן על־טערען מענשען, צו אַ בר דעת, פיהרט ער אויך אויס, בפרט צו אַ קליין אינגעל, צו אַ קינד וואָס האָט נאָך קיין שכל ניט. הכלל האָט דער יצר הרע אויסגעפיהרט און איך האָב די צוויי גילדען ארונטערגעלאָזט אין קעשענע.

האָב איך זיך נאָך מעריב פאַרקליבען מיט נאָך דריי אינגלאַך, דוקא עלטערע פון מיר, אין אַ ווינקעל פון ווייבער־שטי־בעל אין גרויסען בית המדרש און מיר האָבען אָנגעהויבען שפּילען „למד אלף״. קיינער איז אין בית המדרש ניט געווען און מען האָט אונז ניט געשטערט און מיר האָבען „געגעמבעלט״ אויף וואָס די וועלט שטעהט.

מיר איז ניט געגאַנגען קיין קאָרט און איך האָב אַלס פאַר־לאָרען. עס קען זיין, אַז דאָס האָט ניט מיין מזל גורם געווען, נאָר יענע אינגלאַך מיט וועלכע איך האָב געשפּילט, זיינען געווען מאַשעניקעס און האָבען עפּעס געמאַכט פאַלשקייטען. איך בין דאָך עפּעס געווען אַ נגיד׳ישער אינגעל און אַ נגיד, האָבען זיי אפשר געלערענט דעם פּשט, מעג מען אָנמעסטען אין עטליכע גראָשען. אָבער סאַי ווי סאַי, האָט עס אפשר געדויערט איין שטונדע צייט און פון די צוויי גילדען איז מיר פאַרבליבען בלויז איין און איינציגע קאָפּיקע, און חברה האָבען שוין מעהר ניט גע־וואָלט שפּילען.

מיר האָט די זאַך זעהר באַנומען ביים הארצען און פאר צרות האָב איך פאר דער לעצטער קאָפּיקע געקויפט באָקסער און עס אויפגענאַשט.

איך בין געקומען אהיים א פארטרויערטער, אָבער איך האָב זיך געהיט אַז קיינער זאָל דאָס ניט באַמערקען.

יענע נאַכט האָט מיך קיין שלאָף ניט גענומען. עס האָט מיך ניט געאַרט וואָס איך האָב פארשפּילט פרעמדע געלד. איך האָב מיט מיין קינדערשען שכל ניט געקענט משיג זיין, אַז פאר די צוויי גילדען וואָלט מיין רביצין געהאַט קרופּניקעס אפשר אויף צוויי וואָכען צייט. אָבער עפּעס איז מיר די מעשה גלאַט פאַרדראָ־סיג געווען. אגב האָב איך מורא געהאַט טאָמער וועט זיך דער טאַטע אָדער די מאַמע דערפון דערוויסען און דאַן וועט זיין א מיאוס׳קייט.

אָבער איך האָב זיך נאַכהער באַרוהיגט. דער רבי, האָב איך געטראַכט, וועט דאָך ניט מאָנען קיין חנוכה געלד, ווארום איך האָב געוואוסט אַז קיין ראש חודש געלד מאָנט ער אויך קיינמאָל ניט. טאָמער אפילו וועט ער יאָ מאָנען, וועל איך איהם זאָגען, אַז די מאַמע האָט ניט געגעבען. אויפ׳ן ערגסטען אופן אפילו, טאָמער וועט מען זיך דערוויסען אין דער היים, אַז איך האָב דעם רבי׳ן ניט אָוועקגעגעבען די חנוכה געלד, וועל איך זאָגען, אַז איך האָב עס פארלאָרען פון קעשענע.

אָט אזוי האָט מיר מיין שכל דיקטירט און איך האָב אויפ־געהערט ערגערען זיך אָדער מורא האָבען.

ג.

ווען איך בין אויף מאָרגען געקומען אין חדר, האָבען זיך צוויי פון מיינע חברים באַריהמט פאר מיר, אַז זיי האָבען געבראַכט דעם רבי חנוכה געלד. איינער האָט געבראַכט א זעקסער — דריי קאָפּיקעס, און דער צווייטער א צעהנערעל — פינף קאָפּיקעס. דאָס האָט מיר א שטאָך געטאָן אין הארצען, אַלץ ניט ווייל איך האָב באַ׳גנב׳עט אָדער באַ׳גזל׳ט דעם רבי, נור ווייל איך האָב ניט געהאַט מיט וואָס צו באַריהמען זיך. ווען איך זאָל דעם רבין׳ס חנוכה געלד ניט געווען פארשפּילען, וואָלט איך זיך דאָך געקענט

באריהמען אז איך האָב געבראכט גאנצע צוויי גילדען! איך האָב גאַנץ שטאַרק חרטה געהאט אויפ׳ן עסק, אָבער פאַרפאַלען.

ווען מיר האָבען זיך געזעצט לערנען און די צוויי אינגלאַך האָבען איבערגעגעבען דעם רבי׳ן די חנוכה געלד, האָב איך באַמערקט ווי ער האָט עפּעס אַ קוק געטאָן מיט זיינע רויטע אויגען אויף מיר. ווי איינער רעדט: נו, און דו, יאָסעלע? דאַן האָט מיר ווידער די זאַך פאַרדראָסען. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי שטאָלץ איך וואָלט עס געווען ביי זיך ווען איך זאָל די געלד ניט פאַרשפּילען און איהם דערלאַנגען די צוויי זילבערנע גילדענס! אָבער ווידער די אייגענע מעשה — פאַרפאַלען.

אביסעל שפּעטער קומט צו די רביצין און פרעגט דעם רבי׳ן:

— האָסט אפשר עפּעס געלד, חיים שמעיה? מען דאַרף געהן אין מאַרק אריין און איך האָב ניט אַ גראָשען ביי דער נשמה.

— זעכצעהן גראָשען, דאָס אַלעס וואָס איך האָב — ענטפערט דער רבי אַ ברוגז׳ער און דערלאַנגט איהר דעם זעקסער מיט׳ן צעהנעריל וואָס די צוויי תלמידים האָבען איהם געבראכט.

— און דער באָהאַטי כלאָפּעץ (רייכער אינגעל) האָט נאָך ניט געבראכט קיין חנוכה מעות? — פרעגט די רביצין.

— ניין, דערווייל נאָך ניט — ענטפערט דער רבי.

— וואָס איז די מעשה? — פרעגט ווייטער די רביצין — זאָג איהם, אפשר ער זאָל לאָמר׳ן דער אמו?

— רייסען פאַר די פּאָלעס — ענטפערט דער רבי מיט אַ שטאַרק ברוגז׳ן טאָן — פּאַסט ניט. מסתמא וועט זי שיקען.

איך האָב פאַרשטאַנען אז מען שמועסט וועגען מיר, וועגען מיין מאַמע׳ס חנוכה געלד, אָבער איך האָב זיך געמאַכט ניט ווויסענדיג.

אויף מאָרגען איז ווידער פאָרגעקומען דער זעלבער געשפּרעך צווישען דעם רבי׳ן און דער רביצין, אָבער דיזען מאָל האָט מיר שוין דער רבי אַ פרעג געטאָן: „יאָסעלע, וואו איז דיין חנוכה געלד?"

— די מאַמע האָט מיר ניט געגעבען — האָב איך געענטפערט מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

— עס איז עפּעס ניט גלאַט, האָט די רביצין אַ זאָג געטאָן צום רבי׳ן.

— זי האָט זיך מסתמא פארגעסען — האָט דער רבי גע־זאָגט — דערמאָן איהר, יאָסעלע.

ווען איך בין אויף מאָרגען געקומען אין חדר, האָט דער רבי אויף מיר געקוקט און געקוקט, דאן האָט ער מיר א פרעג געטאָן: „נו, געזאָגט דער מאמע?"

— געזאָגט — ענטפער איך מיט א האלבען מויל.

— וואָס זשע האָט זי געענטפערט?

— זי האָט געזאָגט, ניטאָ קיין געלד.

דיזען תירוץ האָב איך אויסגעטראַכט ביי נאכט אויפ׳ן געלע־גער און עס איז ארויס פון מיין מויל אזוי גלאַט אזוי ווי עס וואָלט טאַקי געווען אן אמת.

— זעהסטו שוין, חיים שמעיה, — האָט די רביצין באַמערקט — איך האָב געטראָפען, אז עס איז עפּעס א מעשה, אזוי ווי אין ונתנה תוקף שטעהט „מי יעני ומי יעשר".

איך האָב יענעם טאָג געבראכט מיט זיך אין חדר פּוטער מיט ברויט. איך האָב אָבער געהאט א טבע אָפּצולעקען די פּוטער אָדער שמאלץ וואָס מען פלעגט מיר אָנשמירען אויף ברויט און אויך דאַמאָלס האָב איך א היבשע ביסעל אָפּגעלעקט. זעה איך ווי די רביצין באַטראַכט מיין ברויט מיט פּוטער, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און מורמעלט צו זיך אליין: „וועה געשעהן, א שטיקעל חמאה פאר׳ן ילד זשאַלעוועט מען שוין אויך".

נאכהער איז אריינגעקומען עפּעס א שכנה. האָט די רביצין מיט איהר גע׳טענה׳ט און גע׳טענה׳ט און יענע האָט געקוקט אויף מיר און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. איך האָב נור געהערט די ווער־טער: „קופּעץ" (סוחר), „ילד", „מעות" און נאָך לשון קודש׳דיגע און, להבדיל, גוי׳אישע ווערטער. איך האָב פארשטאַנען אז מען רעדט עס וועגען מיר, וועגען מיין טאַטען; אָבער וועגען וואָס עס האנדעלט זיך, האָב איך ניט געוואוסט.

נאָכדעם איז אריינגעקומען נאָך א שכנה און א שכן און די רביצין האָט מיט זיי אויך פארפיהרט א שמועס. דער רבי האָט זיך אָפּגעקעהרט פון טיש און האָט אויך אריינגעוואָרפען א פּאָר ווערטער. איך האָב געוואוסט, אז דאָס רעדט מען אַלץ וועגען מיר, אָבער וואָס ווען, האָב איך ניט געקענט באגרייפען.

אויף מאָרגען האָב איך עפּעס געקלעטערט איבער א פּאר־

קאן און געמאכט א „געוואלד רים" אין מיינע פליודערלאך. ווען איך בין געקומען אין חדר און די רביצין האט דאס דערזעהן, האט זי פארבראכען מיט די הענד און האט א זאג געטאן צום רבי'ן: „אט וואו עס האלט שוין. מען פארמאגט שוין ניט א פאר תחתונים'לאך פאר'ן ילד", און ווען עס זיינען אריינגעקומען שכנות אדער שכנים, האט זי זיך ווידער מיט זיי גע'סוד'עט און אלע וועגען מיר.

פאר איין זאך האב איך מורא געהאט, טאמער וועט דער רבי אויסלאזען כל חמתו צו מיר און וועט מיך שלאגען דערפאר וואס איך האב איהם ניט געבראכט קיין חנוכה געלד. אבער ניין. ער האט מיך ניט געטשעפעט און איך בין צופרידען געווען.

ד.

איך געדענק ניט ווען דאס איז געווען, צו דער זעקסטער אדער צו דער זיבענטער ליכטעל, איז ביי אונז אין שטוב געווען א שטיקעל שמחה. מיין מאמע האט אויסגעבראטען א גאנצע גאנז, האט געמאכט לאטקעס און פארבעטען משפחה לכבוד חנוכה. זי פלעגט עס טאן אלע חנוכה און מען פלעגט זיך פיין משמח זיין.

ווען אלע זיינען געזעסען ביים טיש און מען האט געגעסען און געטרונקען, איז אריינגעלאפען מאטיע דער שמיעד מיט'ן פארטוך און פארשמירטען פנים און איז צוגעגאנגען גלייך צום טיש א פארסאפעטער.

— וואס גוטעס וועט איהר זאגען, ר' מאטיע? — האט איהם דער טאטע געפרעגט.

— איך וויל מיין געלד! — האט מאטיע האסטיג אויסגע־שריען — זעצט אייך אן וועמען איהר ווילט, אבער ניט מיר. די עטליכע רובעל וואס איך האב ביי אייך, האט מיר געקאסט גענוג שוויים און בלוט. גיט מיר מיין געלד!

עוד זה מדבר, מאטיע דער שמיעד האט נאך גערעדט, איז אריינגעלאפען בעריל דער שוסטער מיט קולות:

— וועמען ווי וועמען, אבער מיר טאָרט איהר דאס ניט טאן. איהר ווייסט דאך, אז דאס איז ניט מיינע געלד. דאס איז מיין

מיידעל'ס געלד. האָט נעבאך געקליבען גראָשען צו גראָשען, און וואָס וועט זי איצט טאָן? מיט וואס וועט זי חתונה האָבען?

דער האָט נאָך ניט געענדיגט, איז אריינגעלאָפען פעסיע די בייגעל־בעקערקע. די אידענע האָט געשריען, געקוויטשעט, גע־קלאַפּט אָן טיש, געשאָלטען מיט טויטע קללות, הכלל, גיב איהר אָפּ איהר געלד! נאכהער זיינען געקומען נאך און נאך און עס איז געווארען א „ראָן", ווי מען רופט עס דאָ.

דער טאטע מיט דער מאמע האָבען זיך ביי זיי געבעטען. זיי האָבען זיי געגעבען צו פארשטעהן, אַז זייער געלד ליגט אין גע־שעפט און מען קען עס ניט כאַפּען מיט דער מינוט, אבער מען וועט אלעמען אויסצאָלען און עס וועט קיינעם אפילו א פּרוטה ניט פעהלען. די לייטע האָבען אבער ניט געוואָלט אָבטרעטען, און עס האָט זיך געטאָן חושך אפשר ביז האלבע נאכט.

אויף מארגען פריה זיינען געשטאַנען רעדלאך מענשען ארום אונזער שטוב. א פּאָר אידענעס האָבען געוואָלט אויסקלאַפּען די פענסטער און עס האָט זיך געקערט װעלטען. מיך האָט די מאמע אַװעקגעשיקט אין חדר.

אפשר אין א פּאָר שטונדען ארום, ערשט מיין טאַטע מיט מיין מאמע זיינען דאָ אין חדר. זיי זיינען ביידע געקומען פאר־סאָפּעטע און זיי האָבען קוים דעם אָטעם געצויגען.

— מיט אייך, רבי — האָט מיין טאַטע געזאגט — בין איך געקומען צוקריגען זיך. איהר ווייסט וואָס עס טוט זיך ביי אונז? מיט אמאָל זיינען אונז באפאַלען אלע קרעדיטאָרען — גיב זיי געלד! בכן וואָס איז? עס איז ארויס א קלאַנג, אַז מיר זעטצען אָן! האָבען מיר זיך גענומען אויספרעגען פון וואַנען דאָס שטאַמט, זיינען מיר דערגאַנגען, אַז דאָס שטאַמט פון אייך, אַז איהר האָט דאָס ארויסגעבראַכט דעם קלאַנג. גזלן, רוצח, וואָס האָט איהר געהאַט צו אונז?

דער רבי און די רביצין זיינען געשטאַנען און די הויט האָט אויף זיי געציטערט.

— מיר זיינען גאָר ניט אויסען געוועזן — האָט זיך די רביצין פאַרענטפערט — מיר ווייסען פון שטענדיג אָן, אַז איהר שיקט אונז ראש חודש געלד און חנוכה געלד. זאָל אייך גאָט דערפאַר

העלפען. דעם מאָל האָט אייער יאָסעלע, זאָל געזונד זיין, דער־צעהלט, אז די מאמע האָט ניט געשיקט קיין חנוכה געלד. זי האָט געזאָגט אז זי האָט ניט, און דאס קינד איז עפּעס געווען אזוי אומע־טיג, אזוי פארטרויערט, האָבען מיר געמיינט אפשר חס ושלום אראָפּ פון מעמד און מיר האָבען דאָס צווישען זיך איבערגערעדט. ווער האָט געוואלט וויסען, אז עס וועט דערפון ווערען אזא סומאַ־טאָכע?

דערהערט די דאזיגע ווערטער, כאַפּט זיך ארויס די מאמע:

— וואָס הייסט, ניט געשיקט קיין חנוכה געלד? ווי דען? יאָסעלע, וואו האָסטו הינגעטאָן דעם רבי'ס חנוכה געלד?

מיר איז זויער געווארען אויפ'ן הארצען. איך האָב זיך שטארק דערשראָקען און ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען.

דאָן האָט מיך דער טאטע ארויסגעשלעפּט פון מיין אָרט, האָט ארונטערגענומען דעם רעמענעם פּאַס פון די הויזען, האָט איהם צוזאמענגעלעגט אין צווייען און האָט זיך אָפּגערופען מיט כעס:

— דו זאָלסט שוין, שייגעץ איינער, זאגען דעם אמת, וואו האָסטו הינגעטאָן די צוויי גילדען? דו וועסט בעסער מאכען, יאָסעל, אז דו וועסט זיך מודה זיין.

פאר'ן טאטענ'ס פּאס האָב איך געציטערט אימת מות און איך האָב בחרפּתי מודה געווען.

— אז אזוי, לאָבוז איינער, — האָט דער טאטע געזאָגט, — טאָ געה זשע אויפ'ן בענקעל. און ער האָט טאקי ניט געוואַרט אויף דרך ארץ, און האָט מיך שוין א לעג געטאָן אויפ'ן בענקעל. די מאמע האָט געהאַלטען פאר די פיס, און ער האָט געשלאָגען מלקות.

אי, האָט ער געקאַטעוועט! עס איז אזש געגאנגען א רויך, זאָג איך אייך.

נס חנוכה אין באָקענוויל

מר. טשאַרלס טראַסק, אַ האָלסייל רעגס און דזשאַנק דילער און פּרעזידענט פון דער קאָנגרעגיישאָן „שבת אחים אנשי באָקענוויל", האָט אָפּגעבענטשט די ערשטע חנוכה ליכטעל, געמאַכט אַ גוטען שנעפּסיל מיט איינגעלאַדענע גוטע ברידער, פאַרביסען מיט רעטשענע לאַטקעס, וואָס די פּרעזידענטיכע האָט געמאַכט און זיך אָוועקגעזעצט מקים זיין די מצות פּאָוקער לכבוד חנוכה.

באָקענוויל איז ניט קיין גרויסע שטאָדט. די אידישע קהלה דאָרט צעהלט בסך הכל עטליכע מנינים מענשען, וועלכע זיינען פאַראייניגט אין איין קאָנגרעגיישאָן און האַלטען אויס אַ שולכעל מיט אַ מקוה כשרה צוזאַמען, אַ שטיקעל אייגענע קרקע, אַ חברה קדישא, אַ שוחט וועלכער דינט זיי אויך אַלס חזן, און אַ שמש, וואָס איז אויך אַ מלמד און לערענט מיט זייערע קינדער.

די אידישע איינוואוינער פון באָקענוויל זיינען דאָס רוב דזשאַנק פּעדלערס אָדער דזשאַנק דילערס. מר. טשאַרלס טראַסק איז דער רייכסטער פון זיי אַלע. דעריבער זיצט ער דאָרט אויפ'ן פּרעזידענט שטוהל און האָט די ברייטע דעה.

האָט זיך דער פּרעזידענט, מר. טראַסק, געשמאַק פאַרפּאוקערט און האָט בעת מעשה אין זינען ניט געהאַט די פּרעזידענטסטוואָ און אַנדערע קהל'שע ענינים.

און ווען חברה זיינען געוועזען פאַרטיפט אין דער „נעים", איז געקומען אַ באָקענווילער בעל הבית, וואָס וואוינט אין שכנות מיט'ן שמש פון דער קהלה וויטליך הינטער'ן שמעדטעל. ער איז אריינגעלאָפען הענדום-פּעדרום אזוי ווי אַ צוטומעלטער און אַ זאָג געטאָן: „איהר ווייסט? דער שמש איז פאַרברענט געוואָרען".

— ווי אזוי? — האָבען מר. טראַסק און די חבריא מפסיק געוועזען — אַ פייער געוועזען אין זיין הויז?

— וואָס איז די נפקא מינה ווי אזוי? — האָט יענער געענטפערט — אַבי פאַרברענט.

— טאַקי אויף טויט?

— וואָס דען? אויף לעבען? פאַרברענט אזוי ווי א שטיקעל האָלץ ווערט פאַרברענט.

— און די הויז איז גאַנץ?

— גאַנץ, אפילו א האָר ניט געריהרט.

— וואָס־זשע פאַר אַן אומגליק איז דאָרט געווען?

— איך ווייס? ער האָט אָנגעצונדען די חנוכה ליכטעל און אין א האַלבע שטונדע ארום איז ער שוין אין גאַנצען געווען פאַר־ברענט.

— ברוך דיין אמת — האָבען אַלע א זאָג געטאָן — א שאָד, א וואוילער איד געוועזן.

וואָס־זשע איז צו טאָן? גאָר ניט. פון טויט לעבעדיג קען מען ניט מאַכען. פאַרברענט איז פאַרברענט. האָט מען גע־שיקט אָנזאָגען דעם גבאי פון חברה קדישא, אַז ער זאָל זעהן מאָר־גען באַגינען טאָן דעם פאַרברענטען שמש זיין רעכט און מאַכען די לויה פאַר פריה, און דער פרעזידענט מיט זיינע געסט האָבען וויי־טער געפּאוקערט.

דערוויל האָט זיך די נייעס פאַרשפּרייט אין א היבשען טייל פון שטעדטעל און מען האָט שטאַרק באַדויערט דעם שמש'ס שרעק־ליכען טויט.

חדר אינגלאַך ווידער, וואָס האָבען געהערט די מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט זייער רבי'ן, זיינען צופרידען געווען. פאַר־שפּאָרען לערנען, איז דאָך עפּעס אַן עולם ומלואו.

א רעפּאָרטער פון א לאָקאַלע ענגלישע מאָרגען־צייטונג האָט אויך געהערט די נייעס און ער איז תיכף אוועקגעלאָפען אין רע־דאַקציע מאַכען דערפון א „סטאָרי”.

אויף מאָרגען גאַנץ בעגינען איז חברה קדישא געקומען מיט דער טהורה־ברעט מיט תכריכים און מיט אַלע מכשירים צו טאָן דעם שמש זיין רעכט. אָבער ווי איבערראַשט און דערשראָקען זיי־נען זיי געוואָרען, ווען זיי האָבען דעם שמש און מלמד געפונען לעבעדיג, געזונד און פריש, נאָר וואָס אויפגעכאַפּט זיך פון שלאָף.

ער, דער שמש, און זיינע בני בית זיינען גאָר אויפגעציטערטע געוואָרען. וואָס עפּעס פּלוצלונג די חברה קדישא לייט? איז דעם שמש דורכגעלאָפען א געדאַנק אפשר איז ער געשטאָרבען, און ער

האָט זיך אַליין אָנגעהויבען קנייפּען, אום צו איבערצייגען זיך אויב ער לעבט אָדער ער איז טויט.

פרעגט מען איהם: „ר' שמש, וואָס האָט פּאַסירט?" איז איהם אַזוי ווי דער לשון אָפּגענומען געוואָרען און ער קען ניט ענטפערען. אַזוי ווייט ווי ער געדענקט האָט קיין זאַך ניט פּאַסירט. ער האָט געבענשט חנוכה ליכט, געגעסען לאַטקעס, געשפּילט אַ דאַמקע און איז געגאַנגען שלאָפען. אָבער אַז חברה קדישא איז געקומען, איז דאָך עפּעס אַ מעשה, און וואָס — ווייס ער ניט.

עס האָט געדויערט אַ שטיקעל צייט ביז דער שמש־מלמד איז צו זיך געקומען און דאַן האָט איהם דער חברה קדישא גבאי דערצעהלט וואָס פאַר אַ בלבול מען האָט אויף איהם אויסגעטראַכט.

זיינען די חברה קדישא לייט אַוועק צוריק מיט גאָר ניט און צו וויסען געגעבען דעם פּרעזידענט און אַנדערע בעלי בתים, אַז לא היה ולא נברא, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ בלאָף און דער שמש איז גאָר ניט פאַרברענט געוואָרען. אפשר די לאַטקעס, וואָס די שמש'טע האָט געמאַכט, האָבען זיך צוגעסמאַליעט; אָבער ער, דער שמש, איז גאַנץ און אפילו אַ האָר פון זיין קאָפּ איז ניט געמינערט געוואָרען.

האָט מען זיך גענומען צו דעם בעל הבית וואָס האָט אָנגעזאָגט די בשורה: „סטייטש צו וואָס האָט עס אייך געפּאַסט אויסצוטראַכטען אַזאַ אומגעלומפּערטען ליגען?" און ער האָט לאַכענדיג געענטפערט:

— עס איז נאָך איצט אויך קיין ליגען. האָב איך אייך דען געזאָגט, אַז דער שמש פון שוהל איז פאַרברענט געוואָרען? איך האָב געזאָגט סתם „דער שמש", האָב איך עס געמיינט אַ שמש פון די חנוכה ליכטלאַך. וואָס בין איך שולדיג אַז איהר פאַרשטעהט ניט קיין קאַטאָוועס?

איז צווישען די אידישע באַפעלקערונג פון באָקענוויל די זאַך אַוועק אין אַ שפּאַס. אָבער די לאָקאַלע ענגלישע מאָרגען צייטונג האָט דערפון געמאַכט אַ גאַנצען צימעס. יענעם פרימאָרגען איז אין דער צייטונג ערשינען פאָלגענדע שטיקעל נייעס:

„עקסטרא! אַ קרבן פון אַ אידישע צערעמאָניע!

„היינט איז ביי אידען אַ יום־טוב, וואָס זיי רופען האַנוקאַ

(חנוכה). יעדער אָווענד צינדען זיי אָן סאַקרעד קענדעלס (הייליגע ליכט), שפּילען אין קאָרטען און עסען פּענקעיקס, וואָס זיי רופען פּעטשעס (לאַטקעס), דאָס איז ביי זיי אַן אנדענקונג נאָך דעם מן, וואָס די אידען האָבען אמאָל געגעסען אין דער מדבר. האָט דער באָקענווילער דזשואיש ראַבאַי גענומען אנצינדען די סאַקרעד קענדעלס נאָהענט פון א פענסטער, האָבען זיך אָנגעצונדען די קוירטענס, האָט ער געוואָלט אויסלעשען די פלאַמען, האָבען זיך זיינע קליידער אָנגעכאַפּט און ביז הילף איז געקומען איז ער פאַרברענט געוואָרען אויף קויל. די הויז האָט מען מיט גרויסע שוויריגקייטען אפּגעראַטעוועט, זאָנסט וואָלטען פיעלע הייזער אוועק מיט'ן רויך".

אויסער די שמיקעל „נייעס" האָט נאָך דער רעדאַקטאָר ווע־גען דעם געשריבען אַן עקסטרא עדיטאָריעל. דער רעדאַקטאָר האָט געהאַט א כעס אויף די אידען פון באָקענוויל דערפאַר וואָס ער איז געלאָפען פאַר סיטי מעיאָר און די אידען זיינען געווען זיינע געג־נער. האָט ער פון דער מעשה געמאַכט א גאַנצען פירוש, האָט אויפגעוויזען, אַז צוליב די אידישע „סאַקרעד קענדעלס" האָט גאַנץ באָקענוויל געקענט אַוועק מיט'ן רויך און ער האָט דעריבער אויפ־געפאָדערט די פּאַלים און דעם פייער דעפּאַרטמענט, אַז זיי זאָלען שטרענג פאַרבאָטען די אידען צו פּראַווען די צערעמאָניע פון אָנ־צינדען חנוכה־ליכט.

איז טאַקע געשעהען א נס מן השמים, וואָס די מעשה מיט'ן פאַרברענטען שמש איז געווען ניט מעהר ווי א „דזשאָוק" פון א ליץ. ווען די מעשה זאָל חלילה געווען זיין ווי די צייטונג האָט געשרי־בען, וואָלט די גזירה געגען חנוכה־ליכט בענשען דורכגעפירט גע־וואָרען, און די באָקענווילער שולכעל וואָלט פאַרבליבען אָהן א שמש; די אינגלאַך אָהן א רבי און די גאַנצע אידישע קהלה — אָהן דער מצוה פון בענשען חנוכה־ליכט.

חנוכה דרעהדיל און קארטען

(אן איין־אקטער).

פארשוינען:

א חנוכה דרעהדיל,
א קאורט,
א גרינע מיסים,
גרינע קינדער.

צייט דער האנדלונג: חנוכה באגינען.

ארט: אויף א טאפ פלאר, ניו יארק סיטי.

עס פאנגט אן טאגען נאך א פאוקער הגדול. אין הויז איז קאלט און אנגערויכערט. דער טיש און דער פלאר זיינען פארשמוצט מיט אש און גאנצע בערגלאך שטיקלאך סיגארעטס און אבגעברענטע מעטשעס וואלגערען זיך. עס איז אויפ'ן טיש צוואוארפען א פעשעל קארטען. איין קארט ליגט מיט'ן פנים ארויף. ביי'ם ברעג טיש ליגט א בלייענער חנוכה־דרעהדיל.

קארט: ווער ביזט דו דארט, קיד, קליינער קאראפוזשיק?

דרעהדיל: דו קענסט מיך ניט? איך בין דאך א חנוכה דרעהדיל.

קארט: וואס־זשע טוסט דו דא? ווי קומסט דו אהער?

דרעהדיל: וואס הייסט, וואס איך טו דא? מען שפילט זיך מיט מיר אזוי ווי מען שפילט זיך מיט אייך. דו האסט ניט געזעהן ווי איך האב זיך אין אבענד געדרעהט דא אויפ'ן טיש?

קארט: ווער האט דאס צייט געהאט ארומצוקוקען זיך? דער טייפעל זאל זיי נעמען! פון נעכטען פריה ביז ערשט האבען זיי ניט אויפגעהערט צו מאטערען אונז. זיי האבען מיר שוין אבגעריבען די זייטען, די פלייצע און דעם פנים. א שמאטע האבען זיי פון מיר געמאכט.

ד ר ע ה ד י ל: איהר זיינט פריהער אויך געווען שמאַטעס!

ק אַ ר ט (בייז): וואָס, דו וואגסט מיך צו באַליידיגען? איך בין מעהר פּאָפּולער ווי דו! אין אַלע הייזער ווייס מען פון אונז קאַרטען, אין אַלע הייזער זיינען מיר די ליעבלינגע, און ווער וויים פון דיר? ווער נעהמט דיך אין האנד אריין?

ד ר ע ה ד י ל: און איך זאָג, אז קיין לייטישער מענש נעמט אייך ניט אין האַנד אריין.

ק אַ ר ט: א חוצפּה א ביסעל! זאָג מיר אקאַרשט, דו גע־רעטעניס מיט'ן לאנגען העלדזיל און דיקען בייכעל, ווער האָט זיך מיט דיר געשפּילט?

ד ר ע ה ד י ל (שטאָלץ): די קינדער פון הויז האָבען זיך מיט מיר געשפּילט!

ק אַ ר ט: אהאַ, די גרינגע חיות! וואָס דען? געלע ווע־לען זיך מיט דיר שפּילען? אי'ל בעט יו, אז דו ביזט אַליין אויך א גרינגער! מען האָט דיך אודאי מיטגעבראכט פון יוראָפּ.

ד ר ע ה ד י ל (מיט כעס): שווייג, דו פּאסקודניק איינער! מאַך פון מיר ניט חוזק! דו ווייסט ווער איך בין? איך בין אן אָנדענקונג פון דעם נס חנוכה!

ק אַ ר ט: חנוכה, שמאָנוקע! כא, כא, כא! ער קומט אהער דערצעהלען פון חנוכה! ווער קעהרט דאָ דערפאר? וועמען ליגט דאָ אין קאָפּ אזעלכע זאבעבאָנעס, אזעלכע היפּאָקריטסטווא?

ד ר ע ה ד י ל (אויפגערעגט): זאבעבאָנעס, היפּאָקריט־סטוואָ, זאגסט דו? דאָס וואס שמעקט מיט אידישקייט איז ביי דיר היפּאָקריטסטוואָ? שטיל, דו פּאסקודנע בריאה דו!

ק אַ ר ט: סעי, גרינגע חיה, זידעל זיך ניט! דרך ארץ, יונגער שנעק!

ד ר ע ה ד י ל: מאַך נאָר ניט אזא פוריע! איך בין עלטער פון דיר, איך בין א אידישע זאַך. דו זעהסט די אידישע אותיות ארום מיר? דיזע אותיות באַדייטען ווערטער וואס זיינען ביי אי־דען טייער.

ק אַ ר ט: וואָס וויים איך פון אידישע אותיות, אָדער פון אידישע ווערטער? מיין בעל הבית האָט שוין ניט גענומען קיין אידיש וואָרט אין מויל זייט יאָהרען.

דרעהדיל: דו זעהסט? אויף מיר זיינען אויסגעגאָסען א נון מיט א גימל מיט א הא מיט א שין. דער נון מאכט „נס“, דער גימל מאכט „גדול“, דער הא מאכט „היה“ און דער שין מאכט „שם“, דאָס דערמאָנט דעם אידען אָן דעם נס פון חנוכה. פאַר־שטאַנען?

קאָרט: בע, מע, נס, שמעס! דאָס קענסט דו איינשמו־סען די גרינע אינגלאך, וואָס שפּילען זיך מיט דיר, אָבער ניט מיר. איך האָב היינט ביי־נאַכט געהערט ווי איינער האָט געזאָגט, אַז דיין נון, גימל, הא, שין מאכט: נאָטקע גנב, הולטאַי, שכור! (לאַכט).

דרעהדיל: א געוואַלדיגע חכמה! פּע, טיע, טיע!

קאָרט: ניט אזוי א חכמה, ווי אָן אמת.

דרעהדיל: דו מיינסט צו זאגען, אַז אידען זיינען גנבים, הולטאַיעס און שכורים? וויפיעל שכור'ע אידען האָסט דו היינ־טיגען חנוכה באַגעגענט?

קאָרט: אבער גנבים זיינען זיי? ווסיע יעווריעאי מאָ־שעניקי!

דרעהדיל: אויך א ליגען! שקר וכזב!

קאָרט: א ליגען, זאָגסט דו? וויפיעל מאָל בין איך היינ־טיגע נאַכט געלעגען ביי די שפּילער אין די ארבעל און מען האָט מיט מיר געמאַכט פאַלשע קאָרטען? און זעהסט דו אויף מיין פּלייצע א סקרעטש מיט א נאָגעל? דאָס האָט מען אויף מיר געמאַכט א סימן, מען זאָל מיך דערקענען.

דרעהדיל: פון קאָרטאָזשניקעס רעד איך ניט, איך רעד פון אידען.

קאָרט: און די, וואס שפּילען אין קאָרטען זיינען קיין אידען ניט?

דרעהדיל: די וואָס שפּילען דרעהדיל זיינען ביי מיר בעסערע אידען, ווי די, וואס שפּילען אין קאָרטען. די וואָס האַל־טען פון נאַציאָנאַלען יום־טוב, די וואס זיינען צוגעבונדען צום אידישען פאָלק, זיינען טויזענד מאָל טייערער, ווי די קאָרטען שפּילער.

ק אַ ר ט: וואָס האָקסט דו אַ טשייניק, דו קלייגער שלים־מזל? ווער ביזט דו און וואָס ביזט דו?

ד ר ע ה ד י ל: איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז איך בין מעהר יחסן פון דיר.

ק אַ ר ט: דו מעהר יחסן פון מיר? מיר קאַרטעז פירען די וועלט צו פּראָגרעס און איהר צו נאַרישען אָבערגלויבען, צו גלויבען און נסים, שמיסים!

ד ר ע ה ד י ל (שפּאָטיש): דו פירסט די וועלט צו פּראָגרעס! אַ קלאָג צו אַזאַ פּראָגרעס! וויפיעל מענשען האָט איהר קאַרטען רואינירט? וויפיעל מענשען זיינען דורך אייך אומגליקליך געוואָרען?

ק אַ ר ט: דערפאַר זיינען אָבער אַ סך גליקליך געוואָרען און אַ סך וועלען נאָך גליקליך ווערען, אָבער וואָס האָט די וועלט פון דיר?

ד ר ע ה ד י ל (מיט כעס): דו לומפּ, דו שופט!

ק אַ ר ט: הערסטו קליינער? עס זיך ניט אָפּ דאָס האַרץ. מישטיינס געזאָגט, ווי לאַנג נאָך וועסט דו געוועלטיגען אויף דער וועלט? איך קען דיר פּאַרזיכערען, אַז אפילו איבער חנוכה וועט מען דיך ניט האַלטען.

ד ר ע ה ד י ל: סטראַשע ניט. מען וועט זיך נאָך מיט מיר שפּילען און מיין אַנדענקונג וועט פאַרבלייבען אויף אימער און עוויג. איך וועל נאָך דיר איבערלעבען.

ק אַ ר ט: דאָס וועל איך זיך מיט דיר ניט שפּאַרען. איך בין שוין אַלט און מיינע אַלע חברים, וואָס ליגען דאָ, זיינען שוין אויך אויסגעניצט, וועט מען אונז פּילייכט מעהר ניט געברויכען. אָבער אין די סטאָרס זיינען פאַראַן נאָך קאַרטען, וועט מען קויפען אַנדערע.

ד ר ע ה ד י ל: ווילסט דו זיך וועטען, אַז די קינדער וועלען זיך נאָך מיט מיר שפּילען און זיך משמח זיין?

ק אַ ר ט: איך קען וועטען. איך האָב געזעהן ווי די גרינע באַיטשיקעס האָבען אויף אונז געקוקט מיט זשעדנע אויגעלאַך. זיי האָבען פּשוט די שפּייעכץ געשלונגען. זיי זיכער, אַז זיי וועלטי זיך נעהמען צו דער זעלבער שפּיל, וואָס זייער טאַטע שפּילט.

ד ר ע ה ד י ל: ניט דערלעבען זאלסט דו דאס.

ק א ר ט: דו וועסט גיכער ניט דערלעבען. װארט, װארט, דו וועסט נאך זעהן, ווי מיר וועלען פארנעמען דיין פלאץ! און דו וועסט צופוקעט ווערען קוקענדיג.

ד ר ע ה ד י ל: פע, טיע, טיע!

עס ווערט ליכטיגער אין די פענסטער. די גרינע באלעבאסטע שטעהט אויף פון שלאף, געהט אריין אין פראנט־רום א פארטרוי־ערטע, שארט ארונטער די קארטען אונטער'ן טיש מיט פאראכטונג, און מור־מעלט אין דער שטיל. דאס דרעהדיל נעהמט זי אן צערטליך ביי'ם העלדזיל און לייגט אוועק אויפ'ן מענטעלפיס.

ד ר ע ה ד י ל (צופרידען): בע! בע! בע!

ק א ר ט: פרעה זיך נאך ניט, גרינהארן! װארט, דו ביזט נאך ניט אין דערהיים!

די קינדער כאפען זיך ארונטער פון די בעטען, קלייבען צוזאמען די קארטען פון אונטער'ן טיש און זעצען זיך שפילען מיט התמדה מיט די פענים, וואס די מאמע האט זיי געגעבען חנוכה־געלד.

י ע נ ע ק א ר ט: אט אזוי, קינדערלאך, זאל זיין גוט אויף אן אנהויב. (צו דער דרעהדיל): נו, וואס זאגסט דו ערשט, קאנ־קורענט אונזערער?

ד ר ע ה ד י ל (פארשעהמט): מילא, נו.

ב א ל ע ב א ס ט ע: ווארפט אוועק די קארטען! שפילט אין דרעהדיל, מען טאר ניט שפילען אין קארטען!

ק י נ ד ע ר (אין איין קול): מען טאר ניט שפילען אין קארטען! למאי דער טאטע? למאי דער אנקעל? אויך מיר א שפיל דרעהדיל! מיר שפילען שוין מעהר ניט אין דרעהדיל.

די מיסים טוט א זיפץ, און צוויי טרערען, ווי באב, קייקלען זיך ארונטער פון איהרע אויגען.

ק א ר ט ע ן (אין כאר): אהא, נארישע דרעהדיל! ווער האט אויסגעפירט, דו צו אונזער קאלעגע? גרינהארן, פאפקארן, וואן סענט א פיס!

מסכת קאָרטען.

מתני׳: מאימתי מתחילין לשחוק בקאָרטען? ווען פאַנגט מען אָן שפּילען אין קאָרטען? משעה שגומרין את הוועטשערע, פון דער צייט ווען מען עסט אָפּ וועטשערע, ומסימין בחצות, און מען ענדיגט שפּילען אום האַלבע נאַכט, דברי ר׳ דיז, אזוי האַלט ר׳ דיז, ור׳ גמבליאל אומר, און ר׳ גמבליאל זאָגט: הרי זה מדברים שאין להם שיעור, קאָרטען שפּילען איז פון די זאַכען, וואָס האָבען קיין שיעור און מען קען דאָס אָנפאַנגען פריהער און ענדיגען שפּעטער.

גמ׳: תנא אהיכי קאי? אויף וואָס באַציהט זיך דער תנא פון דער משנה מיט זיין פראַגע: ווען הויבט מען אָן שפּילען אין קאָרטען? ר׳ שמעון ירקאי אומר, זאָגט ר׳ שמעון דער גרינער: אחנוכה, דער תנא באַציהט זיך אויף חנוכה, שכן מנהג קדמונים, ווייל עס איז אַן אַלטער מנהג צו שפּילען חנוכה אין קאָרטען, ומנהג ישראל תורה הוא, און אַ אידישער מנהג איז אַלץ איינס ווי אַ דין פון דער תורה. ר׳ מאיק הצהוב אומר, ר׳ מאיק דער געלער זאָגט: לא על חנוכה איתמר אלא על כל ימות השנה איתמר, דער תנא באַציהט זיך ניט דוקא אויף חנוכה, נור אויף אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר, שכן אנשי מעשה נוהגין, ווייל בעלי מעשה׳ניקעס זיינען זיך נוהג צו שפּילען אין קאָרטען שטענדיג, אפילו אום תשעה באב, אום עשרת ימי תשובה און ראש השנה ויום כפור.

תנו דבי ר׳ גמבליאל, ר׳ גמבליאל׳ס חברה־לייט האָבען גע־לערענט: בראשונה היו נוהגין, פאַרצייטען פלעגט מען זיך נוהג זיין צו שפּילען אין קאָרטען נור אום חנוכה, אבל בזמן הזה, אָבער היינטיגע צייטען איז בכל יומו זמנו, איז אַלע טאָג די גינסטיגע צייט צו מאַכען אַ געימקע. ועוד אמרו, און ווידער האָבען זיי גע־זאָגט: לא נתנו קאָרטען לשיעורין, קאָרטען זיינען ניט געגעבען געוואָרען צו שיעורים, צו באַגרענצונגען, ווען מען זאָל שפּילען, וכל המרבה הרי זה משבח, און דער וואָס שפּילט מעהר פאַרדינט מעהר קרעדיט. אמרו עליו על ר׳ גמבליאל הגדול, מען האָט דער־

צעהלט אויף ר׳ גמליאל הגדול, שהיה משחק בקאָרטען מחנוכה עד חנוכה, אז ער פלעגט שפּילען אין קאָרטען פון חנוכה ביז חנוכה, וכמעט שלא זז משלחן הקאָרטען, און איז כמעט קיינמאָל ניט אָפּגעטראָטען פון קאָרטען־טישעל.

במה משחקין, אין וואָס פאר א שפּיל שפּילט מען? חד אמר: אין משחקין אלא בפּאָוקער, איינער זאָגט, אז מען שפּילט נור פּאָוקער, וחד אמר: יוצאין באקע, בששים ושש, בפּישעפּיישע, ובכל מיני משחק, און איינער זאָגט אז מיט אָקע מיט זעקס און זעכציג מיט פּישע־פּיישע און מיט אַנדערע שפּילערייען איז מען אויך יוצא. אמר ר׳ קרתיאל, ר׳ קרתיאל האָט געזאָגט: אין לך משחק חביב עלי כפּאָוקער, ניטאָ א געים וואָס איז מיר אזוי באַליבט ווי פּאָוקער, וכל שאינו משחק בפּאָוקער, און דער וואָס שפּילט ניט קיין פּאָוקער, מוטב לו שלא ישחק כלום, איז פאר איהם גלייכער ער זאָל גאָר ניט שפּילען.

ר׳ גמליאל כד הוא שמעי ליה דהא דר׳ קרתיאל, ווען ר׳ גמליאל האָט געהערט דאָס וואָס ר׳ קרתיאל האָט געזאָגט, הניח ידיו על ראשו ואמר, האָט ער ארויפגעלעגט זיינע הענד אויף זיין קאָפּ און האָט געזאָגט: תבא עליך ברכה, זאָל קומען א ברכה אויף דיין קעפּעלע, ווייל דו ווייסט דעם ריכטיגען געשמאַק פון א ריכטיגע געים.

איזהו מקומן של משחק הקאָרטען? וואו איז דער פּלאַץ צו שפּילען אין קאָרטען? בבתים, בחצרות, במרתפים של נחלים ובכל מקום שבני אדם מצוין שם, אין הייזער, אין יאַרדס, אין קויהלען בייסמענטס און וואו נור מענשען קענען זיך צוזאַמענקומען. וכל מי שמצות פּאָוקער חביבה עליו, ביי ווענען פּאָוקער שפּילען איז באַליבט, משחק אפילו באורוות של סוסים ובמקומות מטונפות, שפּילט אפילו אין פערד־שטאַהלען און אין אַנדערע שמוציגע פּלעצער.

ר׳ דזשאָו האפּרייטאָר ור׳ אייק הבינלער איקלאָו בי ר׳ בעני האונטער־פּרעסער בשעת שביתה, דזשאָו דער אָפּרייטאָר און אייק דער בינלער זיינען אין סלעק טיים געקומען צו בעני דעם אונטער־פּרעסער והיו עוסקין בפּאָוקער, און זיי האָבען געמאַכט א פּאָוקערל. התחילה דביתהו של בעני מקנטתן בדברים, האָט בעני׳ס אַנגעהויבען דערנעהן זיי די יאָהרען למאי זיי שפּילען פּאָוקער. מה עשו?

וואָס זשע האָבען זיי געטאָן? הלכו למרתף של גלחים, זיינען זיי אוועק אין אַ קויהלען בייסמענט, והיו משחקין שם כל ימי השבוע, און זיי האָבען דאָרט אָפּגעשפּילט אַ גאַנצע וואָך כסדר. כסבורין נשותיהן שנתעגנו, האָבען זייערע ווייבער געמיינט, אַז די מענער האָבען זיי שוין אוועקגעוואָרפען און איבערגעלאָזט עגונות. ופרסמו הדבר בכתבי עתים, האָבען זיי די זאַך פאַרעפענטליכט אין די פּייפּערס און געלאָזט אָפּדרוקען די מענער'ס פּיקטשורס אין דער „גאַלערי פון פאַרשוואונדענע מענער", וכשבאו לבתיהם, ווען זיי זיינען אהיים געקומען, כבשו פניהם בקרקע, האָבען זיי זיך געדאַרפט באַגראָבען לעבעדיגערהייד פון שאַנדע. הצדיק עליהם ר' גמבליאל את הדין, האָט ר' גמבליאל אויף זיי מצדיק הדין געווען און געזאָגט: רעכט אויף זיי, אַ מצוה אויף זיי, זאָלען זיי ניט זיין קיין פּאַנטאָפּעל מענער און מורא האָבען פאַר זייערע ווייבער.

פּאָוקער בכמה? וויפיל פאַרשוינען דאַרף מען האָבען צו אַ פּאָוקער? שיתא, זעקס. פרעגט די גמרא: והא דזשאָו, ואייק ובעני תלתא הוי וקמשחקי בפּאָוקער? דזשו און אייק און בעני, פון דער פריהיגער מעשה, זיינען דאָך געווען ניט מעהר ווי דריי און זיי האָבען געשפּילט פּאָוקער? ענטפערט די גמרא: שאני דזשאָו ואייק ובעני דלאו ברי סמכא נינהו, דזשאָו, אייק און בעני זיינען אַנדערש, ווייל זיי זיינען ניט קיין פאַראַנטוואָרטליכע פּערזאָנען וואָס מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזען. ואיבעית אימא, און אויב איהר ווילט קען מען ענטפערען אַן אַנדער תירוץ: בשעת הדחק שאני, ווען עס איז אַ דוחק אין „הענד" און מען קריגט ניט מעהר, איז דריי אויך גענוג.

הכל מצטרפין לקאָרטען, אַלעמען קען מען מצרף זיין צו אַ קאָרטען שפּיל, ואפילו נשים ואפילו שפחות, אפילו ווייבער און דינסט־מיידלאַך. נשים ושפחות סלקא דעתך? ווי אַזוי קען זיך דאָס לייגען אויפ'ן שכל אַז ווייבער און דינסט־מיידלאַך קען מען אריינגעהמען אין אַ געים? והרי מצות עשה שהזמן גרמא הוא, דאָס איז דאָך אַ צייטליכע מצוה און פון אַ צייטליכע מצוה זיינען דאָך ווייבער פּטור אַזוי ווי זיי זיינען פּטור פון סוכה? ענטפערט די גמרא: לא קשיא, הא להו והא לן, עס איז קיין קשיא ניט, דאָס וואָס מיר זאָגען אַז קאָרטען איז אַ מצות עשה שהזמן גרמא, איז דאָס דאָרט אין דער אַלטער היים, וואו מען שפּילט אין

קאַרטען נור אום חנוכה, אָבער דאָ אין אמעריקא וואו מען שפּילט שטענדיג אין קאַרטען און ווייבער זיינען זיך אויך אזוי נוהג, איז דאָס ניט קיין צייט זאַך און ווייבער זיינען דערפון ניט פּטור. ואיבעית אימא, און אויב דו ווילסט וועל איך זאָגען: הכא בסאַפּ־ראַדזשעטקעס עסקינן, דאָ שמועסט מען וועגען סאַפּראַדזשעטקעס, וואָס האָבען אַלע פּריווילעגיעס גלייך מיט די מענער:

דרש מר טרומפּאי, מר טרומפּאי האָט גע'דרש'נט: מותר לו לאדם לשחק בקאַרטען עם אשתו, א מענש מעג שפּילען אין קאַרטען מיט זיין ווייב, שנאמר: והנה יצחק מצחק את רבקה אשתו, ווייל אין פּסוק שטעהט יצחק האָט געשפּילט מיט זיין ווייב רבקה און מסתמא האָבען זיי געשפּילט אין קאַרטען. באשתו אמרו, קל וחומר באשת חברו, אז מען מעג שפּילען מיט אַן אייגענער ווייב, מעג מען מיט פרעמדע אודאי. ר' געציל הלבלר אומר, ר' געציל דער שרייבער זאָגט: באשת חברו אסור משום דזשעלאוסי, מיט א פרעמדע נקבה טאָר מען ניט שפּילען אין קאַרטען, ווייל די ווייב וועט זיין דזשעלאָס.

ופּאוקער מי משחק טבא הוא? איז דען פּאָוקער א גוטע שפּיל, והא תנן הרוצה לאבד מעותיו ישחק בפּאָוקער? מיר האָבען דאָך געלערענט, אז דער וואָס וויל איבערפיהרען זיין געלד זאָל שפּי־לען פּאָוקער? איז דאָך א קשיא אויף ר' קרתיאל און ר' גמבליאל וואָס זאָגען, אז פּאָוקער איז די בעסטע שפּיל? ענטפערט די גמרא: לא קשיא, הא בירוקים והא בצהובים. דאָס וואָס מיר זאָגען, אז פּאָוקער איז אַן איבוד ממון, שמועסט עס ביי גרינ־האָרנס, וואָס פאַרשטעהען ניט די געים און ר' קרתיאל און ר' גמבליאל שמועסען וועגען געלע, וואָס ווייסען ווי אזוי צו שפּי־לען, ווי אזוי צו בלאַפען און ווי אזוי צו מאַכען פאַלשע קאַרטען.

דרש ר' טשארלי בעל פּאָוקער, ר' טשארלי בעל פּאָוקער האָט גע'דרש'נט: הני חמשין ותרי קאַרטען כנגד מה? אנטקעגען וואָס זיינען דאָס פאַראַן צוויי און פופציג קאַרטען? כנגד חמשין ותרי שבועתא שבשתא, אנטקעגען די צוויי און פופציג וואָכען וואָס געפינען זיך אין א יאָהר. והני תליסר מינים כנגד מה? און די דרייצענערליי מינים פון א פעשעל קאַרטען אנטקעגען וואָס איז דאָס? כנגד תליסר ירחי שתא, אנטקעגען די דרייצעהן חדשים פון יאָהר. והני ארבע שבכל מין ומין כנגד מה? און די פיר

וואָס אין יעדען מין אנטקעגען וואָס איז דאָס? כנגד ארבע שבועתא שבירחא, אנטקעגען די פיר וואָכען פון א חודש.

מתקיף ליה ר׳ דזשאהן הפינקלאי, האָט איהם ר׳ דזשאהן דער פינאָקעל שפּילער א קשיא געפרעגט: ומי איכא תליסר והרי תריסר נהו? זיינען דען פאראן אין א יאָהר דרייצעהן חדשים, עס איז דאָך מעהר ניטאָ ווי צוועלף? אמר ליה, האָט ר׳ טשארלי בעל פּאָוקער צו איהם געזאָגט: והאיכא שנין מעוברין, עס זיינען דאָך פאראן עיבור יאָהרען וואָס צעהלען דרייצעהן חדשים. לפיכך, דעריבער, ווייל די קאָרטען זיינען מרמז אויף די חדשים און וואָכען פון יאָהר, דארף מען שטענדיג שפּילען אין קאָרטען סאי חניכה, סאי פורים און סאי אלע טעג פון א גאַנץ יאָהר. אבל חכמים אומרים, אָבער קלוגע און אנשטענדיגע מענשען זאָגען: אוי לו למי שמשחק בקאָרטען, אז אָך און וועה איז יענעם וואָס שפּילט אין קאָרטען, שאין לך דבר מגונה בקאָרטען, ווייל עס איז ניטאָ קיין פאסקודנערע און ערגערע זאַך ווי זיין א קאָרטען שפּילער.

הגדה לחנוכה נוסח אמעריקא

סדר של חנוכה.

שלחן ערוך: מען גרייט דעם טיש מיט א נייע פּעשעל קאַרטען, אַ פּאָר באקסעס מעטשעס אויף פּאררויכערען סיגארעטלאך, אַ היבשע שיסעלע פאר די אש און מען זעצט זיך שפּילען מתחילת הלילה.

מגיד: אויב מען האָט אַ ווייב אַן ארורה וואָס לאָזט ניט שפּילען אין קאָרטען, זאָגט מען איהר עפּעס אַ תירוץ און מען געהט ערגיץ אַנדערש זוכען קאָמפּאַני.

יעכאַץ: אויב מען קריגט ניט קיין פּלאַץ פאר אַ קערטעל נאָהענט, פּאָהרט מען אַוועק ווייט און מען מאכט אַ „געימקע".

מרור: אויב די פּלונית'טע האָט די דעה און לאָזט ניט אַוועקגעהן פון הויז, איז טאַקי גאַנץ ביטער.

מוציא: אין אַזאַ פאל מוז מען נעבאך יוצא זיין מיט שפּילען פּישע־פּיישע מיט איהר אַליין.

הלל: ווען מען קומט פון אַ „געימקע" ווען עס טאָגט שוין און די אידענע שווייגט, דארף מען לויבען און דאנקען גאָט.

כהא לחמא עניא, אזעלכע קבצניוקעס ווי הויזקעס אַפּערייטאָרס, ביגלערס, פּושקארט פּעדלערס און קויהלען לייטע האקען אויך פּאָוקער אויף וואָס די וועלט שטעהט, ניט נור אום חנוכה, נור אפילו אלע טעג און אלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר, ווייל מען איז דאָך עפּעס אין אמעריטשקע, אין דער וועלט פון הפקר פּעטרישקע, וואו אלע זיינען בני חורין.

(קיינע קשיות פרעגט מען ניט, ווייל דאָ איז
פאראַן איין תירוץ: „מיינד יור אָון ביזנעס").

עבדים היינו, אין דער אלטער היים איז מען געווען קנעכט, מען האָט גערארפט מורא האָבען און שעהמען זיך פאר לייטען צו שפּילען אין קאָרטען; אָבער דאָ האָט מען קיין מורא און קיין בושה און מען קען גאַמבלען בראש גלי, וכל המרבה הרי זה משובח.

מעשה, עס איז געווען א מעשה אין א היימיש שטעדטעל, אז א יונגערמאן האט א חנוכה נאכט פארבראכט ביי א קארטען־טיש און געהייסען האט עס, אז ער איז געזעסען א „משמר" אין בית־המדרש. אין דער פריה ביים דאווענען האט מען איהם אויפגערופען צו דער תורה. האט ער אפגעמאכט די ערשטע ברכה און איז אנדרעמעלט געווארען. ווען דער בעל קורא האט אפגעלייענט די פאר פסוקים און איהם א טורזע געטאן ער זאל מאכען די צווייטע ברכה, האט דער באלעבעסיל זיך א כאפ געטאן ניט טויט, ניט לעבעדיג און א געשריי געטאן: „אהער די געלד, איך האב דריי טייז!" דער יונגערמאן איז נאכהער פאר בושה אנטלאפען פון שטעדטעל. דא קען אזא סבה ניט טרעפען, ווייל מען געהט ניט אין בית המדרש און מען האלט ניט פון קריאת שמע של שחרית.

אמר רבי געמבליעל, ר' געמבליעל האט געזאגט: הרי אני, איך בין דאך עפעס א קארטאזשניק פון דער היים, ולא זכיתי, און איך האב ניט געהאט די זכיה צו שפילען אזוי פיל אין קארטען ווי דא אין אמעריקא, וואו מען שפילט סאי ווינטער, סאי זומער, סאי טאג, סאי נאכט, שנאמר, אין פסוק שטעהט: והגית בו יומם ולילה, דו זאלסט מאכען „געימס" טאג און נאכט, עד ימות המשיח.

ברוך המקום, געבענשט זאל זיין דאס ארט וואס מען רופט אמעריקא, וואו „על הנסים" און חנוכה ליכט בענשען פארבויגט מען און דער עיקר איז געמבלען, וואס מען פאנגט אן חנוכה און מען ענדיגט איבער־א־יאהר חנוכה, און ווען בנים זעהען ווי דער זיידע בענשט חנוכה־ליכט, פרעגען זיי די שאלת תם: „מה זאת, וואס דהי העל איז דהים?"

צא ולמד, געה לערן זיך אויס די קארטען שפיל, אויב דו קענסט עס ניט, ווייל אהן דעם ביזטו א „גרינהארן", א „סאיק" און דיין פלאץ איז ניט אין אמעריקא, נור אין גשן.

ברוך שומר, ברוך דער וואטשמאן, וואס נעכטיגט אין א שניידער־שאפ, ווייל ער פארמאגט ניט צו צאהלען דירה־געלד, שפילט אויך פאוקער מיט שניידערלאך וואס פארקלייבען זיך דארט אלע נאכט. אצינד פגר'ט ער פון הונגער און האט ניט פארוואס צו קויפען א פאר סעקאנד הענדיגע שיך אנשטאט וואס ער האפט צו געווינען און ארויסגעהן ברכוש גדול.

ביד חזקה, אז מען האט א גוטע קארט איז מען שטארק ווי

שמשון הגבור און מען קען שפילען אפילו ביז טאג. ובמורא גדול, זו גלוי אידענע, אז די אידענע קומט אריין און טרעפט דעם מאן שפילענדיג פאוקער ביי א שכן, כאפט דער מאן א ציטער. ובאותות זה המטה, אז די אידענע קומט מיט א שטעקען אדער מיט'ן ברום, דארף זיך דער מאן אפטראגען אפילו ווען ער האט פיר אייסעס (טייז).

דבר אחר, ווען מען איז א דבר אחר און מען שפילט ווען מען קען ניט, אדער מען קריכט מיט נעלד געגען גוטע קארטען, ווערט מען געשלאגען מיט א סך מכות. ר' שמערקע פאוקערמאן היה נותן בים סמנים: דלות, אביונות, קבצנסטווא.

כמה מעלות טובות, א גוטער שפילער האט א סך מעלות. על אחת כמה וכמה, א פשיטא שוין, אז מען איז א גוטער שפי־לער, און עס געהט א קארט און מען האט מיטשפילער וואס לאזען זיך „שינדען", מאכט מען ניט שלעכט און די אידענע זאגט ניט קיין קרוםווארט, ווייל ווען מען איז איהר מפצה מיט אן אפותיקו איז דאס מכפר על כל עונותיו.

מרור זה, זעהר אפט אבער איז דאס געמבלען א ביטערע מעשה וואס פארשאפט צרות אויפ'ן פוד, שנאמר, אין פסוק שטעהט: וימררו את חייהם, די קארטען פארביטערען דאס לעבען, מען פאר־בלייבט א קבצן, א שלעפער און מען קען צו זיך ניט קומען אפילו ווען מען ארבייט בפרך.

לפיכך, דעריבער, צוליב געמבלען, אנחנו חיבים, ווערט מען בעלי חובות להאגראסערימאן, להבוטשער, להמילך מאן, להקויל מאן, להלענדלארד, לגוטע ברידער און מען האט איבערגעלעגטע צרות, ונאמר שירה חדשה, און מען זינגט שטענדיג א טרויערדיגע לידעל און מען ליגט אין דער ערד מיט די ביינער, הללויה.

ובכן ויהי בחצי הלילה.

כאפט זיך אויף א מיסים און זעהט אז איהר מאן לערענט נאך קליין ש"ס, מאכט זי קולות אז מען הערט אזש אין גאס, אבער מען הערט איהם ווי דעם קאטער, און מען „לערענט" מיט גרוים התמדה ווייטער, ויהי בחצי הלילה.

זיצען ווייבלאך און גיסען נעבאך טרעהרען, זיי וויינען און קלאגען, וואס וועט פון זיי ווערען, זייערע באלעבעסלאך פאר־

שפילען זייער לעצטען סענט, און עס איז ניטא ניט אויף ברויט, ניט אויף רענט, ויהי בחצי הלילה.

מען צופייט זיך שפילענדיג איבער א טויז, איבער א „פלאש" אדער א „פולע הויז", מען שרייט, מען ליארעמט: גזלנים, גנבים, מען רייסט זיך ארום אזוי ווי כלבים, ויהי בחצי הלילה.

חד גדיא, חד גדיא!

פון געמבלען ווערט מען אפטמאל א פארברעכער, א גנב, א שווינדלער אדער א רויבער א פרעכער, און מען פארפאקט דערפאר אין חד גדיא.

ואתא, קומען לאיערס און מען „סאקט", ער גיט אוועק אלעס וואס ער פארמאגט, אבי מען זאל איהם ארויסנעהמען פון חד גדיא.

ואתא, קומט א דזשורי און ערקלעהרט איהם שולדיג, און ער מוז זיין שטראף איבערקומען געדולדיג, און אפטמאל שטארבען אין חד גדיא.

מסכת לאַטקעס.

בכ"ד בכסלו משמיעין על הלאַטקעס. דעם פיער און צוואַנ־ציגסטען טאָג אין חודש כסלו זאָגען גוטע פריינד אַן איינע די אַנ־דערע, אַז מען זאָל קומען עסען לאַטקעס לכבוד חנוכה.

לאַטקעס בחנוכה מאי טעמא? פאַרוואָס דאַרף מען חנוכה עסען לאַטקעס? מפני שנס חנוכה גדול היה, ווייל די ווערטער „נס חנוכה גדול היה" באַטרעפט 262. רעכענט צו דעם צו נאָך אַכט, אַנטקעגען די אַכט טעג פון חנוכה, וועט עס צוזאַמען אויס־מאַכען 270 כמנין לאַטקעס, וויפיל דאָס וואָרט „לאַטקעס" באַ־טרעפט.

מאימתי מתחילין לאכל לאַטקעס בחנוכה? ווען פאַנגט מען אָן עסען לאַטקעס אום חנוכה? אמר רבי רעבתן, האָט רבי רעבתן געזאָגט: משעה שהקאַרטיאָזניקעס נכנסין לעשות פּאָוקער, פון דער צייט ווען קאַרטען־שפּילער פאַנגען אָן שפּילען פּאָוקער. מתיב רבי שחקן, האָט רבי שחקן אַ קשיא געפרעגט: מכדי קאַרטיאָזש־ניקעס אימתי מתחילין, ווען פאַנגען קאַרטען־שפּילער אָן צו שפּי־לען, משעת צאת הכוכבים, פון דער צייט וואָס שטערען ציינגען זיך אין הימעל. האָט מען דאָך גלייך געקענט זאָגען, אַז מען דאַרף אָנפאַנגען עסען לאַטקעס פון דער צייט ווען שטערען געהען אויף? ענטפערט די גמרא: מלתא אגב אורחיה קא משמע לן, ער לאָזט אונז פאַר איין וועג וויסען, אַז די צייט פון אָנהויבען פּויקען אין פּאָוקער איז ווען עס הויבען זיך אָן ציינגען שטערען, און אויב די לאַטקעס זיינען נאָך ניט פאַרטיג אָדער די באַלעבאָסטע מאַכט גאָר ניט קיין לאַטקעס, איז וועגען דעם קיין אָפּהאַלט.

מאי לאַטקעס? וואָס מיינט לאַטקעס? אמר רבי קאַרטיעל, האָט רבי קאַרטיעל געזאָגט, לעט כעס, פּאַוואָליע מיט'ן כעס, ווייל חנוכה איז אַ כלל גדול אַז מען שפּילט אין קאַרטען און ביי קאַר־טען שפּילען ווערט מען אָפטמאָל עקסייטעד, אויפגערעגט, איז דאָס אַ רמז, אַז מען זאָל איינהאַלטען דעם כעס, כדי עס זאָל ניט קומען צו סקאַנדאַלען. רבי חכמיאל אומר, רבי חכמיאל זאָגט: רמז

לישראל, דאס איז אן אנדייטונג אויף די אידען, שהם כבגד הנעשה טלאים טלאים, וואס זיי זיינען אזוי ווי א בגד וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון פארשידענע מינים לאטעס, מפני שלאטקעס תרתי משמע, ווייל לאטקעס האט צוויי באדייטונגען: לאטקעס וואס מען עסט חנוכה און קליינע לאטעס וואס מען לעגט אויף א בגד.

פוק חזי, געה און זעה ווי דאס פאלק ישראל איז צוזאמענגעשטוקעוועט פון פילערליי מינים אידען: ארטאדאקסען, רעפארמער, סאציאליסטען, אנארכיסטען, ציוניסטען, טעריטאריאליסטען, נאציאנאליסטען, בונדיסטען און נאך פארשידענע מינים איסטען. מיר זיינען עקודים, נקודים וברודים, געפלעקט און געלאטעט אזוי ווי יעקב אבינו'ס שעפסען און מיר האבען אלערליי קאלירען, און די לאטקעס של חנוכה זיינען דערויף מרמז.

דרש רבי דין, רבי דין האט גע'דרש'נט: מאי דכתיב, וואס עס שטעהט אין פסוק פצע תחת פצע, אלו ישראל דאס זיינען די אידען, וואס זיינען א געלאטעט פאלק א לאטע אויף א לאטע, שכן בארץ אמעריקא קורין ללאטע פעטש, ווייל אין אמעריקא רופט מען אויף א לאטע „פעטש".

כמה לאטקעס חיב אדם לאכל בחנוכה? וויפיל לאטקעס דארף א מענש אויפעסען מיט אמאל אום חנוכה? רבי רעבתן אומר, רבי רעבתן זאגט: הרי זה מדברים, שאין להם שיעור, דאס איז פון די זאכען וואס האבען ניט קיין שיעור און וואס מעהר איז אלץ בעסער. רבי אכלן הקטן אומר, רבי אכלן הקטן זאגט: כל המוסיף גורע, דער וואס עסט א סך לאטקעס מאכט זיך ערגער. ומעשה בחסיד אחד, עס האט פאסירט א מעשה מיט א חסיד, שהלך לקבל פני חברו בחנוכה, וואס איז געגאנגען צו גאסט צו א פריינד אום חנוכה, ואכל שלשים ושש לאטקעס כמנין נרות של חנוכה, און ער האט אויפגעגעסען זעקס און דרייסיג לאטקעס וויפיל ליכטלעך מען פארברויכט איבער גאנץ חנוכה, חש בבטנו, האט ער באקומען בויך־וועהטאג און איז א לאנגע צייט געלעגען קראנק צו בעט. פעם אחת בא חברו לבקרו, איינמאל איז זיינער א פריינד געקומען מבקר חולה זיין איהם, נאנח אותו חסיד ואמר, האט יענער חסיד געזיפצט און געזאגט: סטייטש, עס שטעהט דאך שלוחי מצוה אינם ניזוקין, די וואס געהען צו א מצוה זאך ווערען ניט ניזוק, און עסען לאטקעס אום חנוכה איז דאך א מצוה, למאי זשע

בין איך דערפון קראנק געוואָרען? ענה חברו ואמר, האָט זיין פריינד געענטפערט און געזאָגט: כבר אמרו חכמים, די חכמים האָבען שוין לאנג געזאָגט: „בחזירתן שאני", ודורשין אותו לשתי פנים, טייטשט מען דאָס אויף צווייערליי אופנים. בחזירתן צו־ריקוועגס, עס הייסט, אז מען נעהמט צוריק פון א מצוה קען מען יאָ ניזוק ווערען, און בחזירתן, אז מען איז א חזיר און מען פרעסט צופיל, קען אויך פארשאדען אפילו ווען דאָס איז א סעודת מצוה.

דרש רבי חסדיאל, רבי חסדיאל האָט גע'דרשנ'ט: אסור לשחק בקאָרטען אפילו בחנוכה, מען טאָר ניט שפּילען אין קאָר־טען אפילו אום חנוכה, מפּני שאותיות קרטן בגימטריא שטן, ווייל די אותיות „קרטן" באַטרעפט אלץ איינס ווי דאָס וואָרט „שטן".

מתקיף ליה רבי געמבליאל, האָט רבי געמבליאל איהם א שטאַרקע קשיא געפרעגט: אם כן, אז יאָ אזוי, נימי דאסור לאכל לאַטקעס, זאָלען מיר זאָגען אז מען טאָר ניט עסען קיין לאַטקעס מפּני שלאַטקעס בגימטריא רע, ווייל דאָס וואָרט „לאַטקעכ" באַ־טרעפט אזוי פיל וויפיל דאָס וואָרט „רע" — שלעכט? קחייך רבי חסדיאל ואמר, האָט רבי חסדיאל געלאכט און געזאָגט: שאני לאַטקעס, לאַטקעס איז עפּעס אנדערש, ווייל אויב די באַלעבאָסטע איז א בריה און זשאַלעוועט ניט קיין שמאַלץ און אייער, זיינען די לאַטקעס געשמאַק און גוט, ואין משגיחין, און מען קוקט ניט דערויף וואָס דאָר וואָרט „לאַטקעס" באַטרעפט „רע" און מען מעג דאָס עסען ניט דוקא אום חנוכה, נאָר אפילו אלע טאָג פון א גאנץ יאָהר

רבי צדקיאל כד הוי אכיל לאַטקעס של חנוכה היה אומר, ווען רבי צדקיאל פלעגט עסען די חנוכה לאַטקעס, פלעגט ער זאָגען: יהי רצון שיבנה בית המקדש, עס זאָל זיין גאָט'ס ווילען, אז דער בית המקדש זאָל געבויט ווערען און מיר זאָלען אלע זיין אין ארץ ישראל און עסען לאַטקעס געפּרעגעלט אין אמת'ען שמן זית, במהרה בימינו, אמן.

א לשנה טובה קארד די בוימער.

לשנה טובה תכתבו!

מען בלאָזט אפילו ניט קיין שופר, מען עסט ניט קיין המוציא מיט האָניג, מען פארקויפט ניט קיינע שול טיקעטס, מען מאכט ניט קיינע „טאָרגעס" אויף עליות, מען שרייט ניט, מען ליארעמט ניט, חזנים דאווענען ניט, מען זאָגט ניט קיינע פיוטים, מען לייענט ניט קיין תחנות, מען געהט ניט צו תשליך, און עס איז פאָרט ראש השנה — א שטילער ראש השנה.

עס איז חמשה עשר בשבט, דער יעהרליכער ראש השנה לאילנות, דער יום הדין פון די בוימער, דער טאָג אין וועלכען די אומשולדיגע בוימער ווערען גע'משפט אזוי ווי מיר זינדיגע מענשען אין אונזער ראש השנה, און איך זאָג דאָס: „לשנה טובה תכתבו" צו די בוימער. זאָל אייך, בוימעלעך, גאָט אנשרייבען א גוט יאָהר.

מיר דארפען זיי דאָס ווינשען, ווייל מיר געניסען פון זיי זעהר פיל. מיר עסען זייערע פרוכט און מיר האָבען הנאה. אפילו פון אומפרוכטבארע בוימער געניסען מיר אויך א סך. מיר בויען פון זיי הייזער, מיר מאכען פון זיי כלי בית און מיר ווארימען מיט זייער האָלץ אונזערע וואָהנונגען אין די קאלטע ווינטער טעג.

ווען עס איז א שטארקער פראָסט און די פענסטער ווערען פארפראָהרען, ווערען אויף די שויבען פיגורען פון בוימער. ווייסט איהר ווארום דאָס איז? ווען גאָט האָט באשאפען די וועלט האָט ער באשאפען פרוכט בוימער און פוסטע בוימער וואָס ברייגנען קיינע פרוכט. האָבען די פוסטע בוימער גע'טענה'עט צו גאָט: פון יענע בוימער וועלען מענשען עסען די פרוכט און וועלען הנאה האָבען: אָבער וואָס פאר הנאה וועלען די מענשען האָבען פון אונז?" האָט זיי גאָט געענטפערט: „עס וועט זיין אויף דער וועלט א ווינטער, וועלען מענשען מיט אייך הייצען און זיי וועלען פון דער ווארימקייט נאָך מעהר הנאה האָבען ווי פון די פרוכטען".

דעריבער ווען עס ווערט שטארק קאלט, קומען די בוימער אונטער

די פענסטער און דערמאָנען די מענשען אויף גאָט'ס הבטחה, אז מען זאָל מיט זיי הייצען.

מיר דארפען גלאַט דאנקען און לויבען דעם בורא, ברוך הוא, פאר דער ארט און ווייזע ווי אזוי ער האָט באשאפען די בוימער. ווי שעהן, ווי פּרעכטיג זיי זיינען זומער צייט און ווי קונציג זיי וואקסען! ניט צו פארזינדיגען, מיר האָבען מיט אונז'ער מייסטער געטראָפען און דער גרעסטער קינסטלער קען ניט מאַכען אזעלכע שעהנע, גוטע און וויגאָדנע זאַכען ווי ער. עס איז אפילו אמאָל געווען א מלמד וואָס האָט מתרעם געווען אויף גאָט בנוגע צו דער באשאפונג פון פרוכט בוימער, אָבער ער האָט באלד חרטה געהאט. אָט האָט איהר די מעשה פון יענעם מלמד:

א מלמד איז אמאָל שבת בייטאָג נאָכ'ן טשאָלענט געלעגען בהרחבה אונטער אן עפּעל בוים. אונטען אויף דער ערד זיינען גע־וואקסען גרויסע קירבעסען. דער מלמד האָט אויפגעהויבען די אויגען ארויף אין דער הויך און האָט געשלונגען די שפּייעכץ קו־קענדיג אויף די שעהנע, רויטע עפּעל וואָס זיינען געוואקסען אויפ'ן בוים. „רבונו של עולם" — האָט ער צו זיך אליין געזגאט — „דו האָסט דאָך באשאפען די וועלט מיט חכמה, אָבער איך פארשטעה ניט וואָס פאר א חכמה ליגט אין דעם וואָס עפּעל וואקסען אין דער הויך אויפ'ן בוים און די קירבעסען אויף דער ערד? ווען עס וואָלט געווען אָבער געווען פארקעהרט, ווען די קירבעסען וואָלטען גע־וואקסען אויפ'ן בוים און די עפּעל אויף דער ערד, וואָלט איך דאָך איצט געהאט א ריכטיגען עונג שבת, איך וואָלט מיר אזוי געלע־גען און געביסען". איז אן עפּעל ארונטערגעפאלען און געטראָפען דעם מלמד פונקט אין נאָז און ער האָט דערזעהן די באָבע פון יענער וועלט. „אוי, אוי, אוי!" — האָט ער אויסגעשריען — „דו ביזט טאַקי, גאָטעניו, פאַרט א חכם און איך דאנק דיר און איך לויב דיר פאר דעם חסד וואָס קירבעסען וואקסען ניט אויפ'ן בוים: ווארים ווען א קירבעס זאָל מיר חלילה ארונטערפאלען אין נאָז, וואָלט איך שוין פארבליבען א פאַנפעוואטער לעולם ועד".

יאָ, מיר דארפען דאנקען און לויבען דעם וואָס לעבט אייביג פאר די בוימער און תפלה טאָן צו גאָט, אז זיי זאָלען גוט וואקסען און די פרוכט בוימער זאָלען געבען זייערע פּירות. אָבער דער ראש השנה פון די בוימער געהט אָפּ שטיל, מען איז ניט מרעיש

עולם, מען מאַכט ניט קיין שום טאַראַראַם, בלויז איין שטיקעל זכר איז פאַראַן אַז עס איז ביי די בוימער ראש השנה: אַנשטאָט וואָס זיי, די בוימער, האָבען געדאַרפט עסען אַן המוציא מיט האָניג, עסען מיר אין דיזען טאָג באָקסער.

אָבער ווען קאָן וויסען? אפשר זאָגען די בוימער אַליין פּיוטים און בעטען ביי גאָט אויף אַ גוטען „קוויטעל"? די וויסענשאַפט וויל האָבען אַז בוימער האָבען אין זיך עפּעס אַ חיות, קאָן דאָך מעגליך זיין אַז זיי טוען אפשר תפלה, לייענען תחינות און בלאָזען שופר אויף זייער שטייגער. אַז בוימער זאָגען אַלע טאָג שירה, קען דאָך זיין אַז אין זייער ראש השנה דאַוונען זיי שחרית און מוסף אויף אַזאַ אופן וואָס מיר מענשען קענען ניט באַגרייפען.

יאָ, מיר קענען דאָס גאַנץ שטאַרק גלויבען, און לאָמיר מיר אייך זאָגען, אַז אויב עס איז אַזוי, קומט די בוימער אַ גרויסער קרעדיט. ווייסט איהר פאַרוואָס? דערפאַר וואָס זיי מאַסקירען זיך ניט אין זייער ראש השנה אַזוי ווי מיר מענשען אין אונזער ראש השנה. ביי אונז פּראַוועט מען אָפטמאָל ראש השנה פּורים־שפּיל, מען פּוצט זיך אויס אין טליתים, כאָטש אַ גאַנץ יאָהר האַלט מען דערפון ניט; מען קויפט עליות ניט פון מצוה וועגען, נאָר פון כבוד וועגען. מען דאַווענט, מען זאָגט תהלים עפּעס אַזוי ווי לכתחילה אַפּצונאַרען דעם רבונו של עולם. אָבער די בוימער זיינען אין זייער ראש השנה נאַקעט, ניט פאַרשטעלט, אָהן אַ שום מאַסקע. זיי וואַרפען פריהער אַראָפּ די בלעטער וואָס פאַרשטעלען זיי און זיי קומען מתפלל זיין פאַר גאָט אָהן אויסער־ליכע באַפּוצונגען, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען זאָגען: „אָט דאָס, גאָטעניו, זיינען מיר און אַזוי זיינען מיר, און דו משפּט אונז לויט אונזער ווערט, לויט ווי מיר האָבען ביי דיין ליבען נאָמען פאַרדינט".

ווען די בוימער זאָלען קענען ריידען אויף אונזער לשון, וואָלטען זיי אין זייער ראש השנה געדאַרפט זאָגען פאָלגענדע תפלה:

אבינו מלכנו, אונזער פאָטער, אונזער קעניג, ברך עלינו, מאַך דו אַ ברכה איבער אונזערע פּירות, ווייל אידישע קינדערלאַך האָבען פון זיי הנאה און ווילען קיין ברכה ניט מאַכען.

אבינו מלכנו, אונזער פאָטער, אונזער קעניג, באַשיץ אונז אַז

מען זאָל אונטער אונזער שאָטען ריידען דברי חכמה, אנשטענדיגע רייד און ניט חלילה נבול פה און פראַווען לינקע ליבעס.

אבינו מלכנו, אונזער פאָטער, אונזער קעניג, באַהיט און באַשירם אונזערע ברידער וואָס שטעהען אין יאַרדס פון טענעמענט הייזער, אז מען זאָל זיי ניט מביש שטעלען און ניט וואַרפען אויף זיי קיין שמוץ און קיינע שמאַטעס.

אבינו מלכנו, אונזער פאָטער, אונזער קעניג, העלף אונז אז מען זאָל פון אונזער האָלץ מאַכען שפּאַציר שטעקלעך און ניט חלילה קיין קוליעס.

אבינו מלכנו, אונזער פאָטער, אונזער קעניג, בענטש אונז, אז מען זאָל פון אונז מאַכען ארון הקודש'ן, „עץ חיים'ס" צו ספרי תורות, שטענגלאַך צו חופות, אָבער ניט חס ושלום ארונות פאַר מתים.

אבינו מלכנו, אונזער פאָטער, אונזער קעניג, זעה אז מען זאָל פון אונז מאַכען טישען, ביי וועלכע גאַנצע פאַמיליעס זאָלען זיצען און קיינער זאָל ניט אפּגעריסען ווערען פאַר דער צייט.

אבינו מלכנו, אונזער פאָטער, אונזער קעניג, מיר פאַרלאַנגען פון דיר, אז מען זאָל פון אונז מאַכען בעטען צום שלאָפען, שטו־לען צום זיצען און ניט חס וחלילה תליות צו הענגען מענשען.

אבינו מלכנו, אונזער פאָטער, אונזער קעניג, האָב אויף אונז רחמנות און זעה, אז אויף די בימה'ס וואָס מען מאַכט פון אונזערע ברעטער, זאָלען ניט גע'דרשנ'ט ווערען קיינע שענדליכע דרשות און ניט פאַרגעשטעלט ווערען קיינע מיאוס'ע זאַכען.

אבינו מלכנו, אונזער פאָטער, אונזער קעניג, טו אונז די טובה און זאָלען מאַנכע מלמדים און בעלי תפלה ניט צונעהמען אונזער רעפּיוטיישאָן מיט זייער הילצערנע עברי.

אבינו מלכנו, אונזער פאָטער, אונזער קעניג, טו מיט אונז חסד און אלע מענשען זאָלען זיין מענשען און עס זאָלען זיך ניט געפינען צווישען זיי קיינע פלעקער, ווייל דיזער טיטול באַלאַנגט נאָר צו אונז, ניט צו קיינעם.

אָט אַזוי אונגעפעהר וואָלטען די ביימער געדאַרפט תפלה טאָן. אפשר ווען עס וועט מקוים ווערען דער „אז ירננו עצי יער" וועט מען דאָס אויך זוכה זיין צו הערען.

דער צר הצורר, דער לוח.

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ אידענע).

מיין אידענע האָט שוין פאַרפּליאַסקעט די ווענד מיט נייע קאַלענדאַרען פון יאַהר 1920.

זי, די אידענע מיינע, איז עפּעס אַזוי ווי פאַרליעבט אין קאַלענדאַרען און שטענדיג, ווי עס קומט נייַ־יאַהר, זוכט זי זיי אויס פון אונטער דער ערד. אויב זי ווייס נאָר פון אַ סטאָר, וואו מען טיילט קאַלענדאַרען צו קאַסטאָמערס, מעג די סטאָר אפילו זיין פאַר מיילען ווייט, לויפט זי אַהין געבען צו לייזען פאַר זאַכען, וואָס זי דאַרף גאָר ניט, אַבי קריגט אַ קאַלענדאַר. אַ שגעון אַזעלכער ביי איהר, און האָדיע!

און אחוץ וואָס זי אַליין איז אַריינגעטאָן אין קריגען נייע קאַלענדאַרען, הייסט זי מיר אויך, אַז איך זאָל דיזע סחורה ברייננגען. זי טרייבט מיך, אַז איך זאָל געהן צום קלאָדיער און העטער, וואו איך קויף מיין הלבשה און העטס, און נעהמען ביי זיי קאַלענדאַרען. טאָמער זאָג איך איהר, אַז מען קריגט עס ביי זיי ניט, בייזערט זי זיך אויף מיר למאי איך האַנדעל מיט אַזעלכע, וואָס גיבען ניט קיין קאַלענדאַרען צום נייעם יאַהר.

מיין אידענע האַלט די קאַלענדאַרען פאַר אַ צירונג, פאַר אַ באַפּוצונג צום הויז, און מיך שניידט אין האַרצען, קוקענדיג אויף זיי. איך באַטראַכט דעם לוח פאַר אַ צר הצורר, פאַר אַ שטילען, באַהאַלטענעם שונא, וואָס טוט, דאַכט זיך, קיינע שלעכטעס, אָבער ער רייצט זיך מיט מיר אויף שטום־לשון און ער רייסט פון מיר אויס אַ שטיק נשמה.

אַ שמחה אַ גדולה, מען האָט אומגעענדערט דעם קאַלענדאַר פון 1919 אויף 1920! וואָס איז דאָ די שמחה, פרעג איך אייך? וואָס צייגט אייך דער נייער קאַלענדאַר מיט'ן ציפער 1920? ער צייגט אייך, אַז איהר זייט שוין מיט אַ יאַהר נעהענטער צום טויט; ער צייגט אייך, אַז אייערע דערוואַקסענע טעכטער, וואָס האָבען

נאָך ניט קיין חתנים, זיינען שוין מיט א יאָהר עלטער; ער ציינט אייך, אז די צייט, ווען אייערע קינדער וועלען אייך אָנהויבען פיינט האָבען, דערנעהענטערט זיך... איהר ווייסט גאַנץ גוט, אז א מענש, א טאַטע פון קינדער, כל זמן ער איז נאָך איינגער, איז נאָך סיאַק־טאַק, אָבער צו דער עלטער האָט ער ביי זיינע קינדער א פּנים אזוי ווי אן אלטע, אבגעניצטע שמאַטע. היינט וואס־זשע איז דאָ אזוי דער גליק, אז מען הענגט אויף א נייעם קאַלענדאר אויפ׳ן וואַנד?

מיר דאַכט, אז מענשען וואָלטען פיעל גליקליכער געווען, ווען קיינע קאַלענדארען אדער לוחות וואָלטען אויף דער וועלט ניט געווען. די צייט געהט דאָך סאַי־ווי־סאַי אוועק אין די אייביגקייט, הייגט וואס וואָלט דאָס אימיצען געאַרט, ווען זי וואָלט ניט געווען איינגעטיילט אין חדשים און יאָהרען? וואָס וואָלט עס אימיצען געשאַדט, אז די צייט זאָל זיך ציהען כסדר גלייך, אָהן אן אנהויב און אָהן א סוף און מען זאָל ניט וויסען קיין חשבון פון יאהרען? אָט וועל איך אייך ציינען, ווי די מענשהייט וואָלט געווען פיעל בעסער אָפּ ווען מיר וואָלטען ניט געהאַט דעם צר הצורר, דעם לוח.

מיין אידענע, למשל, האָט ערגעץ פארשריבען אדער זי געדיינקט אויפ׳ן קאָפּ, וויפיעל יאָהר עס איז שוין נאָך איהר חתונה. זי גיט מיר שוין אנצוהעריניש, אז אינגיכען איה״ש וועט ווערען פינף און צוואַנציג יאָהר זייט מיר זיינען פאַרהייראַט. בכן, וואס זשע מיינט עס? דאס מיינט א זילבערנע חתונה אדער א סילווער וועדינג, ווי מען רופט עס דאָ, און דאָס שמעקט מיט א פּאָר דימענטענע אוירינגלאָך אדער עפּעס אן אנדער שמאָכטע, וואס מען דאַרף אויף צעהן כפּרות און קאָסטען קאָסט עס אָפּ א שלל מיט געלד. אָט די זילבערנע חתונה ליגט מיר שוין גוט אין זינען, און מיר דאַרט שוין דער מח, וואו נעמט מען געלד, אום איך זאָל קענען ממלא זיין דעם רצון פון מיין אידענע, מיט וועלכע איך לעב בשלום און בין זעהר גערן, אז אונזער שלום זאָל חלילה ניט געשטערט ווערען. ווען אבער ניט דער פאַרפלוכטער לוח, ווען מיר זאָלען אָבער ניט האָבען קיין צייט רעכענונג, ווי מען רופט עס, וואָלט מען פאַרשפּאָרט זילבערנע חתונות און גאָלדענע חתונות און פּאָר אונפאַרמעגליכע מענשען וואָלט דאָס ממש געווען א גליק.

ווען ניט דער לוח, וואָלט מען ניט געוואוסט פון דער צרה, וואס מען רופט „צרת הבת". דארף מען האָבען א גרעסערען צער און א גרעסערען עגמת נפש, ווי האָבען חלילה א טאָכטער אין יאהרען, וואס קען זיך קיין חתן ניט צוקלייבען, אדער די חתנים ווילען זיך ניט צוקלייבען? ווען א מיידעל פאָרט אריין עטליכע יאהר אין דריטען צענדליג און עס מאכט זיך ניט פאר איהר קיין שידוך, געהען טאטע און מאמע אום, שונאי ישראל, אָהן קעפּ. זיי וואָלטען די לעצטע העמד פון זייער לייב אויסגעטאָן, אבי זייער קינד זאָל ניט גערופען ווערען מיט דעם שענדליכען נאָמען „פאר־זעסענע". ווען קען דאָס משער זיין וואָס עלטערען נעבאך ליידען דערפון? ווען אבער מען זאָל ניט וויסן דעם חשבון פון יאהרען, וואָלט אזא זאך ווי א „פארזעסענע" מיידעל ניט געווען און מען וואָלט פארשפּארט א סך עגמת נפש.

ווען ניט די צעהלונג פון יאָהרען וואָלט בכלל ניט געווען קיין יונג און קיין אלט. א בן שמונים וואָלט דאן געקענט חתונה האָבען מיט א מיידעל און קיינער וואָלט ניט געלאכט און קיין קרום וואָרט געזאגט. דער מין אלטער בחור וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען און קיינער וואָלט קיינמאָל ניט עובר געווען אויפ'ן „בן שמונה עשרה לחופה"...

ווען די צייט זאָל ניט זיין איינגעטיילט אין יאָהרען וואָלט ניט עקזיסטירט דער דין פון „בן שלש עשרה למצוות" און מען וואָלט פארשפּאָרט מוטשען יונגע קינדער מיט אן הפטורה, מיט ברכות און מיט ספּיטשעס... אפילו יאָהר־צייט פראווען נאָך טאטע און מאמע וואָלט מען אויך פארשפּארט און עס וואָלט געווען א לעבעדיגע וועלט...

היינט וויפיל וואָלט עס די מענשהייט פּראָפּיטירט דערפון וואָס מען וואָלט פּטור געוואָרען פון יובילעאומס און יאָהרעס־פעסטען? ווי גוט און ווי וואויל וואָלט עס געווען, ווען מען וואָלט ניט גע־וואוסט פון די „האָלד אָפּניקעס" וואָס באַפאַלען אונז מיט בילעט־לאך פאר יובילעאומס און יאָהרעס־פעסטען? מיר דאכט אז קיין בעסערעס ווי פּטור ווערען פון די דאָזיגע אָנשיקעניסען קען גאָר ניט זיין. היינט דאָס ניודענען פון די „ספּיקערס" ביי די יובילע־אומס איז עפּעס א קליינינקייט? איך דענק אז קיין ערגערע אָפּ־קומעניש ווי דאָס קען שוין אפילו אין סאַמע גיהנום אויך ניט

זיין. ווען אבער ניט דער לוח, ווען מען זאל ניט וויסען פון אזא זאך ווי יאהרען, וואלטען ניט געווען קיין יובילעאומס, קיין יאהרעס־פעסטען און מען וואלט פארשפארט ליידען און האבען קיצור ימים פון אימיצענס יאהרען...

אדער לאמיר, למשל, נעהמען אונזער כראניק, אונזערע גע־שיכטליכע פארצייכנונגען, וואס געפינט איהר דארט? אזויפיל און אזוי פיל יאהר זייט דעם ערשטען חורבן, אזוי פיל און אזוי פיל יאהר זייט דעם צווייטען חורבן, אזוי פיל און אזוי פיל יאהר נאך דער הריגה אויף אידען, אזוי פיל און אזוי פיל יאהר נאך אן אנדער הריגה, און אזוי דורכאוים רק צרות און צרות. ווען אבער עס וואלט איף דער וועלט ניט געווען קיין קאלענדאר אדער לוח; ווען די צייט וואלט געגאנגען איהר וועג כסדר און זיך ניט אפגעשטעלט ביי געוויסע פונקטען וואס מען רופט יאהרען, וואלטען אפשר מאנכע צרה'דיגע און פינסטערע געשעהענישען פון פאלק ישראל פארגעסען געווארען און מיר וואלטען יעצט געהאט ווענינער קינות צו זאגען.

הכלל, רבותי, דער קאלענדאר אדער דער לוח איז ניט מעהר ווי א סטראשידלא, א שרעקענס געגענשטאנד, וואס ווארפט אויף מיר א מורא, ווען איך דערזעה איהם א נייעם הענגענדיג אויפ'ן וואנט. איך זאג אייך נאך אמאל, אז עס וואלט פיל בעסער געווען אין כמה וכמה פרטים, ווען אט די דאזיגע פאפירענע אנצייגער פון מאנאטען און יאהרען וואלטען אויף דער וועלט ניט געווען.

איך בין א דם שונא די יעניגע, וואס האבען אויסגעטראכט דעם צר הצורר, דעם לוח.

גראַגערס,
שלח־מנות
און קרעפּלאַך

א פארבלאָנדזשעטע שלח־מנה.

עס איז פּורים צו דער סעודה.

מאָטיע דער שניט־קרעמער, א שעהנער בעל הבית, און זיין ווייב פייגע, א באוואוסטע אשת חיל אין שטעדטעל, זיצען ביי א פיין געגרייטען טיש און סדר'ן די שלח־מנות וואָס זיי דארפען שיקען.

זיי זיינען ביידע פּורים'דיג געשטימט, פרעהליך, לוסטיג, ווי פּורים צו דער סעודה. פייגע שניידט חלקים טאָרט, לעקאך, שטרודעל און אנדערע געבעקס, און צוגרייטענדיג די שלח־מנות מאכט פייגע צו מאָטיען:

— פארשפּילט היינט זלמן דעם וויין־מאכער'ס שלח־מנה. פארשפּילט היינט זיין סעודה, אזוי ווי קיין זלמן דער וויין־מאכער וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען.

— איך דארף איהם אויף כפּרות מיט זיין שלח־מנה און מיט זיין סעודה — ענטפערט מאָטיע — אזא גנב, אזא כל־בו'ניק, אזא מאשעניק! ווען ער שיקט מיר א שלח־מנה ווארף איך עס ארויס אין גאס. איך וויל איהם ניט קענען מיט זיינע שלח־מנות.

— עט, עס רעדט זיך נאָר אזוי — רופט זיך אָפּ פייגע — ווען ער שיקט אונז א שלח־מנה, וואָלט איך עס גאנץ פיין צונע־נומען און איהם אָפּגעשיקט צוריק א שלח־מנה און זאָל זיין שלום. ווי זאָגט מען עפּעס? בעסער צעהן גוטע פריינד איידער איין שונא.

— א כח אויף איהם אז איך זאָל מיט איהם שלום ווערען! — צופלאקערט זיך מאָטיע — איך האָב כמעט א נדר געטאָן אז איך זאָל מיט איהם ניט רעדען כל זמן איך וועל לעבען. ווען איך זעה איהם אין גאס אָדער אין בית־המדרש מייד איך איהם אויס, ווייל איך וויל אין זיין טרפה'נעם פּרצוף ניט קוקען.

— יאָ — זאָגט פייגע — גערעכט ביזטו טאקי, אָבער אז יענער בעט איבער דארף מען זיך לאָזען איבערבעטען. נאָט איז אויך מוחל, ווען מען טוט צו איהם תשובה.

— גלייכער אז מען איז מיט אזעלכע מענשען פון דער־ווייטענס — איז מאָטיע איינגע'עקשנ'ט — ווארים היינט וועט ער דיר איבערבעטען און מאָרגען וועט ער דיר ווידער א בּיס טאָן. איך האָב געזאָגט, אז איך וועל מיט איהם קיין מחזקות ניט האָבען און איך וועל האַלטען וואָרט. איך וועל מיט איהם קיינמאָל ניט שלום ווערען, ווען אפילו ער שטעהט פאר מיר אויף די קניע, ווען אפילו ער ציהט זיך אוים פאר מיינע אויגען.

— אפילו ערב יום כפור אויך ניט? — פרעגט פייגע מיט א שמייכעל.

— ניין! — ענטפערט מאָטיע האלב אויפגערעגט — אפילו ערב יום כפור אויך ניט, אפילו פאר זיין מיתה משונה אויך ניט.

אין די רייד קומט אריין אן אָרעם אינגעל מיט א טעלער איבערגעדעקט מיט א קלאָרע סערוועטקע אין האנד, געהט צו נעהנ־טער צום טיש און מאכט אזוי:

— אָט דאָס האָבען אייך ר' זלמן דער וויין־מאכער און זיין ווייב דבורה געשיקט א שלח־מנה.

ביידע, אי מאָטיע, אי פייגע זיינען אויף א ווייַלע צומישט געווארען.

— פראווע ניט קיין געשעפטען — מאכט פייגע צו מאָטיע'ן אויפ'ן אויער — לאָמיר צונעהמען די שלח־מנה און לאָמיר זיי צוריק אָפּשיקען א שלח־מנה און זאָל זיין אן ענדע צו דעם ברוגז. זעהסטו, מאָטיע, איך וואָלט דיר קיינמאָל ניט געהייסען אז דו זאָלסט איהם איבערבעטען; אָבער אז ער בעט אונז איבער, דאַרף מען זיך לאָזען איבערבעטען.

מאָטיע איז ווייכער געווארען און האָט געפאָלגט זיין ווייב.

ווען דער אינגעל איז אוועק מיט דער שלח־מנה, האָט מאָ־טיע גענומען א גוטען טרונק בראנפען און רייבענדיג די הענד פאר שמחה האָט ער געזאָגט:

— ער וואָלט זיך א שעהן ביסעל אויסגעוואַרט אז איך זאָל איהם איבערבעטען. ער איז אָבער צום שכל געקומען און איינ־געזעהן אז ער האָט געגען אונז אן עולה געטאָן. ווייסטו וואס, מיין ווייב? אָט לאָמיר צוגעהן צו איהם צו דער סעודה, אזוי ווי מיר פלעגען טאָן אלע פורים.

— דאס ניט — ענטפערט פייגע — ער האט אונז אפנים גע־בעטען?

— די שלח־מנה וואס ער האט אונז געשיקט — ענטפערט מאטיע — איז שוין אזוי גוט ווי אן איינלאדונג צו דער סעודה. און ווידער דארף מען פורים ניט בעטען. גוטע פריינד געהען איי־נע צו די אנדערע אומגעבעטענערהייד. פארקעהרט, מען דארף זיי צייגען אז מיר זיינען לייטישערע מענשען פאר זיי און מיר קענען שנעל מוחל זיין און פארגעסען וואס עס איז געווען.

פייגע האט זיך געלאזט איבעררעדען און אביסעל שפעטער זיינען זיי אוועקגעגאנגען צו זלמן דעם וויין־מאכער.

אין דער זעלבער צייט, ווען עס איז פארגעקומען דער שמועס צווישען מאטיע דעם שניט־קרעמער און זיין ווייב פייגע, זיינען זלמן דער וויין־מאכער, אויך א איד א בעל הבית, און זיין ווייב דבורה, א כוואטסקע און בייזע אידענע, געזעסען ביי דער סעודה און זיינען אויך געווען פורים׳דיג געשטימט.

— פארזינדיגט היינט מאטיע דעם שניט־קרעמער — מאכט זלמן צו זיין ווייב — שוין וויפיעל יאהר האבען מיר איהם און זיין פייגען געהאט ביי דער סעודה? שוין אפשר א יאהר צעהן.

— איך דארף זיי אויף סעם סאט כפרות — ענטפערט דבורה — ווען זיי קומען אהער וואלט איך זיי מיט א פאמוניצע אפ־געגאסען.

— אזוי ווייט וואלסטו, דבורה, ניט געגאנגען — זאגט זלמן — איך האב זיי אויך פיינט און איך קען זיי ניט אנקוקען. פון דעסטוועגען ווען זיי קומען ערשט אהער וואלט איך זיי צוגע־נומען פאר גוטע געסט. ווען יענע קומען מיך איבערבעטען איז גאר אנדערע טענות און מען דארף ניט זיין אזוי שלעכט.

— ביזטו א גוטער! — רופט זיך אפ דבורה האלב בייז — אבער איך האב אן אנדער נאטור. אזעלכע פאסקודניאקעס, אזעל־כע דברים אחרים! זאל מיר אסור זיין, אויב מען מעג זיי א אין א אידיש הויז אריינלאזען.

— טאקי אלעם אמת — ענטפערט זלמן — פון דעסטוועגען ווען יענער קומט און זאגט: חטאתי״, דארף מען איהם מוחל זיין. איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז מיר בענקט זיך אביסעל ניט נאך

מאַטיען און פייגען. עפּעס פעהלט די פרעהליכקייט פון די אמאָליגע פורים'דיגע סעודות. דו געדענקסט ווי מאַטיע פלעגט אויסטרינ־קען אַ פּאָר גלעזלאך וויין און פלעגט זיך מאַכען משוגע?

— זאָל ער משוגע ווערען טאַקי אויף אַן אמת און מען זאָל איהם צונעהמען אין אַ דול הויז — מאַכט דבורה — מיר איז צעהן מאָל פרעהליכער אָהן איהם ווי מיט איהם. אַלץ חייסט ביי דיר אַ שמחה! האָבען אַ שונא אין שטוב איז ביי דיר אויך אַ שמחה.

אין די רייד הערט מען אַ קלאַפּ מיט'ן טיר אין קיך. די דינסט קומט אריין און זאָגט: מאַטיע דער שניט־קרעמער און מאַטיע־בע זיינען געקומען.

דבורה הויבט זיך אויף פון איהר אָרט אזוי ווי אַ שלאַנג זאָל איהר אַ ביס טאָן.

— שאַ! — מאַכט זלמן — זיי ניט, דבורה, אזוי צוהיצט און מאַך ניט קיין באַרוואַריעס. איך האָב דאָך נאָר געוואָלט אַז זיי זאָלען קומען אונז איבערבעטען און אַז זיי האָבען שכל געהאַט און געקומען, לאָמיר זיי איינרופען און זאָל זיין — שאַ.

דבורה איז ווייבער געוואָרען און האָט איינגעשטימט מיט איהר מאָן.

מאַטיע און פייגע האָבען ניט געוואַרט ביז מען וועט זיי רו־פען. זיי זיינען גלייך אריין אין עס־שטוב מיט אַ ברייטען „גוט יום טוב" און די מענער און די ווייבער האָבען זיך ארומגעכאַפּט אזוי ווי אַלטע גוטע פריינד.

— לאָמיר פאַרגעסען וואָס עס איז געווען — האָבען מאַטיע און פייגע געזאָגט — לאָמיר צוריק זיין שלום אזוי ווי אַמאָל. צו וואָס קריגען זיך? צו וואָס ברוגז זיין? פּע!

— ווער קריגט זיך דען? ווער איז דען ברוגז? — האָבען זלמן און דבורה געענטפערט — געהט צום טיש און לאָמיר זיך משמח זיין לכבוד פורים.

די געסט זיינען געגאַנגען צום טיש און מען האָט צוזאַמען גע־געסען, געטרונקען, געזונגען, געטאַנצט, זיך געקושט און זיך נאַריש געמאַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען האָט זיך צושיידט אזוי ווי אַלטע גוטע פריינד און אי מאַטיע און פייגע, אי זלמן און דבורה זיינען געווען צופרידען מיט זייער נצחון.

אין שטערטעל האָבען אַלע געוואוסט, אז מאַטיע דער שניט־קרעמער און זלמן דער וויין־מאכער, די אמאָליגע גוטע פריינד, זייי־נען זייט איינינע מאָנאטען אויף שטעך־מעסערס און זיי וואלטען איינע די אנדערע אין א לעפעל וואסער דערטרונקען. עס איז דע־ריבער ביי אלעמען געווען א חידוש, ווען מען האָט אויף מאָרגען, שושן פורים אין דער פריה, געזעהן ווי זיי האָבען זיך איינע די אנדערע אָפּגעגעבען „גוט מאָרגען" אין בית המדרש און האָבען פאר'ן דאווענען פריינדליך געשמועסט.

נאָכ'ן דאווענען געהט צו יאנקעל דער דאמסקער שניידער צו מאָטיע דעם שניט־קרעמער און פרעגט איהם:

— וואס, ר' מאָטיע? שלום געווארען מיט זלמן'קען? מזל טוב אייך. זאָל זיין מיט גליק.

— וואס איז שייך שלום געווארען? — ענטפערט מאָטיע שטאָלץ — ער האָט מיך איבערגעבעטען, האָב איך איהם מוחל געווען.

— איך פארשטעה, — גיט איהם יאנקעל דער דאמסקער שניי־דער א חניפה — אז ער האָט אייך איבערגעבעטען. וואס דען? איהר האָט איהם איבערגעבעטען? איך האָב דאָך שטענדיג געזאָגט אז ער איז אומגערעכט געגען אייך אזוי ווי א גוי. איך האָב דאס איהם אין די אויגען אויך געזאָגט. וואָס מיינט איהר, איך שעהם זיך פאר איהם? האָט ער, הייסט עס, זיך ארומגעזעהן אז ער האָט געזינדיגט און ער האָט תשובה געטאָן.

— נאָך ווי! — ענטפערט מאָטיע נאָך מיט מעהר גאוה.

— זעהר גלייך האָט ער געטאָן — ענטפערען נאָך עטליכע בעלי הבתים וואס האָבען צוגעהערט דעם שמועס. אז מען באַנאָ־רעשט זיך דארף מען זעהן כאפען צוריק.

יאנקעל דער דאמסקער שניידער איז אוועק פון מאָטיע דעם שניט־קרעמער און איז צוגעגאנגען צו זלמן דעם וויין־מאכער. די אנדערע בעלי הבתים זיינען איהם נאָכגעגאנגען.

— מזל טוב אייך, ר' זלמן — מאכט יאנקעל — על פי יושר האָט איהר לכבוד שושן פורים געדארפט פארבעטען דעם עולם אויף וויין.

— וואס איז מיט אייך די שמחה? — פרעגט זלמן.

— אָט דאָס איז מיט מיר די שמחה, ענטפערט יאנקעל, וואס איהר זייט שלום געווארען מיט מאָטיען.

— דער וואס פארשפילט, רופט זיך אפּ זלמן מיט א שטאָל־צע מינע, דער דארף צאָהלען קנס. ווער האָט וועמען איבערגע־בעטען, איך איהם צי ער מיר? ער איז גאָר אומגעריכט אריינגע־פאלען מיט זיין ווייב צו מיר צו דער סעודה און זיי האָבען מיך מיט מיין ווייב איבערגעבעטען. נו, אזוי פיל שלעכט קען מען שוין ניט זיין. האָבען מיר זיך געלאָזט איבערבעטען. געהט מאָהנט ביי איהם, אז ער זאָל געבען משקה.

— זאָגען זאָגט אפילו מאָטיע, רופט זיך אָפּ יאנקעל דער שנייד־דער, אז איהר האָט איהם איבערגעבעטען. אָבער איך וויים אז עס איז ניט אמת. איהר האָט איהם עפּעס שלעכטעס געטאָן, וואס איהר האָט איהם געדארפט איבערבעטען? איך וויים ניט אויב עס איז פראן איינער וואס האָט געהאלטען מיט איהם. ווער וויים דאָס ניט, אז איהר זיינט גערעכט געווען?

— פּטור, נו, — רופען זיך אפּ א פּאר אידען, — אודאי האָט ער אייך געדארפט איבערבעטען. עס איז נאָך א גוטסקייט פון אייך וואס איהר האָט זיך געלאָזט איבערבעטען. אן אנדערער אויף אייער פּלאץ וואלט איהם פון שטוב ארויסגעווארפען.

דערווייל האָט מאָטיע דערהערט דעם שמועס און ער איז צו־געלאָפען אן אָנגעצונדענער.

— איך האָב דיך איבערגעבעטען, אדער דו מיך? — האָט ער זיך צופלאקערט, — ווער האָט וועמען געשיקט א שלח־מנה, איך דיר, אדער דו מיר?

— איך דיר א שלח־מנה? — ענטפערט זלמן מיט א לשון בתמיה, — דו מוזט מיינען פאר־א־יאהרען. ליגנער! שקרן! כזבן!

— דו ביזט אליין א ליגנער און א שקרן און א כזבן — האָט מאָטיע געליארעמט — האָט איהר געהערט אויף אייער לע־בען? א מענש זאָל אין די אויגען ווערען אפּלייקענען! אזא גרויסע מכה מיינע שונאים וואס פאר א גרויסע שלח־מנה דו האָסט מיר געשיקט.

— אדרבה, שווער אז איך האָב דיר געשיקט א שלח־מנה.

— אזוי ווי איך שטעה אין א מקום קדוש, אזוי ווי מיר האָ־

בען היינט שושן פורים אויף דער וועלט, אזוי האָט ער מיר גע־שיקט א שלח־מנה!

— אידען ער איז א פאלש־שבועה'ניק, אן אפיקורוס, א משומד, א הולטאַי, א לאידאק! — האָט זיך דער ווייַן־מאכער צוהיצט — סם א ביסעל וואלט איך איהם געשיקט, ניט א שלח־מנה! זאָל איך ניט דערלעבען מארגען אויב ער זאגט אמת! ער איז פשוט געקומען מיט זיין ווייב, די ימח־שמו'ניצע, צו מיר אין שטוב און אונז איבערגעבעטען.

— דו בילסט ווי א כלב! — האָט דער שניט־קרעמער אויס־געשריען און א שפּיי געטאָן מיט פאראכטונג.

— דו ביזט אליין א כלב, נאָך ערגער ווי א כלב!

— היט, זלמן, דיין קאַלטונאָוואטע באָרד, ווארום איך פליק זי באלד אויס!

— היט, מאָטקע, דיינע הינטישע צייהן ווארום איך קלאפּ זיי באלד אויס.

און אין די רייד האָבען שוין די צוויי נאָר וואָס שלום געווארע־נע אָנגעהויבען צייגען קולאקעס און ווען מען וואָלט זיי ניט אָפּ־געהאלטען, וואלט זיך אין בית המדרש אפּגעשפּילט א פיינע פורים־שפּיל.

עס האָט זיך נאָכהער ארויסגעוויזען, אז דער פורים אויף דער נאכטיגער שלום און די שושן פורים אין דער פריהיגע מחלוקת איז געקומען דערפון וואס זלמן דעם ווייַן־מאכער'ס א שלח־מנה האָט פארבלאָנדזעט ניט אין ריכטיגען פלאץ. די מעשה איז אזוי געווען:

זלמן דער ווייַן־מאכער האָט געשיקט א שלח־מנה צו מאָטיע דעם אייזען־קרעמער, זיינער א שטענדיגער ידיד, ניט צו מאָטיע דעם שניט־קרעמער. האָט אָבער דער שלח־מנות טרעגער א טעות געהאט און האָט אוועקגעטראגען די שלח־מנה צו זלמן'ס שונא — צו מאָטיע דעם שניט־קרעמער. ווען די שלח־מנה זאל ניט געווען פארבלאָנדזען, וואלט צו קיין זאך ניט געקומען און די בעלי מחלוקת וואלטען פארבליבען ביי זייער ערשטען רוגז.

ילקוט פּורים.

דרש רבי רעבתן, רבי רעבתן האָט גע׳דרשן׳ט: מאי דכתיב, דאָס וואָס שטעהט אין פּסוק: ידיו גלילי זהב ממולאים בתרשיש, די הענד זיינען גאָלדענע וואַלצען אָנגעפּילט מיט תרשיש; בשבחן של בנות ישראל הכתוב מדבר, דער פּסוק רעדט דאָ וועגען די שבחים פון אידישע טעכטער; שמקטפות בידיהן ועושין מעשי אופה לכבוד סעודת פּורים, וואָס וועלגערען טייג מיט זייערע גאָלדענע הענטעלאך און מאַכען אַלערליי געבעקסען לכבוד די פּרום׳דיגע סעודה.

מאי ממולאים בתרשיש? — וואָס מיינט מען אָנגעפּילט מיט תרשיש? אלו ההמן טאַשען, השטרודעלס והפלאָדענס, דאָס זיינען די המן־טאַשען, שטרודעלס און פלאָדענס וואָס זיינען אָנ־געפּילט מיט מאָהן, ראָזשינקעס, טרוקענע יאַגדעס און אַנדערע גוטע זאַכען.

הפּרוש הכאַנדריקעוואַי דרש, דער כאַנדריקעווער פּרוש האָט גע׳דרשן׳ט. מאי פּורים? — פאַר וואָס רופט מען דעם יום טוב פּורים? על שם הפּוריא, צוליב דער בעט אויף וועלכער דער מלאך האָט המן׳ען ארויפגעשטופּט; שנאמר, אין פּסוק שטעהט: והנה המן נפל על המטה, המן איז געפאַלען אויף אסתר׳ס בעט, און ווען ניט די דאָזיגע קעניגליכע בעט, וואָלט אסתר קיין מלכה ניט געווען, עס וואָלט קיין נס ניט געווען און מיר וואָלטען, ושונאי ישראל, געהאט א פיינ ניט א פּורים.

רבי רעבתן ורבי שכרן הוי יתבי בסעודתא דפּורים, רבי רעבתן און רבי שכרן זיינען געזעסען ביי דער פּורים׳דיגער סעודה, פּתח רבי רעבתן ואמר, האָט רבי רעבתן אָנגעפאַנגען און געזאָגט: מצוה לאכל קרעפּלך בפּורים: עס איז אַ מצוה צו עסען קרעפּלאך אום פּורים; מפּני שהקרעפּלאך ממולאים בבשר, ווייל קרעפּלאך זיינען אָנגעפּילט מיט פלייש; זכר לוימלא המן חימה, איז עס אַן אָנדענקונג דערויף וואָס המן איז אָנגעפּילט געוואָרען מיט צאָרן; ולא עוד, אלא שגם בערב יום הכפּורים ובהושענא רבה מצות לאכל

קרעפלאך, און ניט נאָר דארף מען אום פורים עסען קרעפלאך, נאָר אום ערב יום כפור און הושענא רבה דארף אויך דער דאָ־זיגער מאכל ניט פעהלען אין קיין אידישער הויז. זה הכלל, דאָס איז דער כלל: ביומא דאית ביה הכאה אית ביה קרעפלאך, אין די טעג וואָס מען שלאָגט, עסט מען קרעפלאך; וסימנך „הכה", און אום מען זאָל ניט פארגעסען ווען מען דארף מאכען קרעפלאך, זאָל מען זיך דערמאָנען אָן ווארט „הכה" — שלאָגען, וועלכער מאכט: המן, כפרות, הושענות.

נער ביה רבי שכרן בנזיפה, האָט זיך רבי שכרן אָנגעבייזערט אויף רבי רעבתן ואמר, און ער האָט געזאָגט: לא מכלי מעלי, אלא משתי מעלי; ניט עסען איז אום פורים דער עיקר, נאָר דאָס טרינקען; שנאמר, אין פסוק שטעהט: שתו ושכרו דודים, טרינקט און שכור'ט ברידער; וסמיך ליה: קול דודי דופק, און נאָכדעם שטעהט: מיינע אידעלאך קלאָפען המן'ען.

דרש רבי שתין, רבי שתין האָט גע'דרשן'ט: נח הצדיק זכה שיזכר שמו במגילה, נח הצדיק האָט זוכה געווען אז זיין נאָמען זאָל דערמאָנט ווערען אין דער מגילה; שנאמר, אין פסוק שטעהט: ונוח בארבעה עשר. ומפני מה זכה לאותה גדולה? — מיט וואָס האָט ער עס פארדינט אזא גדולה? מפני שהיה אבי השכורים, ווייל ער איז געווען דער פאָטער פון שכורים.

מתקיף ליה ר' שכרן, האָט ר' שכרן א קשיא געפרעגט: והרי לוט נמי היה אבי השכורים? לוט איז דאָך אויך געווען פון די שכורים הראשונים, היינט פאר וואָס האָט ער ניט זוכה געווען, אז זיין נאָמען זאָל דערמאָנט ווערען אין דער מגילה? אמר ר' שתין, האָט ר' שתין געזאָגט: מפני שלוט לא היה שכור גמור, ווייל לוט איז ניט געווען קיין ריכטיגער שכור; שנאמר, אין פסוק שטעהט: ומצות אפה ויאכלו, לוט האָט געבאַקט קיכ־לאך און זיי האָבען געגעסען; וגמירא, און מיר האָבען א קבלה, אז פיאניצא זאקוסקי ניע אופאטרעבליאעט, א ריכטיגער פי־תמיד'ניק דארף ניט קיין צובייסען.

תניא, מיר האָבען געלערענט: יכול אדם לאנס את אשתו, א מענש קען צווינגען זיין ווייב; לדבר אתו ולקללו בלשונו בפורים, אז זי זאָל מיט איהם ריידען און איהם שילטען אויף זיין שפראך אום פורים. אם הוא ליטוואק והיא גאליציאנית, אויב

ער איז א ליטוואק און זי א גאליציאנערקע; כופה אותת עד שתאמר, צווינגט ער איהר, זי זאל זאגען: „א חלאת דיר אין פופיק", אנשטאט „אין פיפיק". „דו זאלסט ניט דערלעבען" אנשטאט „די זאלסט נישט דערלעיבען". „זאלסט פגר'ן" אנ־שטאט „פאיגערען" וכ"ו, און אזוי ווייטער; שנאמר, ווייל אין פסוק שטעהט: ומדבר כלשון עמו, די פרויען דארפען ריידען אויף זייערע מענער'ס לשונות.

תנו דביה פי־תמיד, די חברה פי־תמיד האבען געלערענט: בלנים וסוחרי חלב, בעדערס און מילך־הענדלער; אסור לצרפן לסעודת פורים, טאר מען ניט מצרף זיין צו א פורים'דיגע סעודה, מפני שמתפרנסין מן המים, ווייל זיי מאכען א לעבען פון וואסער; ומים בסעודת פורים מוקצא מדאוריתא, און וואסער אום פורים איז מוקצא מן התורה; שנאמר, אין פסוק שטעהט: ועשה איתו יום משתה, דעם פורים האט מען געמאכט פאר א טאג פון משתה; ואין משתה אלא יין, און משתה מיינט מען וויין און שנאפס, משקאות פון וועלכע מען ווערט שכור; שנאמר אין פסוק שטעהט: שתו ושכרו, טרינקט און ווערט שכור.

מתיב רבי פיאניאל, האט רבי פיאניאל א קשיא געפרעגט: והרי רבי שתין ורבי שכרן ורבי שמערקע סוחר חלב הוי יתבא בסעודת פורים וקשתיא בהדדי? — סטייטש? רבי שתין מיט רבי שכרן זיינען דאך אליין געזעסען ביי דער פורים'דיגער סעודה צוזאמען מיט שמערקע דעם מילך־מאן? — הוא מותיב והוא מפרק, רבי פיאניאל האט אליין געפרעגט די קשיא און אליין פאר־ענטפערט: שאני ר' שמערקע סוחר חלב, שמערקע דער מילך־מאן איז עפעס אנדערש; אף על פי שהיה מתפרנס מן המים, כאטש ער האט געמאכט א לעבען פון וואסער; היה שכור כלוט כל ימות השנה, איז ער געווען שכור ווי לוט א גאנץ יאהר; עד דלא ידע להבחין בין שפרינצע דביתהו ובין הסוסיא שלו, און פון שכרות האט ער ניט געוואוסט צו אונטערשייד צווישען זיין פלונית'טע שפרינצע און זיין קליאטשע און ער פלעגט איהר (שפרינצען) אלע מאל אונטער'מקל'ן מיט'ן בייטש.

מגילת אסתר פון באַקענוויל.

א.

ויחי בימי — און עס איז געווען אין די צייטען ווען די נאַנצע דעה איז געווען ביים מאַנסביל, הוא דאָס איז דער מאַנס־ביל, וואָס איז שטענדיג געווען דער קנאַקער און געפיהרט די גרענדע ביד רמה.

בימים ההם, אין יענע צייטען האָבען זיך די ווייבער פון אַמעריקא ארומגעזעהן אַז זייערע נשמות זיינען אויך ניט קיין ראָזשינקעס און זיי האָבען אָנגעהויבען קעמפּיינעווען פאַר פרויען רעכטע. די סאַפריידזש אידעע האָט זיך ביסלעכווייז פארשפּרייט פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק און עס איז געוואָרען אַ הייסער קאַמף.

גם — אויך די ווייבער פון באַקענוויל האָבען איינגעזעהן, אַז זיי האָבען ניט גענוג רעכטע און זיי ווערען געקריוודעט פון זייערע מענער.

ביום השביעי — שבת נאָך ווארעמעס האָבען זיך ווייבער צוזאַמענגעקליבען נעבען אַ סטופּ און האָבען אָנגעהויבען שמועסען מכח זייער דאָליעס. יעדע איינע האָט אויסגערעדט איהר הארץ און אסתר די שוסטערקע, אַ ווייבעל אַ קאַזאַק, האָט פאַר זיי גע־האַלטען אַ ספּיטש.

להביא — „מיר דאַרפען זעהן ברענגען די ווייבערשע גאולה", האָט זי געזאָגט, „און מאַכען די מענער פאַר אוים קנאַקערס. לאָמיר זיי ציינען אַז מיר זיינען אויך ניט פון די צוויי פאַר אַ גראָשען. איך בין די ערשטע וואָס וועל זיך אַ נעהם טאָן צו מיינעם און איהר, ווייבערלאַך, זאָלט מיר נאָכטאָן".

ותמאן — אויף מאָרגען, אַז איציק דער שוסטער, אסתר'ס מאַן, האָט איהר געהייסען קאָכען ווארעמעס, האָט זי ניט גע־וואָלט, און איהם ערקלעהרט, אַז ער איז אוים פּריץ, אַז פון היינט און ווייטער זאָל ער טראָגען דעם פאַרטוך און זי וועט טראָגען די הויזען.

ויקצף — איז איציק אין כעס געווארען און די יוכע האט אין איהם געברענט.

והקרב — האט זיך איציק אן עצה געהאלטען מיט נאהענטע שכנים, מיט בעריל, שמעריל, מענדיל, נעטציל, שעפסיל, פייוויש, יאשקע, די זיבען הויפט בעלי הבתים פון באקענוויל.

כדת מה לעשות — וואס זאל ער טאן מיט זיין ווייבעל וואס האט נענען איהם רעוואלטירט און וויל איהם אפילו דעם קרופניק ניט אפקאכען.

ויאמר — האט יאשקע דער דזשאנק-פעדלער געזאגט: „באי גאלי, דאס איז דאך א ביטערער עסק. דאס קען אמאל אויס-וואקסען א צרה אויף אונז אלעמען און מיר זיינען קאפוט מיט די ביינער.

כי יצא — ווארום עס וועט ארוים א קלאנג, אז דיינע האט אנגעטאן די הויזען, וועלען אונזערע ווייבער אונז אלעמען מאכען פאר לעמעשקעס, וכדי בזיון — און דאס איז דאך א שעים, אז מיר זאלען זיך לאזען שפייען אין דער קאשע.

אם — אויב דיר וועט געפעלען זיין מיין עצה, גיב איהר אז דער רוח זאל איהר נעהמען. טו אזוי ווי איך טו מיט מיין קליאטשע. ווען זי הויבט איהרע הינטערשטע פיס, דערלאנג איך איהר מיט'ן בייטש און זי ווערט ביי מיר רוהיג.

ונשמע — און אז אנדערע ווייבער וועלען דאס דערהערען, וועלען זיי מורא האבען אויפהויבען די קעפ און וועלען זיין שטיל ווי צוציקלאך".

וייטב — איז איציקען די עצה געפעלען געווארען און ער האט באשלאסען צו טאן ווי יאשקע האט איהם געהייסען.

ב.

אחר הדברים האלה — נאך דעם פאריגען שמועס, האט איציק דער שוסטער געוואלט מאכען שהחינו איבער א קאפול אויף אסתר'ס קאפ, אבער זי האט איהם צוקיילט און צובייזלט און געמאכט א פאר בלאהע אויגען.

ויאמרו — האבען חברה געלאכט און געזאגט אי ער איז א יאלד, א פאנטאפעל מאן, וואס איז ניט ראוי אז מען זאל איהם רופען מאנסביל.

והנערה — און יעדע מיידעל און ווייבעל האָבען געפּאטשט בראַווא און געלויבט דער שוסטערקע פאר איהר העלדישקייט. דאָס האָט פארשטאַרקט דעם ווייבערשען לאַגער און די מענער האָבען עס אָנגעהויבען פיהלען.

איש יהודי — איז אין באָקענוויל געווען א אידעל, פּייווקע דער בוטשער, וועלכען מען האָט געהאלטען פאר א גרויסען חכם. ויהי בהשמע — און אז ער האָט דערהערט וואס אין שטעדטיל טוט זיך, האָט ער זיך גענומען אריינלעגען אין א שלום צווישען דעם שוסטער און דער שוסטערקע, כדי זי זאָל ניט ספּאָילען אַלע ווייבער.

ובכל יום ויום — און טאָג טעגליך פלעגט דער בוטשער קומען צום שוסטער אַלס רודף שלום'ניק, אָבער אסתר האָט איהם חושד געווען אז ער וויל מיט איהר גלאַט פארברייגגען.

לא הגידה אסתר — אסתר האָט קיינעם קיין מעשיות ניט דערצעהלט און האָט געוואַרט אויף א צייט, ווען זי וועט זיך מיט איהם קענען אָפּרעכענען ווי געהעריג איז.

ובהגיע תר — און ווען עס איז געקומען אמאָל א צייט, האָט זי איהם דערלאַנגט מיט א קאָפּול איבער'ן קאָפּ און געלע־בערט דעם מח.

ויעש — האָט זיך פּייווקע דער בוטשער געשעמט אויסזאָגען דעם אמת. האָט ער זיך געמאכט נע'פנר'ט און דערצעהלט א מעשה, אז ער איז געפאלען און געמאכט א לאָך אין קאָפּ. אָבער אין הארצען האָט ער געשווארען ראכע.

ובהקבץ — און אַז בעלי הבתים זיינען צוזאמענגעקומען אין בית המדרש, האָט פּייווקע דערצעהלט, אז די אסתר די שוסטערקע איז א געוואַלדיגע חצופה און זי וועט אַלע ווייבער ארויספיהרען אויפ'ן שמד. ער האָט דעריבער געראטען, אז מען זאָל איהר ארויסטרייבען פון שטעדטעל און פטור ווערען פון א צרה.

ויודע — האָט זיך אסתר דערפון דערוואוסט און זי האָט ביי זיך געטראכט: דאָס פלעכסטו זיך א שטריקעל פאר דיין איינענער תליה.

ג.

אחר הדברים האלה — נאָך דער דאָזיגער מעשה, האָט זיך פּייווקע דער בוטשער גענומען אָרגאניזירען די מענער פאר אן

אָפּענער מלחמה געגען די ווייבער בכלל און געגען אסתר דער שוסטערקע בפרט.

וכל — און אַלע ווייבער און ווייבלאַך פון באָקענוויל זיינען דורך אסתר'ן אָרגאַניזירט געוואָרען צו קעמפען געגען די מענער און אוועקנעהמען פון זיי דעם „והוא ימשל", און די שטעדטעל איז געגאַנגען כּאַדראַם.

ויבז — איז די מענער געוועזן אַ בזיון צו בויגען די קעפּ פאַר די קליידלאַך און זיי זיינען אַלע געוועזן גרייט צו טאָן אַלעס אין דער וועלט, בעדאי מאַכען אַ האַלסייל גט און פּטור ווערען פון אַלע באָקענווילער ווייבער, אבי אויספיהרען.

ויקראו — זיינען צוזאַמענגערופען געוואָרען בעלי הבתים און מען האָט גענומען טראַכטען וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו ראַטעווען דעם „והוא ימשל", וואָס זיי האָבען אין זייערע הענד משנים קדמוניות.

ונשלח — איז פאַרבליבען, אַז מען זאָל שיקען רופען אַלע מאַנסבילען פון שטעדטעל, פון קליין ביז גרויס, און מען זאָל אָפּהאַלטען אַ מאַסמיטינג.

וימצא — און ביים מיטינג איז אויסגעפונען געוואָרען, אַז מען וועט דאָ האָבען אַ האַרטען נוס צו צוקנאַקען; אָבער אָפּלאָזען די לייצעס טויג ניט, ווייל ונתן — טאָמער וועט מען די ווייבער נאָכגעבען, וועלען זיי אַרויפקריכען אויף די קעפּ.

ויקח — האָט פייוועל דער בוטשער „גענומען דעם פלאָר" און האָט אָנגעהויבען גיסען פעך און שוועבעל אויף אַלע ווייבער און איבערהויפּט אויף דער „חצופה" אסתר די שוסטערקע.

ויספר — און ער האָט דערצעהלט מעשיות, ווי אַלע ווייבער זיינען שוין נעספּאָילט, ווי זיי ווילען שוין מאַכען די מענער פאַר שמאַטעס, פאַר זייערע שקלאַפען, און ווי זיי האָבען שוין אַרונטערגעוואָרפען דעם גאַנצען רעספּעקט, דעם גאַנצען דרך ארץ פאַר זייערע דאָליעניקעס.

עודם מדברים — ווען די מענער האָבען נאָך געהאַלטען אין דיסקוטירען די פראַגע, איז אסתר די סאָפראַדזשעטקע אָנגעקומען מיט אַ גאַנצע מחנה ווייבער און אין מיטינג־לאָקאַל איז געוואָרען אַ שרעקליכע מהומה.

ד.

ויבא — איז פייווקע דער בוטשער ווידער ארויסגעקומען מיט לשון און האט אנגעהויבען ליארמען:

„כי נמכרנו — מיר זיינען שוין אזוי אויך גענוג פארקויפט צו די ווייבער. מיר גיבען זיי גענוג נאך די שמד, און איצט ווילען זיי נאך אז מיר זאלען זיך אזוי ערנידער־גען און זיי באדינען און זיי אוועקגעבען די גאנצע דעה! נאוסער, אין דער הייליגער תורה שטעהט „והוא ימשל", דער מאן דארף זיין דער בעל דעה, ענד ווי וויל סטיק טו איט".

ותען אסתר — האט אסתר די שוסטערקע איבערגעדרעהט דעם פעלץ אויף פייווקע דעם בוטשער און איהם איינגעצאהלט א וואזשנע פארציע.

וישב — האט זיך פייווקע דער בוטשער אומגעקעהרט אויף זיין פלאץ אבל וחפוי ראש און האט מעהר א ווארט ניט געקענט רעדען.

והמלך — און דער פארזיצענדער האט זיך צוהיצט און אנגעהויבען רעדען גראבע ווערטער געגען אסתר און אלע ווייבער.

ותסף אסתר — האט זיך אסתר מעהר פאנאנדערגעקוויטשעט, די אנדערע ווייבער האבען איהר מיטגעהאלפען און עס איז געווארען א גאנצע מלחמה.

ויכו — האט מען אנגעהויבען געבען קלעפ און די ווייבער האבען גענומען רייסען לאצען, צופען בערד, דראפען פנים'ער און שליידערען בענקלאך.

ויקראו — זיינען ארויסגערופען געווארען פאליסלייט און זיי האבען ארעסטירט א גאנצען באנטש ווייבער.

ואת — — — — — — — — — — — אסתר
ואת — — — — — — — — — — שפרינצע
ואת — — — — — — — — — — — צירעל
ואת — — — — — — — — — — — מירעל
ואת — — — — — — — — — — טריינע
ואת — — — — — — — — — — — בריינע
ואת — — — — — — — — — — שיינדעל
ואת — — — — — — — — — — — מינדעל

ואת — — — — — — — — — פּעסיע
ואת — — — — — — — — — סאַסיע

די צעהן הויפּט ראַיאָטערקעס, און מען האָט זיי אַלעמען איינגעשפּאַרט אין פּאַלים סטיישאַן, והעיר באַקענוויל צהלה ושמחה.

ה.

ביום ההוא — אין יענעם טאָג זיינען כמעט אַלע מענער פון באַקענוויל פאַרבליבען אָהן באַלעבאָסטעס און זיי האָבען אַליין געדאַרפט קאָכען, ניאַנטשען די קליינוואַרג, וואַשען די דייפּערס און טאָן אַנדערע שטוב־אַרבייט. זיי האָבען ערשט איינגעזעהן אַז זיי זיינען אין דר'ערד מיט די ביינער און זיי האָבען זיך פאַרבענקט נאָך זייערע פלונית'טעס.

ויקהלו — האָבען זיי זיך פאַר'חושך'טע, פאַרפּאַטשקעטע, פאַרכמאַרעטע און פאַרקלעמטע ווידער צוזאַמענגעקליבען צו אַן אספה און זיי האָבען בחרפּתם מודה געווען, אַז אָהן ווייבער קען מען ניט אויסקומען.

וקבל — און נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָבען זיי אויף זיך גענומען טייער צו האַלטען זייערע ווייבער, בעטען זיי מחילה און פאַרגיטיגען אַלעם מיט שעהנע דרעסעס און דזשולערי.

ויכתב — האָט דער סעקרעטערי פון מיטינג אויסגעשריבען אַ צעטעל פון אַלע אַרעסטירטע, מען האָט זיך צוזאַמענגעלעגט צו פּאָר דאָלאַר און זיי אויסגעלייזט. פון דאַן אָן שפּילען די ווייבער פון באַקענוויל אַ גרויסע ראָלע און קיין זאך ווערט אין שטעדטעל ניט געטאָן אָהן זיי.

וכל מעשה — און די גאַנצע געשיכטע פון פייווקע דעם בוטשער און אסתר דער סאַפראַדזשעטקע איז עד היום הזה ניט פאַרגעסען געוואָרען און ביי יעדער געלעגענהייט דערמאָנט מען דאָס איהם און זיינע קינדער.

ילקוט פורים חדש.

תני רבי חסדאי, רבי חסדאי האָט געלערענט: אחשורוש מלך טפש היה, אחשורוש איז געווען א נארישער קעניג, ולא עוד אלא שמתנגד היה, און ניט גענוג וואס ער איז געווען א נאר, איז ער נאָך געווען א מתנגד אויך דערצו; שנאמר, אין פסוק שטעהט: בשנת שלש למלכו עשה משתה, אין דריטען יאהר פון זיין קעניגען האָט ער געמאכט א שנעפסעל; אבל קודם לכן לא שתה, אבער פריהער האָט ער משמעות ניט געטרונקען, שמע מינה שהיה טפש ומתנגד, איז דערפון גערדונגען, אז ער איז געווען א שוטה און א מתנגד.

איזו משקאות חיב אדם לשתות בפורים? וועלכע משקאות דארף מען טרינקען אום פורים? אמר רבי שתין: יין שרף, האָט רבי שתין געזאָגט: מען דארף פשוט טרינקען בראנפען, מפני שיין שרף בגמטריא המן הרשע, ווייל די ווערטער „יין שרף" באַטרעפען אזוי פיל ווי פיל די ווערטער „המן הרשע."

מתקיף לו רבי זאנוויל, האָט רבי זאנוועל איהם א קשיא געפרעגט: והרי אין מספרן שווין? דער חשבון איז דאָך ניט קיין ריכטיגער? די ווערטער „המן הרשע" באַטרעפען 670 און די ווערטער „יין שרף" באַטרעפען מעהר ניט ווי 650? גער ביה רבי שתין בנזיפה, האָט רבי שתין אויף איהם אָנגעשריען מיט פאראַכ;טונג: שטיא, שותין עשרים כוסות כדי להשלים המנין, דוראַק איינער, עס איז פאראַן אן עצה, מען טרינקט אוים צוואנציג גלעזלאַך אום צו פארגלייכען דעם צאָהל צו דער גמטריא פון „המן הרשע."

דרש רבי געמציל הרוכל, רבי געמציל דער פעדלער האָט גע'דרש'ט: חיב אדם לשתות כום אחד בכל יום, א מענש דארף אַלע טאָג מאכען א שנעפסיל שנאמר, אין פסוק שטעהט: ויין למרי נפש, ווען עס איז ניט גוט אויפ'ן הארצען דארף מען מאַכען א שנעפסיל, און ווען טרעפט עס א טאָג וואס א איד זאל ניט האָבען עפעס א קלעמענים? רבי גרונם מוכר פחם אומר, רבי

גרונם דער קוילמאן זאגט, שנים, מען דארף אלע טאָג מאכען צוויי שנעפסלאך; שנאמר, אין פסוק שטעהט: טובים השנים מן האחד, צוויי איז בעסער ווי איינער.

רבי שתין ורבי שכרן הוי יתבי בסעודתא דפורים בהדדי, רבי שתין און רבי שכרן זיינען צוזאמען געזעסען ביי דער פורים'דיגער סעודה. פתח רבי שתין ואמר, האָט רבי שתין אָנגעפאנגען און געזאָגט: מחייב איניש לשתות תלת עשרי כוסות בכל סעודה וסעודה, א מענש דארף מאכען דרייצעהן שנעפסלאך ביי יעדען מאל־צייט. דתניא, ווייל מיר האָבען געלערענט: „ואינו נאכל אלא צלי," מען טאָר ניט עסען אָהן צלי, אָהן שנאפס, ווייל דאָס ווארט „צלי" מאכט „צריך לשתות יין." ומה כתיב בתריה, און וואס שטעהט ווייטער: רבי ישמעאל אומר בשלש עשרה מדות, רבי ישמעאל זאָגט דריי־צעהן מעסטלאך אדער גלעזלאך.

הרכין רבי שכרן את ראשו, האָט רבי שכרן איינגעבויגען זיין קאָפּ און געזאָגט: שפתים ישק. מען דארף דיר א קוש טאָן אין פּיסקעלע פאר דיין דרש.

יתיב רבי שמעיה הלבלר קמי רבי לייבעלע התקואי, רבי שמעיה דער שרייבער איז געזעסען ביי רבי לייבעלע התקואי, ודרשו בהלכות שתיה, און זיי האָבען געשמועסט וועגען פּי־תמיד. פתח רבי שמעיה ואמר, האָט רבי שמעיה אָנגעפאנגען און געזאגט: הא דתניא, דאָס וואס מיר האָבען געלערענט, עד ארבעין שנין מכלי מעליא מכאן ואלך משתי מעליא, ביז פיערציג יאָהר איז עסען גוט פאר'ן מענשען און פון דאן אָן און ווייטער איז טרינקען פאר איהם געזינטער, מנלן? פון וואנען ווייס מען עס? דכתיב, ווייל עס שטעהט אין פסוק: את המן אכלו ארבעים שנה, דעם מן האָבען די אידען געגעסען פיערציג יאָהר, ומה כתיב בתריה, און וואס שטעהט ווייטער, קח צנצנת, נעהם זיך צום גלע־זעל.

קחייך רבי לייבעלע התקואי, האָט רבי לייבעלע התקואי גע־לאכט, ואמר, און ער האָט געזאָגט: דבר זה לא נאמר אלא על דורו של מתושלח, די דאזיגע זאך איז נאָר געזאגט געווארען אויף מתושלח'ס דור, ווען מענשען האָבען געלעבט הונדערטער יאָהרען, דאמאלס איז געווען גענוג צו באקענען זיך מיט דעם גלעזעל צו פיערציג יאהר; אבל בדור הזה, אבער היינטיגע צייטען וואס

דער גאנצער לעבען, מישטיינס געזאגט, איז העכסטענס זיעבציג יאָהר, שאדעט ניט, אז מען הויבט עס אן פריהער.

שאל רבי דץ את תלמידיו, רבי דץ האָט געפרעגט זיינע תלמידים: כמה הכאות חיב אדם להכות את המן בפורים? ווי פיל קלעפּ דארף א איד געבען המן'ען אום פורים? חד אמר מאתים וחמישים, איינער האָט געזאגט צוויי הונדערט און פופציג, קל וחומר ממצרים, ער לערענט אפּ א קל וחומר פון די מצרים: ומה המצרים שלא גזרו אל על הזכרים, מה דאָך די מצרים וואס האָבען נאָר געמאכט א גזירה אויף די אידישע זכרים האָבען גע־כאפּט צוויי הונדערט און פופציג מכות, נאָך רבי עקיבא'ס חשבון; המן שבקש לעקר את הכל, על אחת כמה וכמה, היינט המן וואָס האָט געוואלט עוקר מן השורש זיין אלע אידישע קינדער, דארף א פשיטא קריגען אזא צאָהל קלעפּ. וחד אומר רמ"ח, און אן אנ־דער תלמיד האָט געזאָגט, אז מען דארף המן'ען געבען צוויי הונ־דערט אכט און פיערציג קלעפּ, כנגד רמ"ח אבריו של אדם, אנטקע־גען די צוויי הונדערט אכט און פיערציג גלידער פון א מענשען, שנאמר, ווייל אין פסוק שטעהט: המכה בעברתו, מען דארף גע־בען א קלאַפּ אין יעדען אבר. רבי דץ אמר, רבי דץ אליין האָט געזאָגט: ששים ושתים הכאות די לו, צוויי און זעכציג קלעפּ איז אויך גענוג פאר איהם, שנאמר, אין פסוק שטעהט, והיה אם בין הכות הרשע, מען דארף דעם רשע געבען „בין" קלעפּ ובין בגמטריא הכי הוה און דאָס ווארט „בין" באטרעפט 62.

דרש רבי חכמיאל, רבי חכמיאל האָט גע'דרשן'ט: מפני מה אין עושן סדר כפורים? פאר וואס מאכט מען פורים ניט א סדר אזוי ווי מען מאכט פסח? מפני שמחייב אינש לבסומי בפוריא, ווייל פורים דארף מען זיין שכור און וואו שכרות, דארט קען קיין סדר (אָרדנונג בלע"ז) ניט זיין. דבר זה למדנו, די דאָ־זיגע זאך לערנען מיר פון פאָניעס און פאָליאקען, ווי זיי זיינען ארייגגעטאָן אין פיאנעווען, דערפאר קומט דאָרט פאר פאָגראָמען און אונרוהען.

דעם אַנקעל׳ס פּורים־געלט.

מאַקס דער ביגלער, א גרויסער קבצן, האָט זיך פאר פּורים דורכגעשמועסט מיט זיין „אידענע״ און ביי זיי איז פאַרבליבען, אז זיי זאָלען שיקען א שלח־מנה צו זיין רייכען ברודער, דעם ריעל־עסטייטניק מר. באַרני ליוואַי.

אָבער אז שיקען א שלח־מנה צו אַזעלכע לייט, דאַרף מען שיקען עפּעס רעכטס, און עפּעס רעכטס קאָסט געלד, וואו זשע נעהמט מען דאָס? האָט מנוחה־שרה, זיין ווייב, אוועקגעטראָגען איהר מערידזש רינג צום „פּעטער״, האָט געקראָגען געבאָרגט אויף איהם צוויי מיט א האַלב דאָלאר און עס איז שוין געווען געלט.

האָט זי אָנגעבאַקט מעדני מלכים, טאַקי נאָר פאר דעם כבוד פון איהרע רייכע שוואָגער און שוועגערין. א שפּאַס, ריעל־עסטייטניקעס, גבירים, מען קאָן זיי דאָך ניט פּטור׳ן מיט שיהי־פּיהי.

און נגידים האָבען מזל. דאָרט וואו א נגיד אין אין מיטען איז דער שטן ניט שולט, און אפשר טאַקע אויף דעם מזל פון די רייכע ליוואַיס איז אַלעס ארויסגעקומען געראָטען. א שטרודעל אַזוי ווי געבאַקען אויף דער זון; א לעקאַך כאָטש פאר׳ן קיסר צו שטעלען; היינט מאַנדעל־ברויט — מיט גאָלד צוגלייך. מאַקס און מנוחה שרה זיינען געווען זיכער אז זיי וועלען ניט פאַרשעהמט ווערען און זיי האָבען זיך געשעצט גליקליך.

מנוחה־שרה האָט זיך ניט געיאָגט נאָכ׳ן כבוד וואָס זי וועט ביי דער רייכער שוועגערין אויסנעמען אלס א בריה. מאַקס האָט דאָס אויך ניט אויסען געווען. זייער ביידענס כונה איז געווען, אז דער רייכער ברודער און שוואָגער וועט מסתמא צוריק אָפּשיקען א שלח־מנה עטליכע דאָלאר, וועט מען קענען קויפען די קינדער סוטלאַך אויף פּסח. קיין אנדער אויסזיכט דערויף האָבען זיי ניט געהאַט.

צו דער סעודה האָט מאַקס צונערופען אַלע קינדער און גע־

פרעגט: „אנו, קונדסים, ווער וועט אוועקטראָגען די שלח־מנה צום פעטער?"

„איך!" — האָבען פינף קולות מיט אמאָל אויסגעשריען.

די קינדער האָבען געוואוסט אז דער אָנקעל איז א „ריטש מען" און מען קען ביי איהם קריגען פורים־געלט, דעריבער האָבען זיי אלע חשק געהאט צום „דזשאב". אָבער מאקס האָט זיך אָפגערופען:

„זאָל געהן הערי. ער איז סמאַרטער פון אייך אלע". און אזוי איז פארבליבען.

מנוחה־שרה האָט אויסגעשניטען א היבשע מיטעל־שטיק פון שטרודעל, א פיינעם חלק לעקאך, א פאָר שטיקלאך מאנדעל־ברויט, אריינגעלייגט אין א טעלער צוזאמען מיט א פינף סענטיגען אָרענדזש, האָט ארויפגעשאָטען א ביסעל באָב מיט ארבעס, אריינ־געוואָרפען עטליכע קענדים און צוגעדעקט מיט א ווייסער טיכעל. הערילע האָט מיט שטאָלץ און פרייד גענומען דעם טעלער און איז אוועק.

די איבעריגע קינדער האָבען איהם נאָכגעקוקט מיט קנאה און די מוטער האָט זיי מפצה געווען מיט שטיקלאך לעקאך און זיי געטרייסט, אז דער אָנקעל וועט שיקען א „האָל לאט מאָני" און מען וועט זיי אלעמען קויפען סוטלאך אויף פסח.

שפעטער איז הערי געקומען צו לויפען און מיט שמחה אויס־געשריען: „אי גאָט איי ניקעל, אָנקעל געיוו מי פייוו סענטס!"

מנוחה־שרה האָט א קוק געטאָן אין טעלער, האָט זי דאָרט געפונען איהר גאנצע שלח־מנה. בלויז דער ארענדזש איז אי־בערגעבליבען געוואָרען אויף אן עפעל. זי האָט דעם ניקעל אויס־געביטען אויף פינף פענים און צוטיילט אלע קינדער, באמערקענ־דיג דערביי:

„ניט מעהר זאָל אייער פעטער פארמאָגען, ניט מעהר זאָל ער לעבען. אומזיסט און אומנישט זיך אזוי פיל מרבה בהוצאה געוועז."

פורים'דיגע תורה.

פורים איז א מנהג בכל תפוצות ישראל, אז מען באקט אזא געבעקס וואס מען רופט המן־טאשען, און די דאזיגע געבעקס ווערט אומעטום געמאכט אונטער איין פארמע — דריי־עקיג.

מקשין העולם, פרעגט די וועלט א קשיא: ווארום עפעס דוקא דריי־עקיג? ווארום ניט קיילעכדיג אדער פיער־עקיג? איז דער תירוץ אזוי:

קיילעכדיגע געבעקס איז א סימן אבלות. א ראיה האט איהר, אז ערב תשעה באב צו דער סעודה המפסקת, ווען מיר זיינען אבלים נאכ'ן בית המקדש, עסען מיר א בייגעל מיט אן איי. ווען איינער ווערט, לא עלינו, אן אבל, איז אויך דער דין אז די ערשטע סעודה זיינע דארף באשטעהן פון א בייגעל מיט אן איי. און אזוי ווי פורים דארף מען דאך זיין פרעהליך, טאר קיין זכר פון אבלות ניט געזעהן ווערען אין אונזערע הייזער; ראשית, פשוט צוליב דעם דערמאנטען טעם; והשנית, וואלט דאך דאס אויסגע־זעהן עפעס אזוי ווי מיר פראווען חס ושלום אבלות נאך המן הרשע און זיינע צעהן בנים, דעריבער מוזען מיר מאכען די המן־טאשען עקיגע. און אזוי ווי עס גיבט דאך ניט א זאך וואס זאל האבען ווייניגער ווי צוויי עקען גיבען מיר נאך צו א דריטען עק אלס זכר צו ושתי'ס אומגליק...

אי וואס וועט איהר אפשר וועלען זאגען, אז שוין יא עקיג, זאל מען מאכען פשוט, אהן קונצען, פיער־עקיג? דערויף וועלען מיר אייך ענטפערען: צו וואס אן איבעריגען עק?

ווען מיר דערמאנען אמאל המנ'ען דערמאנען מיר איהם מיט'ן ביינאמען „רשע". מען זאגט ניט סתם „המן", נאר „המן הרשע". איז דאך די קשיא: ווארום זאגט מען ניט, צום ביי־שפיל, „פרעה הרשע" אדער „עמלק הרשע"? זיי זיינען דאך אויך געווען אונזערע שונאים? וועלען מיר די זאך געבען צו פארשטעהן מיט א משל.

למשל: אין א שטאָדט זיינען פאַראַן צוויי מענשען וואָס מען רופט זיי ביידען בעריל, אָדער צוויי מענשען וואָס מען רופט זיי ביידען שמעריל, איז דער שטייגער, אַז מען גיט זיי צו ביי־נעמען. מען רופט, למשל, איינעם „בעריל דער לאַנגער" און דעם צווייטען „בעריל דער קורצער", אָדער „שמעריל דער פליבעוואַטער" און „שמעריל דער פיסקאַטער", כדי מען זאָל וויסען, וועלכען בעריל אָדער שמעריל מען מיינט. און אזוי ווי עס זיינען פאַראַן צוויי המן'ס, דער המן וואָס האָט געוואָלט אויסקוילענען די אידען און דער המן וואָס מען עסט פורים, רופט מען דעם ערשטען „המן הרשע" און דעם צווייטען — „המן טאַש", פרעה איז אָבער מעהר ניט געווען ווי איינער, עמלק אויך אזוי, דעריבער זיינען ביי־נעמען פאַר זיי ניט נויטיג.

אם כן, וועט איהר אפשר פרעגען א קשיא: למאי זאָגט מען „טיטוס הרשע" און „בלעם הרשע"? איז דער תירוץ, אַז עס זיינען מסתמא געווען צוויי טיטוס'ען און צוויי בלעם'ס, דעריבער האָט מען זיי געמוזט באַצייכענען מיט ביי־נעמען.

אלע ימים טובים פון יאָהר, אפילו ראש חודש, זאָגט מען הלל, און פורים, ווען מיר האָבען געהאַט אזא גרויסען נס, זאָגט מען ניט קיין הלל! וואָרום איז דאָס? וועט איהר דאָך אפשר וועלען זאָגען, אַז פורים איז ניט קיין יום טוב און קרחת איז ניט קיין קרענק? וועלען אייך טויזענטע מענשען וואָס האָ־בען, ניט פאַר אונז געדאַכט, פאַרזוכט דעם טעם פון קרחות, עדות זאָגען, אַז דאָס איז שוין גאָר א גוטע קרענק. הייסט ווי־באַלד אַז קרחת איז א קרענק, איז דאָך פורים א יום טוב, בלייבט דאָך טאַקע די קשיא: וואָרום זאָגט מען ניט פורים קיין הלל?

אָבער מיר וועלען אייך די קשיא פאַרענטפערען קורץ און שאַרף. היות אזוי ווי פורים איז דאָך א מצוה צו טרינקען בראַנ־פען און מים — וואַסער, איז לא יזכר ולא יפקד, דעריבער זאָגט מען אין דעם טאָג קיין הלל, ווייל דאָרט שטעהט „ההפכי הצור אגם מים החלמיש למעינו מים". עס איז שוין נענוג אַז די סאַלון־קיפּערס פאַר'מים'ען די בראַנפען, זאָל מען נאָך האַלטען אין מויל די מים פון הלל?

און וואָרום האָבען מיר אלע ימים טובים, אויסער חנוכה, א צווייטע שמונה עשרה און פורים ניט? איז דער תירוץ אזוי:

עס איז ידוע אז די שמונה עשרה איז אנשטאָט די עבודה וואָס די כהנים פלעגען פראַווען אין בית המקדש, און דער דין איז, אז ווען א כהן איז שכור טאָר ער ניט פראַווען די עבודה. לכן, אזוי ווי פורים איז דאָך א מצוה צו זיין שכור, דעריבער איז אויף דיזען יום טוב ניטאָ קיין צווייטע שמונה עשרה.

אם כן וועט איהר דאָך אודאי פרעגען: דאַרף מען דאָך די ערשטע געוועהנליכע שמונה עשרה אויך דורכלאָזען, טאַקע צוליב דעם זעלבען טעם? איז דער תירוץ: הויב זיך אָן מיט א אידען, גיב איהם א פינגער וויל ער די גאַנצע האַנד!

אויפ'ן פסוק פון דער מגילה „ופני המן חפו", המן'ס פנים איז באדעקט געוואָרען, דרשנ'ט די גמרא, אז ווען המן האָט געפיהרט מרדכי'ן דורך די גאַסען רייטענדיג אויפ'ן קייזערליכען פערד, האָט המן'ס טאָכטער דאָס געזעהן דורך א פענסטער פון אַן אויבערשטען פלאָר, האָט זי געכאַפּט א כלי מיט אַן אומריינע, ניט שמעקענדיגע זאַך... און האָט אָפּגעפּליוכעט דעם וואָס האָט געפיהרט דאָס פערד פאַר'ן צוימעל, מיינענדיג אז דאָס איז דער אידליק מהדכי. איז דאָך די קשיא: היתכן? ווי איז דאָס מעגליך? המן איז דאָך געווים געוועזן א גרויסער, געזונטער גוי'עץ מיט א געגאָלטע מאָרדע, און מרדכי איז בלי ספק געוועזן א קליין אידעל, אַן אויסגעדאַרטער, מיט א לאַנגע באָרד און געקרייזעלטע פאות, ווי א צדיק! היינט ווי איז דאָס שייך צו זאָגען אז המן'ס טאָכטער האָט זיי פאַרביטען? איז דער תירוץ אזוי:

המן'ס טאָכטער האָט טאַקע געוואוסט, אז דער וואָס רייט אויפ'ן פערד איז מרדכי, און דער וואָס פיהרט דאָס פערד איז איהר טאַטע המן. זי איז אָבער געוועזן א גרויסע מרשעת, אין טאַטען געראָטען, האָט זי ניט פאַרגונען דעם „זשיד" וואָס ער האָט אזא פיינעם קוטשער און זי האָט בעדאַי איהר אייגענעם טאַטען אָפּגעפּליוכעט מיט יענע מיאוס'ע זאַך, אום צו ערנידעריגען דעם כבוד פון דעם אידען מרדכי.

עהרען־ליסטע פון סובסקרייבערס.

א

יהושע אפעל, 2629 אגוסטא סטריט, שיקאגא, איל.
ס. אלבום, 212 פעירמאנט עווע, נוארק, נ. דזש.
ישעיה אימערמאן, 328 איסט 19טע סטריט, ניו יארק.
מ. ארצאוו, 1441—59טע סטריט, ברוקלין, נ. י.
מאקס אלינגער, 102 א. האסטאן סט., ניו יארק.
אביגדור אלטערמאן, 34 ראוטש סט., אטלאנטא, דזשארדזשיא.
הילדים מילטאן און פרעדי אייבראמסאן, 479 אטלאנטיק עוו., ב'קלין, נ. י.
א. איזראעלאוו, 14 פראספעקט פליים, א. ארענדזש, נ. דזש.
מרס. ב. אייזענבערג, 406—48טע סטריט, ברוקלין, נ. י.

ב

דוד בערנשטיין, 332—7טע עוועניו, ניו יארק.
הענרי ברוקס, 1510—9טע עוועניו, נעשוויל, טענע.
בלאק'ס דרייגודס סטאר, אייראן ריווער, מיש.
סיימאן בלעבער, 11 עלערי סטריט, ברוקלין, נ. י.
א. בוכוואלטער, 453 א. האוסטאן סטריט, ניו יארק.
ל. בורשטיין, 695 האווארד עוועניו, ברוקלין, נ. י.
הערים בורשטיין, 119 וו. 24טע סטריט, בעיאן, נ. דזש.
נ. בראון, 324 ראקאוועי עוועניו, ברוקלין, נ. י.
לואיס בריינעס, 11-13 ראק סטריט, ברוקלין, נ. י.
גרשון באראן, 106 וו. 89טע סטריט, ניו יארק.
מנחם מרדכי בורג, 753 א. 5טע סטריט, ניו יארק.
משה יונה ברעגער, 1545 מינפארד פליים, בראנקס, נ. י.
אפרים בערקאוויטש, 338 א. 100טע סטריט, ניו יארק.
מרס. בראדסקי, 729 לאפאיעט עוועניו, ברוקלין, נ. י.

ג

דזשאזעף גאלדמאן, 355—2טע סטריט, מעיקאן, דזשארדזשיא.
טשארלס גארעצקי, 162 א. דזשוירזי סט., עליזאבעטה, נ. דזש.
סעם גאלדבערג, 722 דזשאהן סט., וו. האבאקען, נ. דזש.
י. ס. גראבאן, 903 א. טעילאר סט., קאקאמא, איגד.

דזש. גילערמאַן, 4549 קאָטע ברוליאַנטע, סט. לואיס, מיזורי.
רעוו. יצחק געלעס, 53 קענאַן סטריט, ניו יאָרק.
ה. גרינבערג, 440 ניו דזשוירזי עווע., ברוקלין, נ. י.
ג. גאָטלער, וואודראָו, אילינאָיז.
י. גאָלדבערג, 136 ראָסס סט., סאַן פראַנציסקאָ, קאַל.
יהושע גאָלוב, 97 גרין סטריט, באָסטאָן, מאַסס.
שבתי גרעבלאָווסקי, 551 קאָסקיאָסקאָ סטריט, ברוקלין, נ. י.
יהושע גאָלדמאַן, 709 לאַפאַיעט עוועניו, ברוקלין, נ. י.
שמואל גבריאל, 323 ווערנאָן עוועניו, ברוקלין, נ. י.
זרח גרינבערג, 926 וו. מאַרקעט סטריט, לואיסוויל, קענטאַקי.
מרס. א. גאָסן, 514—13טע עוועניו, בעלמאַר, נ. דזש.

ד

סעמיועל דרעקסלער, 292 א. 2טע סטריט, ניו יאָרק.
לואיס דיימאָנד, 45 דילענסי סטריט, ניו יאָרק.
דזשייקאָב דייוויס, 226 קלענדענין סטריט, טשאַרלסטאָן, וו. ווא.
סיימאָן דינערשטיין, 35—7טע סטריט, ניו יאָרק.
מאָריס דינערמאַן, 106 א. 10טע סטריט, ניו יאָרק.
מרדכי יהודא דינערמאַן, שו"ב, 330 מאָריס עווע., נואַרק, נ. דזש.
ה. דיימאָנד, 95 פרענקלין סט., דזשוירזי סיטי, נ. דזש.
מרס. דזשאַבלאָן, 185½ ווערנאָן עוועניו, ברוקלין, נ. י.

ה

לואיס הערים, 275 פעיר סטריט, פעטערסאָן, נ. דזש.
דזש. האַמבורג, פ. א. ב. 18, גלייס בעי, נ. ס.
יוסף האָפמאַן, 712 ווערמאָנט סטריט, ברוקלין, נ. י.
מאָריס האָפמאַן, 441 א. מעדיסאָן עוועניו, יאָנגסטאַון, אָהיאָ.
יוסף הערשמאַן, 2506 נ. סטענלי סט., פילאַדעלפיא, פאַ.
מאָריס האָפמאַן, 40-138 מייפעל סטריט, האָליאָק, מאַסס.

וו

סעם ווערנער, 675 קאַלעדזש סטריט, בוימאָנט, טעקסעס.
לעאָן וויעזען, 12טע און אַרטש סטס, פילאַדעלפיא, פאַ.
ס. א. ווייסבערג, 2632 פען עוועניו, פיטסבורג, פאַ.
דן צבי וואָלאָך, 240 א. 24טע סטריט, ניו יאָרק.
ב. וויענער, 496 האָפקינסאָן עוועניו, ברוקלין, נ. י.

ז

משה אייזיק זלאָטקין, 528 דיקינסאָן סט., פילאַדעלפיא, פאַ.

ט

ירחמיאל טשערקאַס, 42½ סט. מארקס פּליים, ניו יאָרק.
גייטען טובעלסקי, 1789 פולטאָן עוועניו, בראנקס, ניו יאָרק.
יוסף ב״ר חיים חלאוונא טובאלסקי, 1775 מעדיסאָן עוועניו, ניו יאָרק.
א. טישלער, 93 פאקס סטריט, בראנקס, נ. י.

י

מ. יאקאָבאָוויטש, 14 דעילי סטריט, לאועל, מאַסס.
א. מ. יתום, 31 פען עוועניו, וואוסטער, מאַסס.
פרענק יודעוויטש, 278 עוועניו „איי״, ניו יאָרק.

ל

הערמאַן לעדער, 897 בראָדוויי, ברוקלין, נ. י.
הרב יהודא לאזאראָוו, 910 וויטלאק עוועניו, בראנקס, נ. י.
רעוו. ח. ל. לאסקער, 37 וו. 16טע סטריט, בעיאָן, נ. דזש.
מרס. איטע לעווינסאָן, 322 סקערמערהארן סטריט, ברוקלין, נ. י.
ס. ליפין, 25 פּוירל קאָורט, ביוטאן, מאַסס.
ס. לעווינסאָן, 99 עמבאָי סטריט, ברוקלין, נ. י.
הילדה חוה לעווינסאָן, 1520 סט. מאַרקס עוועניו, ברוקלין, נ. י.
יחזקאל לעווענסאָן, 427 האָדסאָן סטריט, ניו יאָרק.

מ

ב. מאגין, 525 גרין עוועניו, ברוקלין, נ. י.
אייברעהעם מאיער, 12 מוירסער סטריט, נואַרק, נ. דזש.
מארים מאראוויץ, 923 סימפסאָן סטריט, בראנקס, נ. י.
אייברעהעם מייערס, 38 וואוסטער סטריט, ניו יאָרק.
סעם מאגיד, 535—21טע סטריט, ראק איילאנד, איל.
הערי מארים, 841—24טע סטריט, ראק איילאַנד, איל.
מ. מוהלענדאָרף, 119 מוירסער סטריט, ניו יאָרק.
י. מינסקי, 60 בעלוויל עוועניו, נואַרק, נ. דזש.
ל. מאור, 607-609 א. 43טע סטריט, שיקאגאָ, איל.
ס. מילער, 244 סטאקטאָן סטריט, ברוקלין, נ. י.

נ

מ. נעמעראָוו, 621 ווילאָבי עוועניו, ברוקלין, נ. י.
נ. ניומאַן, 22-118 פּרינס סטריט, נואַרק, נ. דזש.
מענדיל נעפאַן, 2132 דיען סטריט, ברוקלין, נ. י.

ס

ס. סעלצער, 324 א. 9טע סטריט, ניו יאָרק.
הרב יצחק סאדען, 310 בראדפארד סטריט, ברוקלין, נ. י.
מאַקס סאָסנאָווסקי, 109 א. סופיריאָר סטריט, דולוטה, מיש.
דזש. סעלין, עלם סטריט, אייראָן ריווער, מיש.
איסר סיעגעל, 79 ווילעט סטריט, ניו יאָרק.
י. סילווער, 603 ראיין סטריט, לעיק טשארלס, לואיזיאנא.
יצחק סימכאָוויטש, 1010 ראדזשערס פּליים, בראָנקס, נ. י.
הילדה העלנע סאָלאָמאָן, 1086 ליבערטי עוועניו, ברוקלין, נ. י.
אסתר רחל סיימאס, 148 איסט קאָנגרעס סטריט, סט. פּאול, מיננ.
אליהו שו"ב ספּעקטאר, 7-25 ארלינגטאָן סטריט, טשעלסיא, מאַסס.

ע

ליפּמאן עדעלשטיין, 52 קענאָן סטריט, ניו יאָרק.
דזש. ענגלער, 504 עוועניו „דזשי", מיאמא, פלאָרידאַ.
ס. עמאַנועל, 355 קוירני סטריט, סאַן פראַנציסקאָ, קאַל.
סעם א. ענדיך, 241 נ. 7טע סטריט, סטויבענוויל, אָהייאָ.
בעני ערנסט, 414 איסט 74טע סטריט, ניו יאָרק.

פ

היימאן פרענק, 93 לואיס סטריט, ניו יאָרק.
ראבערט פרענק, 1414 וואלנאט סטריט, טאָלידא, אָהייאָ.
ה. פריד, 1002 לאקוסט סטריט, פילאדעלפיא, פּאַ.
סעמיועל ב. פריעדמאָן, טשראם, נ. דזש.
מרס. ראָזי פריעדמאָן, טשראם, נ. דזש.
בנימין זאב פייער, 731 אָלבאַני עוועניו, הארטפארד, קאָנג.
יוסף פישער, 1619 וו. באָלטימאָר סטריט, באָלטימאָר, מד.
ע. פרענקס, פּאָרט האופ, אנטאריאָ.
יונה פישער, 1819 מאחיגען עוועניו, בראָנקס, נ. י.
ישראל פיינסילווער, 954 דזשאָנ'ס פּליים, ברוקלין, נ. י.
מרס. פעלדמאָן, 915 סט. מארקס עוועניו, ברוקלין, נ. י.
מרס. פרידגוד, 184 קאסקיאסקא סטריט, ברוקלין, נ. י.
פ. פריעדמאן, לעסלי, טראנסוואל.

ק

לואיס קאָהען, 408—26טע סטריט, נ. וו. וואשינגטאָן, ד. ק.
מרס. דזש. קאראנדע, 100 פעירמאנט סטריט, לאורענס, מאַסס.
מאיר קאפלאָן, 772 לאפאיעט עוועניו, ברוקלין, נ. י.
מאַקס קומעל, אייראָן ריווער, מיש.
עטהעל קאַטץ, 105 קאָלומביאָ סטריט, ניו יאָרק.
דזשייקאָב קאָרנבלאט, 530 נ. פּיין סטריט, באלטימאָר, מד.

סאל. מ. קורשאן, 1535 פרעזידענט סטריט, ברוקלין, נ. י.
מרס. סערעה קאַטץ, 243 עמבאַי סטריט, ברוקלין, נ. י.
אַלבערט קרוגער, 167טע סטריט און טעלער עוועניו, בראנקס, נ. י.
רעוו. חזן יצחק קאַמינסקי, 729 לאַפּאַיעט עוועניו, ברוקלין, נ. י.
משה ליב קאַנטאָר, 29 עסעקס סטריט, ניו יאָרק.
שמואל קאהען, 14 אָרטשאַרד סטריט, ניו יאָרק.

ר

רעוו. אליהו נתן ראָזען, 153 עסעקס סטריט, ניו יאָרק.
ס. רוסאקאָוו, 1872 בוירגען סטריט, ברוקלין, נ. י.
א. ראָוונער, 672 איסט 179טע סטריט, בראנקס, נ. י.
דזש. ראָזענשטיין, ס. פאלסבורג, ניו יאָרק.
דזשייקאָב ראזנער, 1 איסט 121טע סטריט, ניו יאָרק.
רעוו. לעאָן דזש. ריזיקאָוו, 48 מור סטריט, ברוקלין, נ. י.
מאַקס ראבינאָוויטש, דזשיראַרדוויל, פּאַ.
יעקב ראָזענבערג, סאַשעל סוירקעל, דזשאָרדזשיע.
אריה דוב ראטבארד, 1128 סאן פראַנציסקאָ עוועניו, שיקאַגאָ.
דזש. ראָזענבאַום, סענטערוויל, אייאָווא.
יוסף ראבינאָוויץ, 1564—44טע סטריט, ברוקלין, נ. י.
ק. רעסס, 666 ווילאובי עוועניו, ברוקלין, נ. י.
אליהו ראָזענבערג, 82 פולאסקי סטריט, ברוקלין, נ. י.
סעם רובין, 21 טאָמפּקינס עוועניו, ברוקלין, נ. י.
מרס. ראָגאָוו, 23 לואיס עוועניו, ברוקלין, נ. י.
מר. ראַבינאָוויץ, 192 סאמנער עוועניו, ברוקלין, נ. י.
מרס. רעסס, 666 ווילאָובי עוועניו, ברוקלין, נ. י.

ש

איזיק א. שיף, 2 וו. 88טע סטריט, ניו יאָרק.
אברהם י. שאַטטין כהן, 2027—2טע עוועניו, ניו יאָרק.
ל. דזש. שאף, 1007 ברוק עוועניו, בראנקס, נ. י.
זונדעל שרייבער, 157 לודלאָוו סטריט, ניו יאָרק.
דוד שניידער, 329 בריינברידזש סטריט, פילאַדעלפיא, פּאַ.
דוד שטיין מיחוסו, 56 איסט 1טע סטריט, ניו יאָרק.
שמואל גדליה הלוי שטיין, 1692 וואַשינגטאָן עוועניו, בראנקס, נ. י.
מרס. שפיגעל, 1349—42טע סטריט, ברוקלין, נ. י.
מרס. שאַפּיראָ, 619 ווילאָובי עוועניו, ברוקלין, נ. י.
מרס. שייקער, 145 טאָמפּקינס עוועניו, ברוקלין, נ. י.
אחרי שעווינסקי, 343 סאַראַטאָגאַ עוועניו, ברוקלין, נ. י.
משה שטערצער, 89 א. בראָדוויי, ניו יאָרק.
פיליפ שטיינבערג, 123 פלאָיד סטריט, ברוקלין, נ. י.
ל. שוואַרץ, 55 א. נאָרטה סטריט, אוליאן, נ. י.

פרייז פון בוך „עונג יום טוב" — $2.00

צו באקומען ביי אַלע בוכהענדלער און ביים פארפאַסער:

A. D. OGUS

1542—45th St. Brooklyn, N. Y.